STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06867

DOS GOLDENE FEYGELE

Berl Grynberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס גאָלדענע פּייגעלע

בערל גרינבערג

דאָס גאָלדענע פֿייגעלע

נאָוועלע

★

אותיות געצייכנט:
י. גראַנאַט

פֿאַרלאַג חברים
בוענאָס איירעס, 1955 — תשט״ו

BERL GRYNBERG

EL PAJARITO DE ORO

("DOS GOLDENE FEIGUELE")

NOVELA

★

Editorial Amigos
Buenos Aires, 1955

149832

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Copyright by
BERL GRYNBERG, Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la Ley 11723

אין דעם זעקס־שטאָקיקן דעפּאַרטאַמענטן־הויז מיט די פיר און צוואַנציק פענצטער צו דער גאַס, איז בייטאָג אייביק טונקל, ווי פאַרכמאַרעט, ממש פינצטער, חושך. און ביינאַכט גאָר איז דער פּראָנט פון זעלבן הויז מיט די אַלע פענצטער — צו פיר הויכע און שמאָלע פענצטער אויף יעדן שטאָק — באַגאָסן און באַבלענדט מיטן ליכט פון די אַנטקעגנדיקע הויכע און ברייטע געביידעס מיט די טוכלע, אַלטמאָדישע קינאָ־זאַלן, מיט קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען און טאַנץ־לאָקאַלן, וואָס נעסטיקן שוין צענדליקער יאָרן אין די געביידעס ווי הויכע וואָלקנקראַצערס — לויכטן אויף אין די פאַרנאַכטן זייערע ווענט מיט די נעאָן־שילדן, צעברענען זיי זיך מיט אויגן־פאַרבלענדנדיקע ליכטער, און דעמפן אַרויס פון זיך מיט רויט־גרינע־וויאָלעטע שיינען, מיט ראָזיקע בעפלען צום הימל, ביז אין די גרוי־שפּעטע פאַרטאָגן אַריין. אַזוי דעמפּט עס אויס אין אַ פייערדיקן נעפּל אַלע נעכט פון גאַנצן קיילעכדיקן יאָר — איז דערפאַר דאָס גרוי־אָפּגעבליאַקעוועט, אַביסל נידעריקערע הויז פון אַנטקעגן אינעם אייביקן שאָטן פון די העכערע שכנים, איז עס ענלעך צו אַ ריזיקער טרומנע, אַזאַ אויפגעשטעלטער טויטן־אָרון פון אַ פאַרצייטיקן ריז, איז דאָס שטיין געבליבן, מסתמא, פון יענע ווייטע פאַרגאַנגענע ספינקס־צייטן — איז עס איבערגעבליבן אין דער מיט פונעם רוישיקן און שמאָלן צענטער־געסל, האָבן מענטשן זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם שטיינערנעם קאַסטן אַריין, זיך איינגענעסטיקט, און — זיי, די מענטשן, וועלן זיך פון דעם הויז שוין קיינמאָל מער נישט אַרויסציען!

דער אַריינגאַנג פון דער גאַס אין דעם טרומנע־פאָרמיקן הויז אַריין, פירט דורך אַן איין־איינציקן, מגושמדיק־הויכן און שמאָלן טויער, אַן אייזערנער טויער מיט לאַנגע שטאַכעטן ווי שפּיזן. אַ שמאָלער און פינצטערער קאָרידאָר ציט זיך אַוועק, ווי אין אַן אונטערערדישן טונעל אַריין, אין אַ הייל אַריין; ביים עק פון קאָרידאָר, נעבן די שאַרע מאַרמאָר־טרעפּ, זשומעט אָפּט, רוישט מיט אַ בייזן געברום, פון אַ טיפן גרוב אַרויס, דער

מאַטאָר פון דער ווינדע, וואָס הייבט אַרויף און שלעפּט אַראָפּ די הייב־מאַשין — אַזאַ אייזערנע קאַסטן־שטייג — אַן אויפגעהאָנגענע אויף שטאָלענע קייטן, אויף שטאָלענע קאַבלען, מיט צוויי גרויסע רעדער אויפן קופּאָל־אַרטיקן דעכל, מיט אַ גילאָטינע־פאָרמיקער קאָנטער־וואָגע, וואָס רוקט זיך אין איינגעקלעמטס צווישן פאַרזשאַווערטע און מיט סמאָלע אויסגעקלעפּטע שינעס; די שטאַכעטן־טירן פון דער ווינדע רוען זעלטן ווען בייטאָג: אַלע מינוט ווערן די טירן אויפגערוקט און איינגערוקט, און יעדע פּאָר מינוטן פאַרגעסט ווער די ווינדע־טירן צו פאַרמאַכן — דער־מאָלט ווערט אַ געקלאַפּערײַ און אַ געפּויקערײַ אויף אַלע שטאָקן און אין אַלע ווינדע־טירן, העמערט מען מיט געשרייען און זידלערייען. מען לויפט צעקאָכטע אויף די טרעפּ אַראָפּ און אַרויף ביז — ביז די אייזערנע שטייג, אַביסל אין אויסגערוטע, ווי זי וואָלט אָנגעזאַמלט פרישע כוחות — הויבט צוריק אין אַראָפּצושטייגן און אַרויפצושטייגן מיט אַ קרעכצעניש און ציטערניש, אַז די אַלטע טונקעלע ווענט פונעם גאַנצן הויז ציטערן־מיט צו־זאַמען מיטן מאָטאָר און דאָס עלעקטרישע לעמפּעלע, וואָס לויכט מיט אַ טונקל פּייערל אינעם סופיט פון דער ווינדע לעשט זיך זייער זעלטן אויס, באַלייכט עס דעם אומאויפהערלעכן וואַנדער אַראָפּ־און־אַרויף אי־נעם חלל צווישן געפלעכט פון די שטאָלענע קאָנסטרוקציע־שטאַנגען, שטאַבעס, פּרענטן, שטאָלענע בויגנס אַרומגעצוימטע מיט ווענטלעך פון געפלאָכטענעם דראָט ווי פיש־נעצן — באַלויכט דאָס ווינדע־לעמפּעלע די טרעפּן, די פּאַיעס און די טירן פון יעדן דעפּאַרטאַמענט באַזונדער, און די מענטשן וואָס פאָרן אָפּט אין דער ווינדע טיילן פון זיך אַרויס פאַר־טאָפּלטע אויסגעצויגענע שאָטנס אויף די ווענט אַרויף פון רעכטס און לינקס. ווערט די מענטשן דעמאָלט זייער אומהיימלעך און זיי קוקן אַראָפּ פון דער הויכקייט מיט מורא און פחד און יעדע סעקונדע פאָרן אין דער אייזערנער שטייג ווייזט זיי אויס ווי מינוטן, לאַנגע אומרואיקע מינוטן...

חנא, דער היטלמאַכער, איז טאַקע באמת געוועזן דער איינציקער שכן פונעם הויז, וואָס פלעגט זייער אָפּט, כמעט יעדע נאַכט, אַרויפ־שטייגן אָדער אַראָפּשטייגן דורך די פינצטערע טרעפּ אַלע זעקס שטאָקן צופוס. ער, חנא, האָט קיינמאָל, אָדער זעלטן ווען געהאַט דאָס ביסל מזל צו טרעפן די הייב־מאַשין אַ דינסט־גרייטע; שפּעט ביינאַכט, אָדער אין די שוין גרויע פאַרטאָגן, ווען ער פלעגט אַהיימקומען, האָט ער שטענדיק געטראָפן די ווינדע אַ שטיין־געבליבענע אויפן פינפטן אָדער זעקסטן

שטאָק, מיטביידע צעפּראַלטע טירן. וויפל מאָל ער האָט נישט אָנגער־קוועטשט דעם עלעקטרישן קנאָפּ, האָט די הייב־מאַשין נישט אָנגעהויבן פונקציאָנירן. די שכנים — אייביק צעקריגטע צווישן זיך — האָבן גער־האַט אַ באַזונדערע הנאה, אַז עמיצער האָט געמוזט גיין צופוס אויף די טרעפּ... שפּעט אין דער נאַכט, האָבן די שכנים נישט גערן געהאַט דעם גערויש פון דער ווינדע, כאָטש פון דער גאַס האָבן זיך דורך די נעכט אַריינגעריסן אין זייערע שטיבער אַריין געלעכטערס פון שיכורים און קוויטשערייען פון צעלאָזענע פרויען; עס האָבן זיך געטראָגן קולות פון צעהוליעטע נאַכט־פאַרשוינען, אויסגעמישטע מיט טענער פון טאַנץ־מו־זיק, אויסגעמישטע מיט אויטאָמאָביל־טרובערייען און טראַמוויי געקלינ־גערייען... חנא האָט נאָך געהאַט אַביסל מזל, וואָס ביינאַכט האָט גוט פונקציאָנירט דער אויטאָמאַטישער אַפּאַראַט פון דער טרעפּ־באַלויכטונג. נאָר ביז ער פלעגט דערגיין קוים צום צווייטן שטאָק, פלעגט שוין צוריק פינצטער ווערן. אָפטמאָל האָט חנא געמוזט אויסרייבן אַ פול שאַכטל שוועבעלעך, ביז ער האָט, ענדלעך, דערגרייכט דעם זעקסטן און לעצטן שטאָק, ווו ער האָט געהאַט זיין צימערל. זעלטן, גאָר זעלטן, האָט ער געהאַט דאָס ביסל מזל, אַז ער זאָל קענען מיט דער מאַשין אַרויפפאָרן, האָט ער טאַקע געמוזט שלעפּן זיין שווערן, נאָר שלאַנקן גוף מיט אַ סך מאַטערניש און סאָפּעניש. אַלע ווילע האָט ער זיך געווישט די אויגן, אָפּגערוט אַ ווילע און אויסגעווישט די דיקע ברילן־גלעזער, ווייל שוין היפּשע עטלעכע יאָר ווי חנאן איז באַפאַלן די קרענקלעכע קורצזיכטיקייט. דאָס האָט אים געמאַטערט און אים אויפן רעשט פאַרביטערט דאָס עלנטע לעבן, פאַרביטערט די אַכט־און־פערציק יאָר און אויסגעשמירט ווי מיט גאַל דאָס גאַנצע ביסל לייב־און־לעבן.

ווען חנא איז אַראָפּ פון דער שיף מיט אַזעלכע פינף־און־צוואַנציק יאָרן צוריק, איז ער דעמאָלט געווען אַ בחור פון אַ דריי־און־צוואַנציק יאָר; ער איז שוין געווען אַן אויסגעדינטער פּוילישער זעלנער. געקומען איז ער קיין אַרגענטינע „מיט אַ פּאַך אין די הענט" און ער האָט געגלויבט, אַז אַט באַלד, וועט ער „מאַכן אַמעריקע"... ס'האָט זיך אים אָבער גאָר־נישט־נישט געמאַכט! חנא האָט אַ סך גוטע זאַכן מיטגעבראַכט פון דער היים, נאָר דאָס טראַפּעלע מזל האָט ער פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך. וואָלט ער דעמאָלט געהאַט אַ האַרץ אויסצוניצן מענטשן, וואָלט ער דאָך היינט געווען פונקט אַזאַ „קנאַקער" ווי די אַלע זיינע לאַנדסלייט —

„פאַיסאַנעס“, וואָס האָבן זיך אין דעם גאָט־געבענטשטן אַרגענטינע אַזוי שיין און אַזוי פיין אַרויפגעאַרבעט, אַז זיי האָבן זיך דאָס אין זייערע שענסטע און בעסטע חלומות נישט געקאָנט בעסער פאָרשטעלן... ער, חנא, די גרויסע בהמה, האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ און קיין „יאַנ־דעס“ צו טאָן זאַכן, וואָס זענען אים נישט געווען צום האַרצן... אפילו צו אַ פּשוט ביסל מסחר האָט ער זיך אויך נישט אויסגעטויגט: לאַנדסלייט, גוטע פריינט און חברים, געבוירענע אויף איין גאַס און אין דעם זעלבן הויף אין וואַרשע, האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל מאַכן מיט זיי אַ שותּ־פות און מיט זיי צוזאַמען אָנהייבן אַרומצופאָרן איבער דער פּראָווינץ, זיך פאַרשטעלן ווי אַ מאַטראַז און פאַרקויפן שטאָפן, וואָלענע סחורות, וואָס זענען מכלומרשט אויסגעאַרבעט געוואָרן אין ענגלאַנד... חנא האָט נישט געוואָלט הערן און נישט געדענקען, וואָס די חברים, די „פאַיסאַנעס“ האָבן אים אַריינגעקלאַפּט אין דער פּלייצע אַריין, זיך ביי אים געבעטן ממש ווי ביי אַ גזלן; זיי האָבן פּשוט געחלשט, אַז ער, חנא, מיט אַזאַ פיגור, מיט אַזאַ געשטעל, טאַקע נאָר ווי דער שענסטער אַקטיאָר אין וועלכן גרעפנס און פּרינצעסינס וואָלטן זיך געקענט פאַרליבן, אַזאַ יונג מיט אַזעלכע בלויע אויגן, מיט אַזעלכע ברענענדיקע „שליפּיעס“, קען איינרייסן אַ וועלט און ער וועט זיכער נתעשר ווערן — איינס און צוויי, אַז אַזאַ מאַנספּאַרשוין, אַזאַ „אַסאַבע“, וועט זיך צוזאַמען מיט זיי אַ לאַז־אַרויס טאָן אין דער פּראָווינץ אַריין, אין „קאַמפּ“ אַריין, וועלן די שוואַר־צע מאַריעס פאַרברענט און פאַרשרפעט ווערן באַלד ווי זיי וועלן נאָר דערזען דעם פאַרשוין, און ס'וועט אים, חנאן, נישט פעלן פון קיין פייגל־מילך און ס'וועט אים אויך נישט פעלן, חס ושלום, נישט פון דאָס און נישט פון יענץ...

איז ער דאָך אָבער געווען, נאָך פון קינדווייז־אָן, אַ גרויסער גולם — דער פערדישער קאָפּ! איצט, מיט יאָרן שפּעטער, זעט ער דאָך דאָס טאַקע אַליין איין, אַז ער איז געווען ממש אַ מערדער אויף זיך אַליין, אַז ער איז ווערט מען זאָל אים נאָך היינט אָפּשניידן דעם קאָפּ! ווייל וואָס האָט ער אויפגעטאָן, וואָס? — געפּטרט און צעטרענצלט אַ לעבן! איז ער טאַקע געבליבן איינגעשפּאַרט ווי אַן אָקס און נישט געטאָן וואָס גוטע פריינט האָבן אים געעצהט צו טאָן — איז ער געבליבן אַ „ד'רערד“־ליגער; ליגט ער שוין אויף אייביק ניין איילן טיף אין דער אדמה און באַקט בייגל! אוודאי, אוודאי, אַז ער האָט בעסער געוואָלט בלייבן אַ

שקלאַף ביי יענעמען און געאַרבעט פאַר זיי ווי אַ בעלגיש פערד און דער־לאָזן, אַז זיינע באַלעבאַטים זאָלן שוין אויך פאַר אים, פאַר חנאן „מאַכן דאָס גאַנצע אַמעריקע"... איז דאָך, באמת, קיינער נישט שולדיק, אַז ער אַליין האָט אַוועקגעשאָנקען צו פרעמדע מענטשן זיין בלוט און זיין שוויים, און ער, חנאלע הקטן, האָט געוואָלט פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט מיט סאָציאַלע רעוואָלוציעס, מיט יושר און גערעכטיקייט... איז ער גע־לאָפן אַלע נעכט אין דעם פראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די היטלמאַכער — דאָרטן אין יענעם פינצטערן און פייכט־ווילגאָטנעם קעלער, האָט ער אַזוי געמיינט, וועט זיך אָנצינדן דאָס גרויסע ליכט פון גליק און גערעכטי־קייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; אַלע מענטשן וועלן אַרבעטן און יעדער מענטש וועט ווערן באַזאָרגט מיט אַלע זיינע באַדערפענישן... דער־נאָך האָט חנא אויפגעהערט צו קומען אין דעם פאַריין אַריין, און אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער קעלער געשלאָסן אויף אייביק. פון די הונדערט געוועזענע מיטגלידער זענען אפשר זיבעציק געוואָרן פאַבריקאַנטלעך אויפן אייגענעם באַראַט... חנא וואָלט אויך געקענט ווערן אַ פאַבריקאַנט — האָט ער נישט געוואָלט! בעסער און אינטערעסאַנטער איז אים געוועזן צו גיין יעדן אָוונט אין דער אָפערע אַריין: אין טעאַטער „קאַלאָן" האָט ער זיך אָנגעזויפט מיט יענער וווּנדערלעכער מוזיק, וואָס מען קען דאָרטן הערן... מיט דער צייט איז ער כמעט געוואָרן אַ גאַנצער „שותף" צו דער בוענאָס איירעסער מוניציפּאַלער אָפּערע; ער האָט אַפילו באַקומען אַ פּער־מאַנענטן איינטריט־בילעט צו שטיין אויף דער לעצטער און העכסטער גאַלעריע און דערצו נאָך באַקומען די העכסטע באַלוינונג, וואָס אַ פּראָ־פעסיאָנעלער „בראַוואָ־פּאַטשער", אַ „קלאַק" קען באַקומען אין דעם אַריס־טאָקראַטישן קאָלאָן־טעאַטער, אין דעם גרויסן טעמפּל פון דער אוניווער־סאַלער מוזיק, געזאַנג און באַלעט; אָפּטמאָל, אין הונגעריקע און אַר־בעטסלאָזע טעג, איז ער אַוועק אין קאָלאָן־טעאַטער ווי אַ סטאַטיסט. דאָרטן האָט ער זיך פאַרשיכורט און געשטילט דעם נאַגנדיקן הונגער מיט וווּנדערבאַרער מוזיק און געזאַנג און — פאַר אַ צולאַג — האָט נאָך יע־דער סטאַטיסט באַקומען צוואַנציק סענט טראַמוויי־געלט — פלעגט ער אַהיימגיין צופוס די עטלעכע קילאָמעטער, און פאַר די צוואַנציק סענט האָט ער אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע קאַווע און געגעסן אַ ברויטל מיט אַ שטיקעלע פּוטער... ווער איז דען שולדיק, אַז דער מענטש האָט צע־טרענצלט זיינע שענסטע טעג און בעסטע יאָרן ביי דער גיי־מאַשין און

קוים אָפּגעשפּאָרט, איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין אַ יאָר, אַ פּאָר איבע־ריקע טאָלער אויף צו שיקן אַהיים, קיין וואַרשע, צו דער מאַמען, די אַלמנה מיט די דריי קליינע שוועסטערלעך?...

זענען דען די דריי שוועסטערלעך, צוליב חנאס נאַרישן קאָפּ, נישט פאַרזעסן, נעבעך, ביז אין די גרויע צעפּ אַריין, אַזוי לאַנג און אַזוי שפּעט, ביז די דייטשן, ימח שמם, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן, מיט דער מאַמען צוזאַמען, אין די אויוונס אַריין?... אוי־ווי, אוי־ווי, איז דען נישט, אויך צוליב זיינע זינד, אין פּראַגע, דאָרטן אויף יענער זייט ווייסל, פאַרזעסן געוואָרן און מסתמא אויך אומגעקומען אַ מיידעלע, פּעלאַ, אַ שיינע ווי אַלע וועלטן, וואָס האָט דאָרטן, ביים ברעג פון ווייסל־טייך, געחלומט פון אַ חנא... ווי, נעבעך, צו אירע פאַרברענטע יאָרן... האָט דען פּעלאַ נישט געקענט זיין אין בוענאָס איירעס און לעבן און געניסן פון דעם שיינעם לעבן? אוי־אוי, וויי־ווי, מען קען משוגע ווערן!

און היינט? וואָס איז איצט געוואָרן פון דעם שיינעם חנא? — שוין יאָרן און יאָרן ווי ער גייט באַרג אַראָפּ: שוין יאָרן און יאָרן ווי ער ני־דערט אַראָפּ אין דער ערד אַריין. וואָס טויג אים זיין ביסל שיינקייט, צו וואָס טויגן אים די אַלע קאָמפּלימענטן וואָס מען טראָגט אים אונטער, אַז ער האַלט זיך יונג, אַז ער זעט אויס ווי אַן ענגלישער לאָרד, אַז דאָס לעבן, זיין ביסל לעבן איז קיין לעבן נישט. די אויגן האָבן אים אויפגע־הערט דינען און דערצו איז נאָך דאָס גאַנצע היטלמאַכער־פאַך אינגאַנצן אַראָפּ — קאַפּוט, אין דער אדמה אַריין! פון טויזנט מענטשן, טראָגן קוים אַ פּאָר אַ קאַפּעלושל אָדער אַ היטל; היטלען טראָגן בלויז שאָפערן, סטרו־זשעס אָדער סאָלדאַטן; סיי זומער, סיי ווינטער, סיי יונגע און אַלטע לייט — גייט מען אומעטום אום מיט די בלויזע קעפּ. אַזאַ פאַך איז שוין ווערט אויפן פייער! אַ פינצטער לעבן זאָל זיין אויף אַלע הינטישע מאָ־דעס, וואָס מאַכן אומגליקלעך מענטשן און נעמט ביי זיי אַוועק דאָס פּי־צעלע ברויט פונעם מויל! היינט מוז אַזאַ חנא לעבן פון דעם, וואָס עס פאַלט אים אַמאָל צו עטלעכע שעה אַרבעט אין אַ גאַנצער וואָך, אַ „טשאַנ־געלע" הייסט עס אויפן אַרגענטינער לשון; און ערשט איז מען נישט צו־פרידן אינגאַנצן פון זיין אַרבעט, ווייל ער ווייסט דאָך אַליין, אַז ער איז אַ בלינדער האַצמאַך... מוז ער זיך דערהאַלטן און דערנערן פון אַזאַ מין פאַרשטעלטער שנאָרעריי, ווי דאָס איז אַזאַ פאַרקויפן לאָטעריע־צעטע־לעך צו באַקאַנטע, וואָס קויפן בפירוש פאַר רחמנות, און ערשט מיט די

אַלע גליקן, גייט ער אַרום מיט דער אייביקער שרעק, אַז ער זאָל חס־וחלילה נישט אַריינפאַלן אין פּאָליציייאישע הענט אַריין... אַז וואָס זאָל ער פאַרט טאָן, אַז ביי די יאָרן איז שוין שפּעט צו לערנען אַ צווייט פאַך און צו קיין מסחר טויג ער אוודאי נישט. ער האָט שוין אַלץ פּרובירט. איז וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער טויג נישט אַפילו אַ קאָץ דעם עק צו פאַרבינדן? האַ. חנאלע, — האָסט זיך פיין אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע! — אַזאַ מזל אויף די אַלע, וואָס ווינטשן יידן שלעכטס! — קאָכט עס ביי חנאן אין האַרצן און עס ברענט אים אין מוח — אַז וויי איז אים און ווינד איז אים!...

אין די שפּעטע פאַרטאָגן, ווען ער קומט אַהיים אין זיין אויבערשטן צימערל אַריין, אַזאַ קליין חדרל וואָס געפינט זיך איבער דעם באָד־צימער פון דער גאַנצער דירה — קריכט ער אַרויף אויף די אייזערנע און גע־שלענגלטע ספּיראַל־פאַרמיקע טרעפּלעך; נאָר איידער ער גייט אַריין אין דעם פאַרדומפּטן הייס־אָנגעגליטן צימערל, בלייבט ער פריער שטיין אָן אָנגעלענטער אין דער אייזערנער פאַרענטשע, זעט ער אויס ווי אַ קאַפּי־טאַן, וואָס איז נעבעך שטיין געבליבן, דער לעצט־פאַרבליבענער אויף אַן אונטערגייענדיקער שיף... נאָך אַ גאַנצן טאָג און נאַכט אַרומוואַנדלען אי־בער די יידישע רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער פון „אַנסע״ און „וויזשאַ קרעספּאַ״, קומט ער נאָר אויף אַ פּאָר שעהען אין דער עלנטער און איינ־זאַמער היים אַריין. אָפּטמאָל, מאַכט ער אַפילו נישט ליכטיק, נעמט זיך אויסטאָן אין דער פינצטער, גיט ער זיך אַ וואָרף אין בעטל אַריין. שוין אַ שטיק צייט ווי ער לייענט אַפילו נישט עפּעס, אַ בוך אָדער אַ זשורנאַל, פאַרן אַנטשלאָפן ווערן, ווי ער איז דאָס פון תמיד געוווינט צו טאָן, אַט ווי אַ פרומער ייד וואָס מוז דאָך פאַרט אָפּדאַווענען... היינט באַנוגנט ער זיך בלויז מיט כאַפּן אַ בליק, אַ קוק אין אַ יידישער צייטונג, אין אַ שפּאַנישער צייטונג און — באַסטאַ!

און אין די גאָר די הייס־אָנגעגליטע פאַרענדיקע נעכט, ווען עס פעלט ממש אויס דאָס ביסל לופט צום אָטעמען, קריכט ער אַרויף אויפן דאַך פונעם הויז, וואָס איבערן צימערל, און לייגט זיך אַוועק אונטערן פרייען אויסגעשטערנטן הימל; חנא איז טאַקע דער איינציקער איינוווינער פון־געם גאַנצן ריזיקן הויז, וואָס נאָר ער האָט געפונען אַ צוטריט צום דאַך, חנא האָט זיך צום ערשטן געמוזט גוט אָנפּלאָגן עטלעכע יאָר ביז ער איז געפאַלן אויפן שכל, אַז ווען ער זאָל אַרויפקריכן אויף דער אייזערנער פאַ־

רענטשע פון זיין גאַניקל אַנטקעגן דער טיר, וועט ער שוין מיט די איבערן קאָפּ אויסגעצויגענע הענט קענען אָנכאַפּן דעם ראַנד־קאַרניז פונעם דאַך און מיט אַ פלינקן צי־איין די פעסטע הענט — איז ער שוין אויפן דאַך! און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן! פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ גאַנ־צער באַלעבאָס, אַ פּאַלנער קייסער איבער אַ גאַנצער, גרויסער און אומ־ענדלעכער שיינער וועלט, ממש אַזאַ פּאַרכישופטע וועלט, ווי דאָס איז דאָס ריזיקע און אויסגעשפּרייטע בוינאָס איירעס — אַזאַ ים פון וואָלקנ־קראַצער, הייזער, קירכע־טורעמס און פאַנטאַסטישע פּאַלאַצן,ביימער־אַלייען, פּלאַסעס, פּאַרקן און גערטנער, וועלדלעך און בלומען־סקווערן — שפּרייטן זיך און ציען זיך אויס, ווי זילבערנע שלענג, טייכן און טייכ־לעך אין צפון־זייט און אין דרום־זייט, און אין מזרח־זייט כוואַליעט איי־ביק אַ טייך ווי אַ ים די גרויס — דער לאַ־פּלאַטאַ טייך — דער ברייטס־טער טייך אין דער וועלט, וואָס איז צעגאָסן אויף דער ערד, ווי אַ זיל־בערנער הימל וואָלט אויף דער יבשה אַראָפּגעפאַלן.

אַז דער באַלעבאָס פון דער גאַנצער דירה, דאָן הערמאַן, אַ ראַדיאָ־טעכניקער האָט באַמערקט, אַז זיין סוב־לאָקאַטאָר, חנא, האָט אָנגעהויבן אויסצונוצן דעם דאַך פאַר זיך איינגאַנצן אַליין, האָט ער אויך געוואָלט באַוויזן די זעלבע קונץ; האָט טאַקע געפעלט אַ האָר, אַז דאָן הערמאַן זאָל חלילה דערהרגעט ווערן. טאַקע חנא האָט אים דערכאַפּט, ווען הער־מאַן האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, ווען עס האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, בשעת ער איז שוין געשטאַנען אויף דער פאַרענטשע פונעם גאַניקל. פון דעמאָלט אָן האָט קיינער מער נישט געוואָגט צו טאָן דאָס, וואָס חנא האָט געטאָן מיט אַזאַ אַקראָבאַטישער לייכטקייט. איז דערפאַר דער גאַנצער דאַך געבליבן אין חנאס רשות.

נאָר אין דעם לעצטן יאָר, אין די לעצטע חדשים און טעג — איז אין חנאן אַריין אַ פינצטערע מרה־שחורה, אַ ביטערניש און אַ נאַגנדיקע פּיין; עס לאָקט אים מער נישט דער דאַך, ער עפנט נישט קיין בוך, ער איז שוין נישט גיריק צו הערן קיין גוט ביסעלע מוזיק — גאַרנישט נישט! ער בלייבט ווידער אין זיין צימערל לאַנגע שעהן און גאַנצע טעג ליגט ער אויסגעצויגן אויפן בעטל און קוקט צום סופיט. איין זאַך היט ער נאָך אָפּ ווי עס געהער צו זיין: דאָס איז די ריינקייט און ציכטיקייט פון זיין קליין פּיטשינק שטיקעלע היים... חנא האָט פיינט אומריינקייט און שמוץ; אויפן שטיינערנעם פּאָל פון זיין צימערל מעג מען קענען טייג

אויף לאָקשן! אויף דער וואַנט איבער זיין בעטל הענגען אין קליינע רע־מעלעך איינגעראַמטע, די בילדער פון טאַטע־מאַמע און פון זיינע דריי שוועסטערלעך; און אויפן קליינעם טישעלע, וואָס דינט אים אויך פאַר אַ נאַכט־טישעלע, שטייט אין אַ שטיקל קריסטאַל איינגעקלעפּט דאָס ברוינע בילדעלע פון דעם מיידל, וואָס וואָלט זיך איר האַרץ אויסגעשניטן און חנאן דאָס אַוועקגעגעבן... זיי, אַלע, קוקן צו אים מיט טרויעריקע שמייכלען און טרויעריקע אויגן, ווי זיי, די אַלע אומגעבראַכטע, וואָלטן מיט יאָרן פריער פאַרגעפילט דעם שווידערלעכן סוף — נאָר אַ מאָדנע זאַך; אַז די פאָטאָגראַפיעס שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם שמאָלן שפּיגל פון זיין סאָסנאָוון שאַפקעלע — שפּיגלען זיך די פאָטאָגראַפיעס אָפּ פאַרענ־דערטע, מיט אָפּגעמעקטע שמייכלען פון די ליפּן און מיט אָפּגעווישטער גוטסקייט פון די אויגן... דאָס איז מסתמא צוליב דעם, ווייל דער שפּיגל איז פון זייער אַ געמיינער קוואַליטעט און טויג אין מיסט אַריין! פונ־דעסטוועגן אין דער שפּיגל־גלאָז ריין און אָן אַ פּינטעלע פליגן־קויט. ביי חנאן געדייען נישט קיין פליגן און קיין אומפליים. לאַנגע מינוטן וועט ער טשאַטעווען אויף אַ פליג, צי אויף אַ שפּין, ביז ער וועט פון די איינ־זעקטן פטור ווערן; די געציילטע חברים און פריינט, וואָס האָבן אַמאָל ווען עס איז באַטראָטן חנאס צימערל, זענען געפלעפט געוואָרן פון דער־שטוינונג, ווען זיי פלעגן איבערטרעטן די שוועל. מער פון אַלץ האָט חנא אָפּגעהיטן זיינע ביכער. ער האָט אַליין אויסגעמייסטרעוועט עטלעכע ראַפטן איבערן טישל, און יעדן זונטיק, אינדערפרי, האָט ער די ביכער אָפּ־געשטויבט. דערצו נאָך האָט ער אַלע זיינע ביכער, יידישע, שפּאַנישע — די גרעסטע טייל בראַשירטע — געלאָזט איינבינדן אין העל־בלויער לייוונט. חנא, וואָס האָט געקרן געהאַט צו טאָן אַ טובה יעדן, ווען ער האָט נאָר געקאָנט, האָט אָבער קיין בוך קיינעם נישט געליען. חנא פלעגט אפילו אין כעס ווערן ווען מען האָט פון אים פאַרלאַנגט אַזאַ זאַך; בארגן ביכער? צי קען מען דען נישט אַריינגיין אין אַ ביבליאָטעק לייענען אַ בוך? צו וואָס דאַרף אַ מענטש באָרגן, ווען מען קען די זאַך באַקומען אומגעבאָרגט, האַ?

איצט, אין דער לעצטער צייט, און אין דער רגע, ווען ער שטייט אַזוי אָנגעשפּאַרט אין דער פינצטערניש ביים באַלקאָנדל אַנטקעגן דער טיר פון זיין צימערל, מאַטערן אים און פלאָגן אים אַזעלכע נאַרישע רע־יונות און עס מאַכן זיך אים, ביי אים אינעם געמיט אַזעלכע פינצטערע

חשבונות: ערשטנס — האַלט ער נאָר אין איין באַרעכענען די פּאָר הונ־
דערט פּעזעס און דאָס ביסל לאָטעריע־צעטעלעך, וואָס דאָס איז זיין גאַנץ
ביסל קאַפּיטאַל; מ׳ט דעם איז צוזאַמען אַריינגערעכנט די עטלעכע פּע־
זעס וואָס זיינע קליענטן זענען אים שולדיק. ס׳רוב איז דאָס גוט געלט
— גאָלדענע רענדלעך — וואָס וועט באַצאָלט ווערן ערלעך, וואָס ערלע־
כער קען בעסער נישט זיין. זיי, די קונים זיינע, זענען רייכע אַרויפגע־
אַרבעטע יידן, וואָס די פּאָר פּעזעס איז ביי די מענטשן, ווי אויסרויכערן
אַ ציגאַרעטל... חנאס קליענטן זענען פּשוטע בשר־ודמס, וועלכע ליידן
פון זייער מענטשלעכער שוואַכקייט, ליידן פון די אייגענע הערצער, וואָס
דערלאָזן זיי נעבעך נישט, בשום־אופן, אַז מען זאָל באַלד אויפן אָרט באַ־
צאָלן אַ חוב: אַז זיי האָבן, נעבעך, נישט קיין כוח צו כאַפּן זיך גלייך,
שוין אויפן אָרט, צו די רייכע קעשענעס... עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדערע
סיבה און דאָס איז: זיי, די מענטשן, די קונ״ם, שמייכלט זייער, אַז מען
האָט צו זיי צוטרוי, מען גיט זיי קרעדיט און מען גלייבט זיי אויפן בלויזן
וואָרט, אָן אַן אונטערשריפט... עס מאַכט נישט אויס וויפל דער קרע־
דיט באַטרעפט: עס מעג זיין אַ פּעזע, צוואַנציק פּעזעס, אָדער צוואַנציק
טויזנט — די הנאה איז די זעלבע... עס לוינט זיך גאַרנישט צו טראַכטן
וועגן אַזעלכע זאַכן, נאָר עס טראַכט זיך נישט ווילנדיק. און אַז מען
טראַכט שוין וועגן די פּאָר בידנע טאַלער, דאָס גאַנצע פאַרמעגן, שלעפּט
זיך שוין באַלד נאָך דאָס הויפּט־טראַכטעניש: אַז ווען עס פעלט נאָך אַ
יאָר אָדער צוויי צו די פופציק, איז דאָך שוין מער ווי זיכער, אַז מער ווי
אַ האַלב לעבן האָט מען שוין אָפּגעלעבט, ווייל אַ הונדערט יערלעך וועט
דאָך אַזאַ חנא נישט אַריינלעבן. און ער וויל גאַרנישט אַזוי פיל לעבן! אָט,
זיין פאָטער ע״ה, האָט קוים דערצויגן די דריי און פערציק יאָר. און ווען
ער דערמאָנט זיך אינעם טאַטן, אָדער ער כאַפּט אַ בליק אויפן טאַטנס
פאָטאָגראַפיע, ווייזט אים אויס כמעט אומגלויבלעך, אַז דער טאַטע זאָל
האָבן געלעבט אַזוי ווינציק, ווייל אויף דעם בילדל זעט דער טאַטע אויס
ווי אַ ייד פון אַזעלכע זיבעציק יאָר. חנא געדענקט גענוי און בולט ווי אַזוי
דער טאַטע איז געשטאָרבן: דער טאַטע האָט געבעטן מען זאָל צו אים
אין אַלקער אַריין אַריינברענגען חנהלען, דאָס יינגסטע קינד, די מ׳זיב־
קע; חנהלע איז דעמאָלט אַלט געווען קוים דריי יאָר... יאָ, אַז מען וועט
צו אים אַריינברענגען דאָס קינד, וועט ער, דער טאַטע, קענען פאַרמאַכן
ל״כט די אויגן אויף אייביק... ער וועט בלויז אַריינקוקן דעם קינד אין

די שיינע אייגעלעך און — שוין! מען האָט דעם טאַטן צוליב־געטאָ און מען האָט חנהלען אָוועקגעזעצט אויף אַ בענקל נעבן בעט. די מאַמע האָט געוווּנקען צו די שטוביקע מיט בטחון אין די אויגן. זי, די מאַמע, האָט געגלויבט אַז איר מאַן, „די קרוין פון איר קאָפּ“ רעדט פון היץ, און גאָט וועט נאָך זיין אַ פּאַטער! אַ לענגערע ווײַלע האָט חנהלע אַרײַנגעקוקט מיטן אומשולדיקן שמייכעלע אין טאַטנס אויגן אַרײַן. פּלוצים האָט דער טאַטע באַמערקט, אַז דעם קינדס אייגעלעך פאַרציען זיך מיט אַ טרערנ־דיקן נעפּל, האָט ער שנעל פאַרמאַכט די אויגן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט. און אַז דער טאַטע האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ צו דער וואַנט, האָט מען זיך שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, אַרויסגעשאַרט פונעם אַלקער אַרויס. מען האָט געגלויבט, אַלע האָבן געמיינט, אַז דער טאַטע כאַפּט אַ דרימל... מיט אַ שעה שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער טאַטע איז שוין נישטאָ! יאָ, דער טאַטע איז געשטאָרבן אַן אויסגערעכנ־טער, אַ רואיקער און אָן אַ ברעקל פּחד און ער האָט גאָרנישט גערעדט פון היץ... און ער, חנא, טראַכט איצט, ביי זיינע גאַנצע אַכט־און־פערציק יאָר, אַז אַזאַ רגע האָט דאָך, וועט, און מוז עס אומפאַרמיידלעך האָבן יעדער מענטש! מוז מען דאָך און עס איז פּשוט נויטיק צו מאַכן אַ שטיקל חשבון. און אַז מען מאַכט אַזאַ רעכענונג, ווייסט מען דאָך ווו מען האַלט אין דער וועלט...

און עס קען אפשר גוט געמאָלט זיין, אַז אַ לעבעדיקער מענטש טאָר גישט און דאַרף טאָקע נישט טראַכטן וועגן טויט... קען זיין, אַז נאָר וועגן ביסל לעבן דאַרף אַ מענטש טראַכטן. אָבער ווער וועט פאַרט אַרײַנקוקן אין חנאס אויגן אַרײַן, ווען די לעצטע מינוטן וועלן אָנקומען?.. און וואָס־זשע זאָל אַזאַ מענטש טאָן, אַז ער איז דאָך געבליבן איינער אַליין אויף דער אומהיימלעכער און עלנטער וועלט, ווי אַ פלאַנצעלע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט אַן איינזאַמס אין אַ שפּעלטל פון אַ שטיינערנעם פעלדז ערגעץ אינמיטן ים?...

חנא הייבט אָן קראַצן דעם פאַרשוויצטן קאָפּ און צעשויבערט זיך דאָס בינטל שיטערלעכע האָר, וואָס ווערן וואָס אַמאָל דינער און זיידי־קער; ער גיט אַ טרעט אַרײַן אינעם צימערל, בלייבט זיצן אויפן בעטל און שפּאַרט אָן די קינבאַקן אויף די פויסטן און שאָקלט מיטן קאָפּ. אוודאי איז ביי אים אין קאָפּ נישט־גאָר אין בעסטן אָרדענונג מיט אַזעל־כע „פיינע“ מחשבותלעך. — ביסט, חנא, מיט אַזאַ טראַכטעניש אויף

גוטע און געברענטע צרות! — שטראַפט ער זיך אַליין אויפן הויכן קול און גיט נאָר אַ הויכן זיפץ. באַלד ווערט ער שטיל און טראַכט, אַז ווען ער וואָלט זיך איצט געקענט מאַכן אַ קאַלטן שפּריץ, וואָלט דאָס אים מחיה געווען און אפשר וואָלט אים דער קלעפּיקער פּיין אויפגעהערט צו מאַטערן. נאָר גיי באַד זיך, אַז מענטשן שלאָפן און דער שפּריץ מאַכט אַן אַזאַ טומל, ווי אַ מבול וואָלט געפּלייצט. מען דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן צו באַלעסטיקן איצט, אינעם פאַרטאָג, אין דער זלידנער היץ, די אויסגעמאַטערטע מענטשן; מילא, יאָ, — נעמט ער זיך אַליין טרייסטן און ראַנגלען מיט דער מרה־שחורה — אַ מענטש טאָר נישט און דאַרף נישט צופיל אַריינטראַכטן; מען דאַרף נישט קוקן אויף אַראָפּ! פאַראַן, חנא, פאַראַן ערגערע צרות און אומגליקן אויף דעם וועלטל, ווי דיין ביסל וואָס דו האָסטו! אַ שטיקל ברויט אין מויל אַריין — האָסטו! אַ דאַך איבערן קאָפּ — האָסטו אויך! נו, געזונט ביסטו ווי אַ פערד! און אַ מיטגליד אין עטלעכע יידישע אינסטיטוציעס ביסטו אויך! — צאָלסט פּינקטלעך און רעגולער אין דער חברה קדישא, זאָלסט נישט שטאַרבן אין קיין פרעמדע תכריכים... און מען וועט פאַר דיר נישט דאַרפן אויסבעטלען קיין אומזיסטן קבר. צאָלסט ווי אַ טאַטע דעם יידישן שפּיטאָל, זאָלסט האָבן אַ באַצאָלט בעטל אין אַ נויט; צאָלסט פאַרן מושב זקנים און בית־יתומים — כאָטש וועסט זיך דאָרטן אַהין נישט אַריינציען; און אין אַ יידישער שול ביסטו אויך אַ מיטגליד, כאָטש דיינע קינדער — אַז אַך און ווי איז דיר, חנאלע — וועלן שוין קיינמאָל אין קיין יידישער שול נישט לערנען... און אַז דו גייסט אויף אַ יידישער אונטערנעמונג, און אַז דו גייסט פאַרביי פאַר דער בלויער פּושקע פון קרן קימת — וואַרפסטו שטענדיק אַריין דיין אָרעמע פּעזע... און זעסט דעמאָלט אַליין מיט דיינע אייגענע אויגן, ווי אַ סך יידן, רייכערע פאַר דיר און גליקלעכערע פאַר דיר, טאַנצן פאַרביי די פּושקעס מיט אַלע שמד־שטיק... זיי טאַנצן פאַרביי די פּושקעס, ווי זיי וואָלטן געטאַנצט „קאַנגאַס", זיי דרייען זיך און שטויסן זיך, שאַרן זיך דורך און וואַרפן נישט אַריין קיין צעבראָכענעם סענט... קוק נישט אויף זיי, חנא — באַסטאַ! זינדיק נישט...

חנא דערפילט אַ ברעכעניש אין קאַרק און די אויגן־לעפּלעך שווערן אים אַראָפּ. די אויגן הייבן זיך אָן קלעפּן. חנא נעמט זיך אויסטאָן מיט די לעצטע פאַרשלאָפענע כוחות. ער שנורעוועט אויף זיינע שיך און ציט אַראָפּ די זאָקן פון די אָנגעהיצטע, אויסגעמאַטערטע פיס — שטעלט

אַוועק די נאַקעטע פּיאַטעס אויף די שטיינערנע מאָזאַיִק־קאַפּלעס פון פּאָל און צעגייט זיך פון תענוג. באַלד איז ער שוין אויסגעצויגן אויף זיין בעטל אין דער גאַנצער לענג, נאָר איינשלאָפן קען ער נאָך אַלץ נישט: דאָס ביסל לעבלעכע קילקייט אויף די פּיאַטעס, אַביסל אָפּגעקילטע אינעם שטיינערנעם פּאָל, האָט אים צוריק וואַכנדיק געמאַכט און דאָס איין־מע־טער־קוואַדראַט גאַניקל פאַר דער טיר האָט אָנגעהויבן אויפגרויען מיט העלקייט פון אָנקומענדיקן פרימאָרגן; אינעם פוסטן פיר־קאַנטיקן חלל, וואָס ציט זיך אַראָפּ פון די דעכער־ראַנדן ביז צום הויז־קעלער, שווינדלט אַראָפּ אַ טיפער אָפּגרונט, ווי אַן אויסגעטריקנטער ברונעם, דער איינצי־קער לופט־קאַנאַל פאַר אַלע צימערן און קיכן פונעם הויז — האָט איצט דאָס שטיקל הימל שוין אויפגעלויכטן מיט דער אייביקער פאַרכמאַרעט־קייט; און פון דעם לופט־קאַנאַל האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסרוישן די קאַנאַליזאַציע־רערן. ערגעץ האָט פּלוצים עקספּלאָדירט דאָס שאַרפע גע־קלינגעריי פון אַ וועק־זייגער און אין אַ ווײַלע אַרום צוריק פאַרשטומט גע־וואָרן מיט אַ כריפּ; ערגעץ, גאָר נאָענט, ווי פון אונטער חנאס בעטל אַפּער, האָט אַ פייגעלע אַ פּישטשע געטאָן און באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. אין די אונטערשטע שטאָקן האָט זיך אַ שכן צעהוסט און זיך פאַרגאַנגען מיט שטיקעניש און פון דער גאַס, פון די טראָטואַרן אַנטקעגן הויז, האָבן אַרויפטראָמאַסקעט מעטאַלענע קלעפּ פון אויטאָ־טירן ביים פאַרמאַכן, — דאָס האָבן די לעצטע צעהוליעטע געסט פון די רעסטאָראַנען און נאַכט־לאָקאַלן זיך אומגעקערט פון וואַנען זיי זענען געקומען. באַלד האָבן די ווענט פונעם הויז אַ ציטער־געטאָן: דער מאָטאָר פון דער הייב־מאַשין האָט אָנגעהויבן רוישן — אַראָפּגעפאָרן צו דער גאַס־אַראָפּ.

חנא האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין וואָלענעם קישעלע אַריין, פאַרשלאָסן פעסט די אויגן און פאַרקלעמט די ציינער. אין געציילטע מי־נוטן אַרום איז ער שוין געשלאָפן און מיט הנאה געכראָפּעט. דער שלאָף איז שטענדיק געקומען צו חנאן זייער פּאַמעלעך און פויל; נאָר אַז ער איז שוין אַנטשלאָפן געוואָרן — האָט מען אים שוין געקענט אַוועקגנ־בענען צוזאַמען מיט זיין בעטל — וואָלט ער ניט געפילט... דער אַלטער בחור האָט נאָך געהאַט דאָס ביסל מזל, וואָס די שלאָפלאָזיקייט האָט זיך אויף נישט אָנגעזעצט צו־שטאַרק און עס האָט אים באַהאַנדלט מיט אַ סך חסד. נאָר קיין סך מזל אין זיין קיניגרייך, אין דער וועלט פון זיין שלאָף, האָט ער, חנא, נישט געהאַט; אָפט פלעגן אים מצער זיין שלעכטע

חלומות. געווען זענען דאָס אָרעמע, קבצניש־פּענטאַצקע חלומעלעך, אַזאַ ווירדיקע און בולטע אָפּשפּיגלונג פון זיינע טרויעריקע, איינזאַמע און נע־ונד פּערטל יאָרהונדערט יאָר אויף אַרגענטינער ערד. דאָס אָרעמע זונעב־לאָז און זינלאָז לעבן, האָט אים זעלטן געגעבן אַ טראָפּעלע פרייד אין די קאַרגע פּאָר שעה שלאָף, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט אינעם גאַנצן מעת־לעת. חנא, וואָס איז בשום־אופן נישט געווען ק״ין „פּעפּער", האָט זעלטן געקענט אָפּשלאָפן אַ פּאָר שעה, אַז אַ נאַרישער חלום זאָל אים נישט מישן די געהירן, און אַז ער זאָל זיך נישט איבערוועקן פונעם שלאָף, גאָר אָפּט אַזאַ אָפּגעבאָדענער אין זיבן שווייסן, גענוי ווי די גרויסע אַרגענטי־נער מויל־אייזלען, וואָס שלעפּן די מיסט־וועגענער איבער די בוענאָס־איירעסער גאַסן... און די אַלע חלומות באַשטייען פון צוויי סאָרטן; אַלטע פּרויען מכשפהס, מיאוסקייטן, אָדער גאָר נודניקעס „וואָס ריידן אים אין דער גאַל אַריין"... און אין די חלומות איז חנא אַזוי מאַכטלאָז, הילפ־לאָז און נעבעכדיק... און חנא, דווקא ווען ער איז וואַך, בעט ער ביי זיך אין האַרצן, ווי אַ שטומע תפילה, אַז עס זאָל זיך אים חלומען די מאַמע, די שוועסטערלעך... זאָל ער זיך מיט זיי זען כאָטש אינעם חלום, נאָר זיי, ברוגזע אויף אים, מיידן אויס צו קומען אין זיין קיניגרייך פון די חלומות... און אַנדערע מענטשן האָבן מזל צו אַלץ און אפילו צו שיינע און זיסע חלומות... און חנא געדענקט שוין כמעט נישט, ווען ער זאָל יאָ האָבן געהאַט אַ גוטן חלום און האָבן אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

איינמאָל איז ער שוין גרייט געווען אויסצוגעבן אַ פּאָר פּעזעס, אַוועקגיין צו אַ גוטן דאָקטער און אויסדערציילן דאָס פאַרביטערטע האַרץ, ווייל אפשר איז דאָס אַ סימפּטאָם פון אַ קראַנקייט, וואָס רוקט זיך אָן? חנאס גוטער חבר, דער לינאָטיפּיסט יונה עסטושעס, זיין לאַנדסמאַן פון וואַרשע, טאַקע פון דער זעלבער קראָכמאַלנע גאַס, ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט; אין וואַרשע גופא האָבן זיך דיביידע חברים נישט געקאַנט. ערשט אין אַרגענטינע, אין בוענאָס איירעס, אין יענע ערשטע „גרינע יאָרן", האָבן זיי דערפאַרן, אַז זיי האָבן דאָרטן, אין וואַרשע, געוווינט אַ טויער קעגן אַ טויער... מילא, יונה עסטושעס, האָט כאָטש באַוויזן אָפּ־צושפּאָרן אַ שטיקעלע אייגענע היים — ער האָט שוין אַ ווייב און צוויי קינדער — נאָר עס גייט אים שטענדיק „מיט דער פּוטער אויף אַראָפּ": קראַנקייטן און גלאַט צרות מאַכן אַ תל פון זיין לעבן און דאָקטוירים זע־

נען ביי אים זייער אָפּטע געסט... אָט דער גוטער חבר, האָט אים אָפּגע־ ראָטן אָנצוהייבן זיך מיט די דאָקטוירים. יונה האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער, חנא, וועט אַמאָל מאַכן דאָס גרויסע געווינס, די גראַנדע, וועט ער שוין דעמאָלט האָבן פּיינע און גוטע חלומות... די בעסטע עצה איז: וואָס ווייניקער טרינקען די שוואַרצע קאַוועלעך און וואָס מער שפּאַצירן אין פּאַלערמאָ־וואַלד, — האָט יונה געשמייכלט מיט טרויעריקער חכמה אונ־ טער דער פאַרשנאָבלטער, אַביסל שפּאָטישער נאָז; אַ שטיקל צייט האָט אים חנא געפּאָלגט, איז אים טאַקע געוואָרן אַ סך בעסער. איצט אַז ער פּאָלגט נישט מער דעם גוטן חבר, דעם טייערן פריינט — איז צוריק געוואָרן אַ צרה און אַ פּלאָג מיט די ביטערע חלומות.

פייגיקט איצט חנאן אַ נאַרישער זינלאָזער חלום: אַן עלטערע פּרוי מיט אַן אָנגעשמינקט פּנים און מיט אַזעלכע אָפּגעבליאַקעוועטע מיאוס־ געפאַרבטע האָר, דרייט זיך אַרום מיט אַ בעזים אין זיין צימערל און ער קען גאָר פון איר נישט פּטור ווערן! זי קערט און קערט און ווערט נישט פאַרטיק! ער, חנא, וויל זי צוציען צו זיך און זי שטופּט אים אָפּ. זי, די מכשפה שטייט נאָך אין גרויסן... דערנאָך וויל עמיצער ביי אים אויסבייטן אַן אַלטן ווערקזייגער פאַר אַ צעטעלע. ניין און ניין! דער פאַרשווין פאַר־ קלאַפּט אים דעם קאָפּ מיט ניין מאָס נאַרישע רייד. דער כיטראַק וויל אומזיסט אויסנאַרן אַ צעטעלע און רעדט אַזוי לאַנג ביז עס ווערט אַ פינצטערניש. חנא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפן קעלער אַריין. ניין, ס׳איז נישט קיין קעלער, ס׳איז אַן אונטערערדישע לאַבירינט־הייל; ער, חנא, גייט און גייט, די הייל האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף! פון די קויל־שוואַרצע ווענט דומפּן אַרויס פאַרשטיקטע אָרגל־טענער און קלאַנגען. אַ טויטע אונטערערדישע וועלט זינגט כאַרכלענדיקע מתים־גע־ זאַנגען. אוי, מען קען שטאַרבן פון צער... אוי!

חנא האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם ביסל ביטערן שלאָף. ער זעצט זיך האַסטיק אויף און קוקט אַרויס מיט פאַרשלאָפענע צעמישטע אויגן דורך דער אָפענער טיר: דאָס שטיקל העל־בלויער הימל איבערן דאַך־ קאַרניז דערמאָנט אים גלייך, אַז עס מוז שוין זיין זייער שפּעט. ער בייגט אַן דעם קאָפּ צום טישל און כאַפּט אַ קוק אויף זיין אַלטן ווערקזייגער: ס׳איז שוין טאַקע עלף אַזייגער אינדערפרי! ער ציט אויף זיך אַרויף זיין גרויען באָד־כאַלאַט און קריכט אַריין אין די שטעק־שיך. לאָזט זיך אַראָפּ דורך די געדרייטע טרעפּלעך צום באָד־צימער. ער הייבט אָן געניצן און

ציט אויס זיינע מעכטיקע הענט ווי גרויסע פליגל. אַזש די גלידער הייבן ביי אים אָן צו קנאַקן. באַלד גיט אים אַ פלייץ אין פּנים אַריין, אין די אויערן אַריין, די זעלבע אָרגל־מוזיק, וואָס ער האָט געהערט דאָרטן, אין די טיפע לאַבירינט־היילן, אין יענעם זינלאָזן חלום... ניין, די מוזיק פלייצט גאָר אַרויס פון אַ ראַדיאָ־רעצעפּטאָר, וואָס דער באַלעבאָס פון דער דירה, דאָן הערמאַן מאָרגנשטערן, דער ראַדיאָ־טעכניקער, פּרובירט אויס אין זיין וואַרשטאַטל, וואָס געפינט זיך אינעם צימער נעבן דער קיך און האָט אַ פענצטער אויף דער גאַס אַרויס; חנאַ פאַרקלאַפּט מיט אַ טראַמאַסק די טיר מיט די מאַטע שויבן פונעם באָד־צימער, און די באַ־לעבאָסטע, דאָניאַ קלאַראַ, הייבט אָן אַרויסצושרייען פון דער קיך אַרויס, צום מאַן אין וואַרשטאַטל אַריין:

— הערמאַן, הערמאַן! גיב נאָר אַ שטעל אָן, כ׳זאָל עפּעס הערן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט... עס דאַרף שוין זיין דער „אינפאָרמאַטי־וואָ״, הערמאַן!

דער מאַן שרייט צוריק אין דער קיך אַריין:

— טשע, סעניאָראַ, וואָס זאָל איך דיר אָנשטעלן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו הערן! דאַרפסט זיך נויטיק מאַכן אַביסל בייז בלוט?.. דאַרפסט דאָס זייער נויטיק האָבן צו דיין לעבער און צו דיין גאַל? טשע, סעניאָראַ!

— איז זיין קול פול מיט געטריישאַפט און זאָרג פאַר זיין ווייב.

אין קיך הייבט אָן גיסן און פלייצן זייער האַסטיק דער וואַסער־קראַן, ווי בשעת אַ מבול. דאָס ווייב שרייט אַריין אינעם וואַסער געפּלייץ:

— סי, ביסט טאַקע גערעכט, סעניאָר מיאָ! מיינסט איך ווייס נישט, אַז דאָס איינציקע וואָס מען קען הייַנט הערן איז: אַז מען גרייט, אַז זיי גרייטן שוין צו אַ פרישע וועלט־מלחמה — אַ דריטע וועלט־מלחמה! אַז ליקווידירן זאָל מען זיי שוין די קריגס־העצער, די מלחמה־צינדער! זיי גייען דאָך שוין צוריק אויפשטעלן היטלערן... זיי באַזאָרגן דאָך שויז די דייטשן מיט פרישן געוועהר! — הייבט זי אָן צו קלאַפּן מיט רוגזה מיט אַ גאָפּל אין אַ טעלער אַריין.

— אַזוי הייבט זיך דאָס אָן, סעניאָראַ, טייערע חברטע — זיפצט דאָרטן אָפּ דער מאַן אויפן הויכן קול — זעסט דאָך אַליין, וואָס מען גייט שוין ווייטער טאָן מיט דער וועלט... האָסט דאָך געזען וואָס מען האָט געטאָן אין קאָרעאַ... מענטשן וואָס קעמפן פאַרן שלום וואַרפט מען אַריין אין די טורמעס. מען פייניקט מענטשן... אַז — כראָקען זאָלן זיי

שוין דאַרטן אַלע מיט בלוט! — גיט דאַרטן דער מאַן אַ שפּיי אויס אויפן פּאָל — האָסט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט? — פאַרדרייט ער אויף אַ ווײַלע דעם ראַדיאָ־רעצעפּטאָר.

— סי סעניאָר, סי חבר, כ׳האָב אַלץ געהערט! מײַנסט אפשר, אַז איך בין טויב געוואָרן? ווערט דאָס ווײַב פּלוצים בייז — שריי נישט אַזוי, איך האָב נאָך אַ גוטן געהער...

— ווער שרייט? איך שריי דאָך נישט — לאָזט ער נישט אַראָפּ דאָס קול — איך זאָג נאָר, אַז זיי וועלן קריגן איבער די שמוציקע לאַפּעס... אוי, וועלן זיי דאָס קריגן! וועסט שוין זען דאָס גרייטע... — דרייט ער צוריק אויף דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און עס גיט אַ פּויק־אַרויס פונעם רע־צעפּטאָר אַ נאָרד־אַמעריקאַנער פאַקסטראָט — אַ ווילדער טאַבון פערד גאַלאָפּירט אויף אַ ברייטן וועג, וואָס איז אויסגעפּלאַסטערט מיט ריזיקע פּויקן און מעשענע טאַצן, פּויקן זיי, גאַלאָפּירן די פערד מיט די נישט גע־קאָוועטע קלאָען. נאָר די פערד יאָגן זיך נאָך אַ מחנה הינט מיט אַ גע־בילעריי. צעשראָקענע קעץ דראַפּען זיך אַרויף אויף ביימער מיט געמיאו־קעריי און גרויסע סאָווען גאַרגלען זיך מיט הייזעריקע געלעכטערס: כאַ־כאַ־כאַ...

דאָס ווײַב, דאָניאַ קלאַראַ, ענטפערט שוין נישט. פון דער קיך זעצט אַ פּאַרע און אַ טשאַד און אַ גרילציק פּרעגלעניש און אַ פּאַרטויבעניש: פון דער גאַס רוישן אַרויף די מאָטאָרן פון דורך דער טראַפיק־פּאַרהאַלטענע אויטאָבוסן און אויטאָמאָבילן. ערגעץ, גאָר נאָענט קלינגען און גרילצן אויף די שינעס טראַמווייען און מישן זיך אויס מיטן הו־האַ און טריט פון טויזנטער און טויזנטער פוסגייער אין זייער טעגלעכן געאייל און גע־דראַנג איבער די שמאָלע צענטער־גאַסן; גאַנץ אָפּט צערוישט זיך נאָך אַראָפּ פון דער הויך, פון צווישן די וואָלקנס אינעם הימל, זשומען און רוישן אַראָפּ די זליבערנע הידראָ־אַוויאָנען, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אדער הייבן זיך אויף פונעם נאָענטן טייך־עראָדראָם, וואָס ביים ברעג פון די פּאָרט־ווערפטן; די מעטאַלענע גיגאַנטישע פייגל פליען זייער אָפּט פאַר־ביי הינטער די פלייצעס פון די וואָלקנקראַצער, און פליען איבער די קוי־מענס פון די ריזיק־טראַנסאַטלאַנטישע שיפן; דער גערויש פון די אַוויאָן־מאָטאָרן מישט זיך צונויף אויס מיטן געקלאַנג פון קירכן־גלעקער, לאָ־קאָמאָטיוו־פייפערייען און פונעם פּאָרט אַרויס גרוילט אָפּט אַרויס דאָס הייזעריקע רעווען פון די שיף־סירענעס, ווי מען וואָלט גאָר־גאָר נאָענט

געפּייניקט און אָפּגעבראָכן די הערנער ביי אַ ריזיקן אָקס. דאָס רעווען פון די שיף־סירענעס און קייטן־געקלימפּער פון די ריזיקע עלעוואַטאָרן און הייב־מאַשינען אויף די לאַסט־שיפן, מישן זיך אויס מיט די ווענטציטער־דיקע אָטעמס און געשאָרכן פון די מעכאַנישע מילן און עלעקטרישע סטאַנציעס — שפּרייט זיך דער גרויסשטאָטישער אָטעם, ווי אָפּקלאַנגען פון ווייטע ערד־ציטערנישן, שווידערלעכע ערד־טרייסלונגען, און...

...און דאָניאַ קלאַראַ האָט זיך ווידער אַמאָל צעשריגן פון דער קיך אַרויס, אַזאַ האַפּערדיק געוואָרענע:

— ניין, הערמאַן, הערסט? — אייביק וועט דאָס אַזוי־אַ נישט פאַר־בלייבן. הערסט מיך כאָטש, וואָס איך רייד צו דיר? — בלייבט זי שוין שטיין אויף דער שוועל פון דער קיך.

— איך הער, איך הער דאָך. לאָז מיך צורו אַ ווײַלע, ווײַל איך האָב זיך שיר־נישט אָפּגעבריט מיטן לייט־אייזן... באַסטאַ אויף איצט! — גיט דער מאַן, דאָרטן אין וואַרשטאַטל אַ טראַמאַסק מיט אַ שווערער זאַך אין טיש אַריין.

— עס מעג שוין טאַקע זיין באַסטאַ — זאָל שוין זיין באַסטאַ, סע־ניאָראַ! — האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון זיין צימער איז האָל אַריין אַ דאַרער מאַנספּאַרשוין, אַ מיטל־וווּקסיקער און אַ שמאָל־פּלייציקער, מיט אַ צעשויבערטער שוואַרצער טשופּרינע, מיט טשאַפּלין וואָנסעלעך אונ־טער דער ברייטער אַביסל איינגעפּלעטשטער נאָז. ער גייט מיטן ראָזעווען האַנטעכל אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען ווי אַ טליתל, טשאַפּעט אין זיינע גרויסע שטעק־שיך און בלייבט שטיין אַנטקעגן קיך־צימערל, אַזאַ בלאַסער, אַן אַנעמישער און נישט־אויסגעשלאָפענער; אינעם שיין פון די גרוי־מאַטע טיר־שויבן, וואָס העלט דורך די פיר צימערן מיט פענצטער צו דער גאַס אַרויס, זעט דער מענטש אויס ווי אַ חולה, אַ קראַנקער, אַ נאַר־וואָס אויסגעשריבענער פון אַ שפּיטאָל אַרויס — דאָס איז חיים־משה דער קאַצעטניק, וואָס דעמאָלט, ווען די אַליאירטע זענען נאָר אַריין קיין בור־כענוואַלד, האָבן זיי אים געפונען אַזאַ שווידערלעך אויסגעדאַרטן, אַ לע־בעדיקן סקעלעט אין וועלכן עס האָט נאָך שוואַך געטליעט איין פונק לעבן... די ערשטע זאַך וואָס די אַליאירטע אַרמײי האָט מיט חיים משהן געטאָן, איז געווען אָט דאָס: זיי האָבן אים אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָג און אָפּגעוויגן און פאָטאָגראַפירט! דער חיים־משה האָט דעמאָלט בימים ההם, געוויגן פולע צוויי־און־דרייסיק קילאָ!... איצט, מיט יאָרן שפּעטער,

וועגט ער שוין צוריק זיינע זעכציק קילאָ — שרייט ער אַריין מיט כעס צו דער באַלעבאָסטע, דאָניאַ קלאַראַ, צו איר אין דער קיך אַריין.

— בוענאָס דיאַס, סעניאָראַ. אַ גוטיטשקן מאָרגן אייך, מאַדאַמי־שי, חברטע טייערע — פאַרנויגט זיך דער סוב־לאָקאַטאָר זייער סאַרקאַס־טיש אויף דער שוועל פונעם קיך־צימערל — בויגט ער זיך איין נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל — אפשר, באַלעבאָסטעשי — פּאַרציט ער די נאָז זייער שפּיציק — אפשר קען מען ביי אייך אויסבעטן, פּועלן, אַז איר זאָלט נישט שרייען אַזוי הויך, ווייל איך בין אַ קראַנקער מענטש, אַ צע־בראָכענער שאַרבן, און, מיט אייערע געשרייען און געוואַלדן לעכערט איר מיר די געהירן און מיין קאָפּ, אַז איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן, אַז איך ווער אויס מענטש... האָ, סעניאָראַ טייערע? צי מעג מען ביי אייך בעטן אַזאַ טובהלע? — בויגט ער זיך שוין אײַנגאַנצן אַראָפּ מיטן קאָפּ צו דער ערד, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ גאַר וואַזשנער פּריצה — צי קענט איר, טייערע באַלעבאָסטע, אפשר ריידן מיט אַ פאַר טענער נידערי־קער, מאַדאַם טייערע?... — גלייכט ער זיך צוריק אויס און שטעכט זי דורך מיט אַ פאַר בייזע, איראָנישע און חוצפּהדיקע אויגן.

— פּוערטאַ! פאַשאַל וואָן! מאַרש פון דאַנען! — גיט דאָניאַ קלאַראַ מאָמענטאַל אַ ציִ־אויס באַפעלעריש אַ האַנט מיט אַן אויסגעשפּיזטן ווייז־פינגער און זי בלייבט שטיין אַנטקעגן איר שכן מיט איר גאַנצער דיק־לעכער פיגור און זי שאָקלט אַ נערוועאישע מיטן אויסקאַרבירטן קאָפּ רויטע לאָקן — שוין, די רגע שוין, זאָלט איר אייך אָפּטראָגן פון מיין הויז! — מאַרש, געגאַנגען זאָל ווערן! — כאַפּט זי אַוועק די רעכטע האַנט און שטרעקט באַלד אַרויס די לינקע האַנט.

— אָ, אַזוי גאָר? „פּוערטאַ״, פאַשאַל וואָן, מאַרש פון דאַנען? — שפּעט נאָך חיים־משה דער באַלעבאָסטעס קול, פאַרציט ער ממזריש מיט די ליפּן און אימיטירט ווי אַ פרוי וואָלט גערעדט, גיט ער באַלד אַזאַ צי איין זיין גאַנצן קערפּער געגנוי אַזוי ווי אַ פרוי, אַ דיבוק, וואָלט אַריין אין זיין געביין אַריין, אין דער בלוי־געשטרייפּטער פּיזשאַמע אַריין — גיט ער זיך ווי אַ פרוי אַ קאַקעטע אַ שלאַנקן דריי אַרום־און־אַרום, מאַכט אַ קניקסל און פאַרציט די פּיזשאַמע הויזן אַרויף ביז איבער די האַריקע קניען אַרויף, ווי אַ ווייבעריש קליידל, גיט ער באַלד אַ ציִ־אַראָפּ זיין האַנ־טעכל פון האַלדז און צעשרייט זיך מיט אַן איינגעביסן ציין־קריצעניש:

— איך, איך באַצאָל מער פאַר דעם צימער וויפל איר באַצאָלט דעם ווירט

דירה־געלט פאַר דער גאַנצער שטוב... סי סעניאָראַ! איז — איז פאַר מיין געלט שרייט איר צו מיר „פוערא" און „פאַשאַל וואָן"? איך האַלט אייך אויס מיטן גאַנצן דירה־געלט און איר טרייבט מיך ווי אַ הונט... איך, משה־חיים, איך וועל אייך אַרויסוואַרפן פון דעם הויז אַרויס, איך! — קלאַפּט ער זיך פּעסט מיט אַ פויסט אין דער איינגעפאַלענער ברוסט אַריין — איך וועל דאָס טאָן!

— הערמאַן, הערמאַן! — הייבט די באַלעבאָסטע אָן צו רופן דעם מאַן און זי געדענקט וואָס אַמאָל נעבעך צום סוב־לאָקאַטאָר ווי אַן אויפ־געבייצטע וועלפן — נעם נאָר אַוועק פון מיר דעם כוליגאַן, דעם הוצעל, ווייל עס וועט באַלד דאָ זיין זיין לעצטער טאָג! — טופּעט זי מיט אַ פוס און פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס.

— הערמאַן, הערמאַנשי... — שפּעט איר נאָך חיים־משה מיט שוים אויף די ליפּן און פאַרלייגט אויך געטוי, ווי דאָניאַ קלאַראַ די הענט אויף די באַקעס — רופט אים טאַקיש אַהער דעם העלד אייערן, לאָמיר נאָר זען, וואָס ער וועט דאָ אויפטאָן — פאַרגלייזט חיים־משה די אויגן — נו, כ׳לעבן, נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן: כי־כי־כי! איך, חיים־משה, בין שוין געלעגן גרייט אַריינגערוקט צו ווערן אין קאַלך־אויוון אַריין — גייט זי, דאָס פּעסל זויער־קרויט, מיך סטראַשען מיט אַ הערמאַנשי — ווערט אים אויף אַ ווײַלע דער אָטעם פאַרהאַקט — אויב איך באַצאָל דאָ פאַר אַלעמען דאָס דירה־געלט וויל איך און פאַרלאַנג ס׳זאָל זיין שאַ־שטיל ווען איך שלאָף! געהערט? — נעמט חיים־משה ווילד קנאַקן און זבענקען מיט אַ פויסט אין דער וואַנט פון דאָניאַ קלאַראַס קיך.

דאָניאַ קלאַראַ האָט זיך צוגערוקט נענטער צום סוב־לאָקאַטאָר און אים אַריינגעטײַטלט מיט אַ פינגער אין די טשאַפּלין־וואָנסעלעך אַריין:

— אַרויס פון מײַן שטוב! שוין די רגע זאָלט איר אַרויס פון מיין שטוב! ווערט פאַרברענט מיט אייער געלט! איר... איר שמוציקער קאַפּאָ וואָס איר זענט! פוי! — גיט אים די באַלעבאָסטע אַ שפּיי פאַר די פיס.

חיים־משה האָט גענומען רייבן שנעל־שנעל אַ האַנט אין אַ האַנט:

— אַוודאי, אַוודאי, אַ קאַפּאָ בין איך... אַוודאי בין איך אַ קאַפּאָ, ווייל איך בין דאָך געווען אין בוכענוואַלד, און איר? ווו זענט איר דע־מאָלט געווען, מאַדאַמישי? איר, מאַדאַם, זענט אַן אָרנטלעכע פרוי ווייל... היטלער האָט אייך נישט אַריינגעקראָגן אין זיינע לאַפּעס אַריין... זייער

שיין, זייער פיין, זייער אַנגענעם צו הערן פון אַ יידישער פרוי אַזעלכע רייד! דאָס האָב איך טאַקע דערוואַרט פון אייך צו הערן!... — טופּעט חיים־משה ווויליונגעריש מיט די גרויסע שטעק־שיך — מען קען נאָך גאָרנישט וויסן, צי איר, סעניאָראַ, וועט נישט אַמאָל אַריינפאַלן צו אַ היטלערן אין די הענט אַריין... מען האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן... — דרייט ער שפּאָטיש דעם קאָפּ ווי אַ מאַריאָנעטן־ליאַלקע און די ליפּן זיי־נע ווערן בלוין־בלאָ.

— און איך וועל אייך שוין טאָן דאָס, וואָס אַפילו היטלער האָט אייך נישט געטאָן! ביי מיר וועט איר כראָקען מיט בלוט... מען וועט אייך נאָך היינט, שוין־אַ, אַראָפּטראָגן פון דאַנען אַ טויטן! — האָט זי צענומען די הענט און געשריגן צום באַד־צימער, אַז חנא זאָל גוט הערן אירע רייד — אַזאַ חיה, אַזאַ בעסטיע האָט זיך אַנגעזעצט אויף אונדזער לעבן און מען קען אים גאָרנישט פּטור ווערן... אַז ווער האָט דאָס נאָך אים גע־שיקט?... ס׳האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ יידישער שטוב אַריין און וויל זיך גאָרנישט אָפּטשעפּען פון אונדז... אַוועק פון דער קיך, פּוערא, ווייל איר פאַרשטינקט מיר די גאַנצע קיך און דאָס גאַנצע ביסל עסן, — איז דאָניאַ קלאַראַ געוואָרן היסטעריש און זי האָט דעם שכן אַ שטויס געטאָן אין דער ברוסט אַריין מיטביידע הענט.

— שטופּט זיך נישט און הייבט נישט די הענטלעך אייערע — האָט חיים־משה דער קאַצעטניק, אַ געוווינטער צו אַלע מינים שטויסענישן און שטופּענישן זיך גערוקט אויף היינטערוויילעכץ — אַז איך בין אַ קראַנקער שאַרבן און לייד פון רעוומאַטיזם — פאַרשטינק איך שוין די גאַנצע שטוב? אַז דער דאָקטער האָט מיר פאַרשריבן אַביסל סאַליסילאַט — איז דאָס אַזאַ געפערלעכער אומגליק?... אַז איר וואָלט דורכגעמאַכט אַלע מיי־נע אומגליקן, וואָלט נישט נאָר פון אייך געשטונקען — ס׳וואָלט פון אייך געעיפושט! — האָט חיים־משה אַרויסגעשטופּט דעם דאַרן בויך און זיך צוריק גענומען דערנענטערן צו דער באַלעבאָסטע — אייער גליק איז, וואָס איר גייט אין אַ קליידל, סעניאָראַ! — האָט חיים־משה איינגעביסן זיין רעכטע פויסט.

— ציט זיך אַרויס פון מיין הויז, פּאַגראָמשטשיק! קאַפּאַ! זשוליק! ווער ווייסט ווי אַזוי איר האָט געראַטעוועט אייער הינטישע פעל, און ווער ווייסט וויפל יידן איר האָט געהאָלפן אומברענגען! — האָט די באַ־לעבאָסטע אַזאַ ווילד־געוואָרענע און צעיאַכמערטע אָנגעכאַפּט חיים־

משהן ביי די לאַצן פון דער פּיזשאַמע און אים אַנגעהויבן שלעפּן צו דער טיר, וואָס פירט אין פּאָדערהויז אַרויס.

חנא איז אַרויסגעלאָפן פונעם באָד־צימער אַ נאַסער, אַ נישט־אָפּגע־ווישטער און הינטער חנאן איז נאָכגעלאָפן דער באַלעבאָס, אַ בלאָנדער, אַ פעטינקער, מיט אַ קליינער גאָמבע און אַ גרויסן גוידער און מיט אַ פּאַנישער שרעק אינעם קיילעכדיקן לבנה־פּנים — האָט ער געפּאָכעט מיטן עלעקטרישן לייט־אייזן און געסטראַשעט:

— לאָזט מיך, חברים! לאָזט מיך נאָר צו צו דעם נאַצי, צו דעם פאַשיסט! איך וועל אים שוין געבן דאָס זייניקע... פאַר אַלץ וועט ער שוין קריגן באַצאָלט! חברים... — האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן אָפּגע־רוקט גאָר פון דער ווייטנס.

חנא האָט אַרויסגעריסן די פּיזשאַמע־לאַצן פון דאָניאַ קלאַריטאָס הענט, פאַרשטעלט דעם קאַצעטניק מיט זיין הויכער געשטאַלט, געפּאָכעט מיט די האָריק־באַוואַקסענע הענט:

— שוין, סעניאָראַ... סעניאָרעס... שוין, חברים... די מלחמה איז שוין פאַרענדיקט! זאָל שוין ווער ווערן קליגער און הערט זיך אויף נאַ־ריש צו מאַכן — האָט ער געפּרוכעט ענערגיש מיט די נאַסע הענט — נעמט, הערמאַן, נעמט אַריין אייער ווייב אין קיך אַריין! — באַפעלט חנא און חיים־משהן שטויסט ער אַריין אין צימער אַריין, שטופּט אים אַרויף אויפן בעט. פאַרמאַכט ער הינטער זיך די טיר מיט אַ טראַמאַסק.

חיים־משה בלייבט ליגן אויף זיין בעט אַ שווער אָטעמדיקער מיט פאַרגלייזטע אויגן און אַן אַ טראָפּן בלוט אינעם פּנים. אָבער אין אַ מי־נוט אַרום שפּרינגט ער אויף ווי אַ געפּלאַצטע שפּרונגזינקע און העשעט מיט אַ פאַרקייכטן אָטעם:

— אַזאַ כלבטע! אַזאַ שלאַנג! אַזאַ... זי רייסט ביי מיר אַרויס יעדן חודש צוויי הונדערט מיט פופציק פּעזאָס פאַר אָט דעם פינצטערן קבר און — זי טרייבט מיך נאָך פון דאַנען ווי אַ פאַרשיוון הונט — וויל חיים־משה צוריק אַרויסלויפן אין האָל אַריין.

— ליגט נאָר איינגעלייגט! — שטופּט אים חנא צוריק אויפן בעט אַרויף — קיינער וויל נישט אַז מען זאָל אים זאָגן דעות אין דער איי־גענער שטוב! וואָס ווילט איר, אַז צוליב אייך זאָל מען אַרומגיין ווי שטום אַ גאַנצן טאָג? קיינער וועט דאָס אייך נישט צוליב טאָן. איבע־ריקנס, פאַר אַזוי פיל געלט וויפל דאָס קאָסט אייך, וואָלט איר דאָך גע־

פונען ערגעץ אַנדערש אַן אַנדערן צימער — די וועלט איז דאָך גרויס!

— באַקוקט חנא דאָס טונקעלע צימער מיט דער הויכער אַלטמאָדישער דעמבענער שאַפע, און עס זעצן אים אין דער נאָז אַריין שלעכטע און האַרבע שפּיטאַל־ריחות.

— כ'האָב שוין פּרובירט זוכן אַן אַנדער צימער, נאָר מען קריגט נישט. — הייבט זיך חיים־משה אָן צו שאָקלען אויפן בעט זיצנדיק ווי ער וואָלט זיך געשאָקלט איבער אַ גמרא — זוכט איר מיר אויס אַ צווייטן צימער צום וווינען — וועל איך מיך באַלד אַרויסציען און שוין! — איז חיים־משה פּאַרטיק.

חנא גיט אויף אים אַ בייזן קוק, האַלט אָבער באַלד איין דעם אַנקומענדיקן כעס און הייבט אָן צו שמייכלען, לייגט אַרויף ביידע הענט צו זיך אויף דער ברוסט און פרעגט מיט אַביסל שפּאָט:

— איך? איך זאָל אייך גיין זוכן אַ צימער? און וואָס נאָך זאָל איך פאַר אייך אויסזוכן?... מיינע קינדער האָב איך שוין פאַרזאָרגט — וועל איך איצט אייך גיין פאַרזאָרגן! זייער פיין... — שמייכלט חנא גאַליק.

— אַז בעסער וואָלט איך ביידע פיס צעבראָכן, איידער איך בין אַרויף אויף דער שיף צו פאָרן אין דעם אַרגענטינע... אויך מיר אַ לאַנד!

— האָט חיים־משה מיט עקל פאַרקרימט די טשאַפּלין־וואָנסעלעך — פאַרברענט האָב איך געזאָלט ווערן איידער איך האָב דאָס דערקענט! — האָט ער אויסגעשפּיגן אויף דעם אַנגעשמוצטן פאָל אַ פולער מיט אַנגע־וואָרפענע און פאַרגעלטע ציטונגען.

— און איך? — האָט חנא אויפגעהויבן זיינע בליקן צום סופיט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן־דעקלעך, אַזוי ווי זיין פרומער טאַטע האָט אָפטמאָל געטאָן — איך, כאָטשע איך בין שוין אין דעם לאַנד אַזוי פיל יאָרן און האָב קיין אַמעריקע נישט געמאַכט — איר ווייסט דאָך דעם אמת — בענטש איך און קוש יעדן טאָג די אַרגענטינער ערד און איך זאָג: געלויבט און געבענטשט זאָל זיין דאָס דאָזיקע לאַנד! אַ שאָד נאָר, וואָס איך האָב נישט געקענט און נישט געהאַט די מעגלעכקייטן, נישט געהאַט דאָס ביסעלע מזל אַריבערצוברענגען אַהער, אין דעם לאַנד אַריין מיין מאַמען מיט מיינע שוועסטער... מיין מיידל... גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב דאָס געוואָלט טאָן און נישט געקענט — זענען ביי חנאן די אויגן פייכט געוואָרן מיט אַ בלוט־פאַרגאָסענעם גלאַנץ — זיי וואָלטן נאָך היינט געלעבט... קיינער וואָלט זיי דאָ — אין דעם גאָט־געבענטשטן

טייער לאַנד, — נישט געפייניקט און נישט דערמאָרדעט... — איז חנאס קול הייזעריק געוואָרן — יאָ, מען קען נאָך געפינען אַן אַנדער צימערל — האָט חנא אויפגעמאַכט די טיר און אַרויס צוריק אין האָל אַריין.

— זאָל אייך, פונדעסטוועגן, דער רבונו־של־עולם, באַשערן אַ בעסער לאַנד, ווי איר האָט דאָ אַנגעטראָפן... — האָט אים חיים־משה נאָכגעשריגן.

— מוחל, מוחל אַזאַ טובה! — האָט חנא אַ צעכעסטער זיך געלאָזן מיט שנעלע שפּרייזן צו די אייזערנע שווינדל־טרעפּ.

— וואָס זאָגט איר נישט צו אונדזערע גליקן, חבר חנא? — האָט אים די באַלעבאָסטע פאַרשטעלט דעם וועג און אים אָנגעקוקט מיט פאַרווייגטע אויגן — אַז ווי נאָר אַן אומגליק — טרעפט דאָס גלייך אונדז! וואָס זאָגט איר נישט צו דעם קאַפּאַ?

— פע, באַסטאַ! איך האָב מיר גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז איר, סעניאָראַ, זאָלט קענען ריידן אַזעלכע שוידערלעכע רייד! — האָט חנא זיך צעקאָכט און געציטערט פון אויפרעגונג — איך וויל נישט, סעניאָראַ, הערן אַזעלכע רייד... ס׳איז מיר פאַר אייך אַ חרפה און אַ שאַנד! צום פריערדיקן שכן צום קריסט, צו דאַן ראַמאָן דעם גיטאַריסט, דעם שיכור, האָט איר אַזוי נישט גערעדט... יענער האָט אייך געצאָלט ווי איך — דרייסיק פּעזעס אַ מאָנאַט — האָט איר צו יענעם קריסט גערעדט מיטן גרעסטן רעספּעקט און דרך־ארץ און איר, אייער מאַן און אפילו אייער טאָכטער נעלי, אַלע האָט איר מורא געהאַט אַ העכער וואָרט אַרויסצוריידן, בשעת דער פּיאַק האָט געכאַליעט גאַנצע טעג... און אַז דער גיטאַריסט האָט זיך גוט אָנגעטרונקען און דערנאָך אָנגעמייקעט אַ פולן באָדצימער — האָט איר אויסגערייניקט און אויסגעווישט און שאַ־שטיל זאָל זיין! און אַז דאַן ראַמאָן האָט גאַנצע נעכט געקלימפּערט אויף דער גיטאַרע, אַז מען האָט שיר געקאָנט טויב ווערן — האָט איר זיך פאַרשטאָפּט די שיינע אויערלעך מיט וואַטע; און איצט, און איצט? — אַז ס׳האָט זיך אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין אַ געפייניקטער ייד, וואָס עס וואָלט ביי אייך געדאַרפט זיין אַ זכיה און אַ כבוד, אַז אַזאַ אָנגעליטענער מענטש איז ביי אונדז, ביי אייך אונטערן זעלבן דאַך — פאַרצאַפּט מען אים זיין בלוט און מען וואַרפט אים די נבזהדיקסטע ווערטער אין פּנים אַריין, אין דער נשמה אַריין! — מיר וואָלט איר דאָס געדאַרפט טאָן, חברטע קלאַריטאַ... — האָט חנא פאַרביילט זיינע מעכטיקע פויסטן און זיינע קורצ־

זיכטיקע אויגן האָבן זיך צעברענט מיט רציחה — נאָר מיר זאָלט איר אַזעלכע ווערטער זאָגן! — איז ער שנעל אַרויסגעלאָפן אויף די געדריי־טע טרעפּלעך מיט אַ שווער געטופּעריי, ווי עס וואָלט אָנגעהויבן צו דר־נערן אונטער זיינע פיס.

— וואָס ס׳האָט זיך מיר נאָר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט... טפו! — האָט זיך דאָניאַ קלאַראַ געכאַפּט ביים קאָפּ אַ צעחושטשע — הער־מאַן, הערמאַנשי, — האָסט כאַטש געהערט? און מיר האָבן אייביק גע־מיינט אַז אַזאַ חבר חנא איז פון אונדזערע מענטשן... אָט האָסטו אַ פריינט! — האָסט געהערט, הערמאַן?

דער מאַן האָט זיך נישט אָפּגערופן און חנא האָט אַרומגעשפּאַנט אין זיין צימערל, ווי אַ פאַרשפּאַרטע חיה אין אַ שטייג; ער האָט פאַררוי־כערט אַ ציגאַרעט אויפן ניכטערן האַרצן — אַ זאַך וואָס ער טוט נאָר ווען ער איז שטאַרק אויפגערעגט — האָט געבלאָזן פון זיך וואָלקנס רויך און אַרויסגעשפּיגן אויפן וואַרענדעלע אַרויס. חיים־משה דער קאַצעטניק איז אים אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן. חנא האָט געוווּסט, אַז דער על־פּי־נס געראַטעוועטער ייד איז געקומען צו אַ גאַר־רייכן ברודער אין דעם בוענאָס־איירעס, און פּונקט צום חודש האָט אים דער גבירישער ברודער פאַרטריבן פון זיין הויז. אָנגעהויבן האָט זיך עס צוליב חיים־משהס נאַ־רישע צונג: אַז חיים־משה האָט זיך אַמאָל אַריינגעזעצט צום ברודער אי־נעם „קאַדיליאַק״־אויטאָ אַריין, האָט ער, חיים־משה, אים גלייך געזאָגט, אַז ער, דער ברודער — איטשע־מאיר רופט מען אים — דאָס זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך — אַז דו, איטשע־מאיר, האָסט געמאַכט די פּאָר טאָלער פּונקט דעמאָלט, ווען היטלער ימח שמו, האָט פאַרברענט דעם טאַטן, די מאַמען, די ברידער און שוועסטער און אַלע יידעלעך... האָסטו מסתמא געמאַכט די פּאָר גראָשן פון האַנדלען מיט דייטשע סחורות! אוודאי האָבן די אַמעריקאַנער פּעטערלעך געהאַנדלט מיט דייטשע סחו־רות! אין בוכענוואַלד האָט מען אָפן גערעדט פון די אַלע זאַכן... כי־כי־כי!

איטשע־מאיר האָט אים צום ערשטן אָפּגעשוויגן און דערנאָך האָט ער זיך מיט גרויס ישוב־הדעת אָנגעכאַפּט ביי דער שפּיץ פון דער גאָמ־בע, ווי ער וואָלט נאָך געהאַט די אַמאָליקע חסידישע באָרד און שטיל געענטפערט, אַז זאָל זיך חיים־משה פאַרשטעלן, אויסמאָלן זיך, אַז ס׳איז נישט, אַז ס׳איז לגמרי נישט געווען פּונקט אַזוי־אָ, אַזוי־אָ... האָט חיים־

משה אַזאַ חסידישן דריי־געטאָן מיט די פינגער און דערווידערט, אַז ס׳איז, מייד־זיך, יאָ אַזוי און טאַקע נאָר אַזוי געווען, ווייל — האָט ער זיך געקנייטשט מיט אַ גמרא ניגון — ווייל אַזוי האָט מען גערעדט אין לאַגער און מענטשן וועלן דאָך נישט ריידן גלאַט אַזוי. אַ וועלט איז דאָך נישט משוגע... האָט שוין דער רייכער ברודער גענומען נערוועאיש פינט־לען מיט די אויגן און אָנגעהויבן אָפּצוענטפערן מיטן זעלבן גמרא־ניגון, אַז אויב כשרע עדות וועלן זאָגן, אַז דער ענין איז נישט געווען אַזוי ווי מען האָט גערעדט און געזאָגט, האָט דאָך דאָס גאַנצע ריידעניש נישט געהאַט און האָט נישט קיין ממשות — איז דאָך אַ סימן, אַז מען האָט נעבעך נישט געוווסט, אַז עס איז פּאַרט נישט געווען אַזוי ווי מען האָט געזאָגט און גערעדט?!... נישט אַזוי?

דעמאָלט האָט שוין חיים־משה נאָכגעלאָזט און נאָכגעגעבן, אַז ווען אפילו די זאַך זאָל טאַקע האָבן געשען אויף אַן אַנדערן אופן, נישט אַזוי־אַ ווי מען האָט געשמועסט, איז דאָך פּאַרט אַ פאַקט אַז אַלע אַמעריקאַנער יידן זענען דאָך רייך געוואָרן פונעם יידישן בלוט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגאָסן ווי וואַסער, ווייל אין דער מלחמה האָבן זיי געמאַכט אַמעריקע, געמאַכט די גאָלדענע רענדלעך...

דאָ האָט שוין דער רייכער ברודער איטשע־מאיר אַ זבענק־אַריין גע־טאָן אינעם אויטאָמאָביל־רודער, אָנגעהויבן ווילד צו טרובען, מיט היץ דערוויזן, אַז ס׳הייבט זיך נישט אָן און ס׳לאָזט זיך נישט אויס! און צום סוף האָט ער אים שוין געפרעגט, אַז וואָס וואָלט שוין אַזאַ חיים־משה געהאַט פון אַלץ מיט אַנאַנדער, ווען ער, ימח שמו, וואָלט אויך באַוויזן אויסצושעכטן אַלע אַמעריקאַנער יידן און אַזאַ מענטש ווי חיים־משה וואָלט נישט געהאַט צו וועמען און צו וואָס צו קומען קיין אַרגענטינע? און וואָס וואָלט אים שוין אַרויסגעקומען פון דעם, אַז ווען חיים־משה וואָלט יאָ געקומען צום ברודער און צו די אַלע אַמעריקאַנער יידן און וואָלט זיי און אים, איטשע־מאירן, געטראָפן נאַקעט און באָרוועס און ער, דער ברודער, וואָלט אַרומגעבלאָנקעט קרוע־בלוע, און אַזאַ חיים־משה וואָלט אים געמוזט געבן אַ נדבה?... האַ? וואָלט שוין געווען בע־סער?... — האָט חיים־משה פאַרשנורעוועט די ליפּן און זיינע וואָנסע־לעך האָבן זיך אים מיט חוזק אויפגעשטעלט אונטער דער נאָז און אָפּ־קערנדיק דעם קאָפּ מיט פאַראַכטונג, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס אָרעמ־קייט וואָלט נישט געווען קיין גרויס אומגליק, ווייל אין די הייליקע

ספרים שטייט געשריבן, אַז דאָס אָרעמקייט פּאַסט זיך צו אחינו בני ישראל, ווי אַ רויט ציימל צו אַ ווייס פערד... בעסער זיין אָרעם און ער־לעך, ווי רייך און פאַרדאָרבן...

איטשע־מאיר האָט שוין גאָרנישט געענטפערט. עס איז אים באַ־פאַלן אַ נערוועאישער הוסט און אַלע ווילע האָט ער אַרויסגעשפּיגן דורכן פענצטער פונעם אויטאָמאָביל און שווייגנדיק פאַרביסן געפירט און מאַ־נעווירט מיט דער מאַשין אין די אָנגעפּולטע צענטער־גאַסן, און נאָך יעדע פּאָר אָפּגעפאָרענע מעטער געמוזט בלייבן שטיין. נאָר חיים־משה איז שוין נישט שטיין געבליבן מיט זיין שאַרפער פאַרביטערטער צונג; ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן גיסן מיט גאַנצע עמערס סם און גאַל אויף די אויסגעפּאַשעטע יידישע ווייבער, וואָס זעען אויס ווי די העלפאַנטן, און זיי גייען באַהאַנגען, פּונקט ווי די טשענסטאָכאָווער מאַטקע־באָסקע, מיט גאַנצע פונטן גאָלד און בריליאַנטן; זיי רויכערן ציגאַרעטן, טרינקען און זשלאָקען וויסקיס און די טייערסטע ווינען; און גאַנצע נעכט שפּילט מען אין פּאָקער, וואָלטן זיך געלאָזן פאַרברענען צוליב אַ פּעשל קאָרטן!..

איטשע־מאיר האָט נערוועאיש געטרובעט מיט דער עלעקטרישער טרובע פון זיין מאַשין, געקוקט בייז אין דער ווייט אַריין מיט קוים איינגעהאַל־טענעם כהנישן כעס און זיך יעדע רגע אונטערגעהויבן פונעם אָרט, ווי ער וואָלט געזעסן אויף ברענענדיקע קוילן... איטשע־מאיר האָט שוין מער, נעבעך, נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך אָנגעהויבן ווערן: — וואָס טוט זיך דאָ? ס׳שפּילט ווער, חס־וחלילה, פאַר חיים־משהס געלט? עס שיכורט ווער פאַר חיים־משהס פאַר טאָלער, און, צי רויכערט ווער פאַר חיים־משהס פאַר גראָשן?.. זאָל ער שוין בעסער פאַרמאַכן דאָס גרויסע מויל און שווייגן! אַ סוף זאָל דאָס נעמען! חיים־משה האָט אָבער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט שווייגן; אַזויפיל יאָרן האָט ער ביי די פאַר־שאָלטענע דייטשן געמוזט שווייגן — וועט ער איצט שווייגן? דאָ איז שוין חיים־משה אַרויס מיטן גאַנצן לשון און אָנגעהויבן הויך צו שרייען, אַז ער קען גאָרנישט פאַרשטיין, אַפילו מען זאָל אים צעשניידן אויף שטי־קער, אַז ווי אַזוי האָט ער, איטשע־מאיר, זיין ברודער, געקאָנט נעמען אַזאַ פעטע קו פאַר אַ ווייב?.. עס דאַרף דאָך אים זיין אַ מיגל צו שטיין נאָענט נעבן איר... זע נאָר וואָס פאַראַ חפץ דאָס האָט זיך אויסגעקליבן... זי זעט דאָך אויס ווי אַ מאַדאַם פון אַ...

איטשע־מאיר האָט אים שוין נישט געלאָזט אַרויסריידן דאָס מיאו־

סע וואַרט און אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף די לעפצן אַרויף, האָט ער שוין האַסטיק פאַרקערעוועט מיטן אויטאָ צום טראַטואַר, אויפגעפּראַלט ברייט די אויטאָ־טיר און באַפוילן דעם ברודער מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער זאָל שוין אַרויסגיין פון קאַטש אַרויס! אַז חיים־משה איז אויסגעשטיגן פונעם קאַטש, האָט אים איטשע־מאיר געזאָגט און נישט געקוקט אין די אויגן אַריין, אַז באַלד, הייסט, וועט ער אָפּשיקן זיינע, חיים־משהס זאַכן אין דעם און דעם האָטעל אַריין און מער זאָל ער מיט די פיס זיינע זיין שוועל נישט איבערטרעטן! דאָס ברודערשאַפט איז געענדיקט! חיים־משה איז געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר און געקוקט צום ברודער מיט חוזק און אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג. באַלד האָט ער גאָר אַרויפגעכראַקעט אויפן שיינעם אויטאָ אַרויף און זיך צעשריגן דראָענדיק אים מיט אַ פינגער: דו, פעטער חזיר! וועסט האָבן אַ שוואַרצן סוף! צו קבר ישראל זאָלסטו נישט קומען...

...און פון דעמאָלט אָן, איז חיים־משה געבליבן אַליין — אויס ברודער! ער וווינט ביי דער דאָניאַ קלאַראַ אין אַ צימער און שלעפט זיך אַרום איבער די געשעפטן פון דער שטאָט מיט אַ מוסטער פון אונטערוועש פאַר פרויען, וואָס אַ באַקאַנטער, אויך אַ געוועזענער קאַצעטניק, גיט אים צום פאַרקויפן; חנאַ איז באַקאַנט מיט דעם איטשע־מאיר: ער איז דווקא אַ ייד מיט זייער אַ גוט, נאָר זייער אַ קראַנק האַרץ; ער ווייסט נעבעך אַליין נישט, ווי קראַנק ער איז... און איטשע־מאיר ווערט קיינמאָל נישט מיד צו ריידן פון זיין ברודער. יעדן דערציילט ער זיין צער און זיין אַנטוישונג. ער וויינט פשוט אויס פאַר יעדן איינעם ווי אַזוי דער ברודער האָט ביי יעדער געלעגנהייט, פאַרשעמט און באַליידיקט זיין פרוי. ער, איטשע־מאיר, האָט פשוט מורא געהאַט, אַז זיין חיים־משה זאָל נאָר נישט אָנאַרבעטן אַ גרויס אומגליק... איטשע־מאיר האָט דריי זין: איינער איז אַ סטודענט און די אַנדערע צוויי זענען וועבער־מייסטער און זיי פירן די גאַנצע פאַבריק. דער סטודענט פאָרט שוין אינקורצן אַוועק קיין ישראל אין אַ קיבוץ אַריין, נאָר די אַנדערע צוויי זין זענען ווילדע חברה — זיי וואָלטן, — ווען זיי דערוויסן זיך נאָר ווי מען האָט באַליידיקט זייער מוטער — אָפּגעדרייט דעם פעטער זיין נאַרישן קאָפּ...

...חנאַ האָט שוין אויסגערייכערט דעם גאַנצן ציגאַרעט און אַרויסגעוואָרפן דורך דער טיר דאָס איבערגעבליבענע פּיצעלע, וואָס האָט אים געבריט די פינגער און האָט זיך גענומען אָנטאָן. עס איז שוין געווען

פריע מיטיק־שעה און אין דער צייט פֿאָרט ער שוין אַראָפּ אין די קאָפּע־הייזער און ער טרינקט ערגעץ דאָס ערשטע גלאָז טיי. ער קויפֿט אַ יידי־שע צייטונג און זעצט זיך אַוועק לייענען. ערשט שפּעט נאָכמיטיק, קו־מען זיך צונויף זיינע קליענטן, זיינע ברויטגעבער, ביי וועמען ער מאָנט אויף די פּאָר פּעזעס און פֿאַרדינט אויפֿן אָרעמען שטיקל ברויט... אוודאי, אַז ער כאַפּט אַריין אַ פּאָר שעה אַרבעט ביים פֿאַך, ביי די היטלען, איז דאָס ביי אים צוקער־זיס... נאָר די פּאָר אַרבעטס־שעהן, די „טשאַנגעס" ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער... נאָר, נאָך אַמאָל דאָס אייגענע: חנאָ האָט „שוין געמאַכט אַמעריקע"... מען דאַרף נישט איינרייסן די וועלט — מען וועט שוין ווי עס איז דורכשטופּן די פּאָר לעצטע יאָרן...

חנא הייבט אָן אויפֿצורוימען זיין צימער: ער פֿאַרבעט דאָס קלאָר־ווייסע, שניי־ווייסע בעטל און דערנאָך נעמט ער אָפּער פֿון אַ ווינקל היב־טער דער טיר די קער־באַרשט און קערט אויס דאָס צימערל. ער שאַרט אַרויף אויף אַן אַלטער צייטונג דאָס אויסגעקערטע שטויב, מאַכט פֿון דעם אַ קנויל — טוט ער אָן די ברילן, שטעלט אַוועק די באַרשט אויף איר אָרט, קוקט זיך אַרום אַ ווײַלע איבערן צימערל, פֿירט זיינע בליקן איבער די בילדער און גיט אַ קוק אַריין אין שאַפּקע שפּיגל אַריין, וויל ער זען צי די שמייכלען פֿון די געשטאַלטן אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס שפּיגלען זיך אָפּ אינעם באַקוועקזילבערטן גלאָז; נאָר, ווי תמיד, שפּיגלען אַרויס די געשטאַלטלעך אָן די שמייכעלעך און קוקן ביסטרע און בייזע... אפילו חנאָס געשטאַלט שפּיגלט זיך איצט אָפּ אין דעם שפּיגל פֿיל דאַרער און לענגער ווי ער איז דאָס אין דער ווירקלעכקייט; אוודאי, ווען חנא זאָל זיין ביי מער געלט, וואָלט ער שוין לאַנג איבערגעביטן דעם אויסטער־לישן און אָרדינערן שפּיגל. נאָר, איצט — גיט חנא אַ זיפֿץ — אַז מען האָט קיין פֿינגער נישט — קען מען דאָך קיין פֿייג נישט שטעלן!...

חנא לאָזט אָפּן די טיר פֿונעם צימער און נידערט שטיל אַראָפּ דורך די ספּיראַל־טרעפּלעך. אַז ער גייט פֿאַרביי די קיך, וואַרפֿט ער אַריין דאָס שטיקל איינגעקנוילטע צייטונג אין דעם מיסט־קעסטל, וואָס שטייט אין אַ ווינקל פֿון דער קיך. ער לאָזט זיך גיין צו דער ווינדע, און אַז ער גייט פֿאַרביי פֿאַרן עס־צימער, ווו דאָביאַ קלאַראַ און דאָן הערמאַן זיצן ערנסטע און שווייגנדיקע, מיט טרויעריקע אָנגעבויגענע קעפּ, ביי זייער טיש און עסן דעם מיטיק — גיט ער אַ שנעלן קוק אין זייער זייט אַריין, גיט אַ

שטילן מורמל און אַזאַ ברוגזן שאָקל מיט דער האַנט, עפּנט אויף די טיר און בלייבט שטיין נעבן דער ווינדע.

ווי געוויינלעך איז די ווינדע — ווען נאָר חנא דאַרף דאָס האָבן — ערגעץ־ווו אונטן. חנא קוועטשט דעם שוואַרצן קנאָפּ און וואַרט גע־דולדיק. אוודאי ווערט טרויעריק אויפן האַרצן, אַז מען כאַפּט אַ קוק אויף דעם הערמאַן און די קלאַראַ, ווי אַזוי זיי זיצן שוין אַזוי עטלעכע יאָר, אַזעלכע באַצערטע און פאַרקלעמטע, בעת זיי זיצן און עסן ביי זייער טיש...

און ווען זיי זעצן זיך צום עסן, דערמאָנען זיי זיך אין זייער איינציק טעכטערל נעלי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש־נאָרד־אַמעריקאַ־נער יונגערמאַן, אַ מוזיקער, אַ טראָמבאָניסט, און היינט, שוין דריי יאָר, וווינען זיי אין פילאַדעלפיע; ווער ווייסט ווען זיי וועלן אַמאָל צוריק זיין צוזאַמען מיט זייער איינציקער טאָכטער, זייער איינציק קינד? דאָס פינצ־טערע מזל האָט געוואָלט, אַז די שיינע נעלי זאָל גאָר אַוועקפליען ווי אַ פייגעלע און זי דענקט גאָרנישט צוריקצוקומען... נעלי האָט שוין אַ ייִנגע־לע. אַלע חודש קומען אָן פאָטאָגראַפיעס און פאָטאָגראַפיעס און פון די פאָטאָגראַפיעס ווייעט מיט דערוויטערטער אָנגעוואָקסענער פרעמדקייט און פאַרגעסנקייט... דער איידעם און די טאָכטער שיקן אָפט מתנות; ניילאָן־זאָקן, ניילאָן־קראַוואַטן, ראַזיר־מעסערלעך, און ציגאַרעטן... און זיי די טאַטע־מאַמע, זענען דאָך נישט פון אַנקל סעמס מענטשן און זיי גלויבן ווי זיי גלויבן דאָס, אַז אַלע אומגליקן קומען פונעם דאָלאַרן־לאַנד און — און זיי צערטלען די אַלע מתנות, און ווען קיינער זעט נישט, אפילו נישט דער מאַן, הערמאַן — קושט דאָניאַ קלאַראַ די ניילאָן־זאָקן, די ניי־לאָן־קראַוואַטן און באַנעצט זיי מיט טרערן... זי באַהאַלט אירע טרערן פו־נעם מאַן. עס טוט איר זייער וויי, וואָס דער איידעם, נעליס מאַן, גרישאַ, שרייבט קיינמאָל נישט צו אפילו קיין וואָרט צו אַ בריוול און זי ווייסט, אַז די מתנות שיקט נעלי אָן איר מאַנס וויסן, ווייל ער, גרישאַ, דער גע־בוירענער אין אָדעס און דערצויגענער אין ניו־יאָרק, האָט פיינט זיין שווער און שוויגער דערפאַר, וואָס זיי זענען סימפּאַטיזירער פון טיראַנישע און דיקטאַטאָרישע איינשטעלונגען און ער האָט אַמאָל געהערט ווי זיי האָבן באַליידיקט זיין לאַנד... טוט ער אַלץ צו האַלטן אָפּגעשיידט זיין נעלי פון אירע עלטערן, און ער וויל מיט זיי קיין ביזנעס נישט האָבן. „נעוועד־

און שוין! יאָ, עס איז טאַקע אַ רחמנות אויף די עלנטע פאַרבענקטע טאַ־טע־מאַמע!

...און דערווייל איז שוין אַוועק אַ סך מינוטן און חנא וואַרט. די שטאָלענע אַסענסאָר־קאַבלען און קייטן נעמען זיך ציען, רוקן און שאַרכן, בלייבן באַלד ווידער פאַרגליווערט און בייטן מיטאַמאָל איבער די ריכ־טונג און לאָזן זיך צוריק אויף אַראָפּ. זעט שוין חנא, אַז דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול: די הייב־מאַשין איז פאַר אים נישט געמאַכט געוואָרן. אי־בעריקנס, ער האָט אַמאָל געלייענט אין אַ פּאָפּולער־מעדיצינישן זשורנאַל, אַז עס איז זייער געזונט פאַרן מענטשלעכן האַרץ אַראָפּצושטייגן צופּיס פון גאָר הויך אין דער נידער אַראָפּ — נעמט ער לויפן ווי אַ יונג בחורל און ער דערמאָנט זיך פלוצים אין זיין געבוירן־שטאָט — וואַרשע: חנאס משפּחה האָט געוווינט אויפן פערטן שטאָק. קיין ווינדעס זענען אין די הייזער אויף דער קראָכמאַלנע־גאַס נישט געווען; און ביי חנאן, ווען ער איז געווען אַ קליינער יאָט, איז ביי אים דאָס גרעסטע פאַרגעניגן געווען אַראָפּצוגליטשן זיך רייטנדיק אויף די טרעפּ־פּאַרענטשעס ווי מען וואָלט געריטן אויף אַ פערד... נישט איין מאָל איז ער אַרויפגעקומען אין שטוב אַריין מיט אויפגעטרענטע הייזלעך ביים קראַק; דער טאַטע ע״ה האָט אים פאַר די קונצן אַזוי אַריינגעשמיסן אויפן נאַקעטן, אַז ס׳איז דאָרטן גע־וואָרן רויט ווי פייער; די מאַמע — זכר קדושים לברכה — האָט דווקא דעמאָלט צוגעגעבן דעם טאַטן חשק צום שמייסן און פּאַטשן: „דערלאַנג אים דעם לאָבוז! — האָט זי פאַרביילט די שיינע אָפּגעטאַקטע און ווי אָפּגעשניצטע הענט — געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט, מיין מאַן! זאָל ער, דער שגץ, בעסער וויינען, איידער מיר, חס־וחלילה זאָלן מיר דאַרפן וויינען!״ — דער גרויסער חנא ווען ער דערמאָנט זיך דאָס, אַפילו היינט, גיט ער זיך, נישט־ווילנדיק אַ טאַפּ מיט ביידע הענט אויף יענעם גוטן אָרט, גיט אַ טרויעריקן שמייכל און עס פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ... אַ שאָד — טראַכט ער — אַ גרויסער שאָד, וואָס מען קען זיך היינט אַזוי נישט אַראָפּגליטשן אויף אַראָפּ... ס׳פּאַסט נישט!

אַז חנא איז שוין געבליבן שטיין אויף דער טומלדיקער אייביק צע־רעשטער גאַס, איז אים באַפאַלן די אמתע בוענאָס איירעסער זומער־דיקע היץ. כאָטש דער בלאָק גאַס מיט די אַלע הויכע הייזער איז גע־שטאַנען אייביק אַן אַ ברעקל זון, האָט שוין אין דער מיטיק־שעה אַלץ

געגליט און געברענט; אויף די טראָטואַרן ביי די רעסטאָראַנען, אונטער גרינע און ברוינע פלאַנדעקעס, זענען שוין געזעסן מענטשן מיט אויס־געטוענע רעקלעך, מיט נאַסע פון שוויס־צעווייקטע העמדער און האָבן געטרונקען משקאות. אין די לאָקאַלן האָבן געשווינדלט און געשאַרכט די ווענטילאַדאָרן. אינמיטן ברוק האָבן די אָנגעגליטע אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן זיך געגליטשט, געדרוקט מיט אַ קלעפיק רעדלעריי, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים איינזינקען אין דעם צעשמעלצטן אַספאַלט; און די פוס־גייער, וואָס האָבן געמוזט קרייצן די גאַסן האָבן געהויבן און גע־שלעפט די פיס, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען איבער בלאָטעס און זומפּן. די שוידערלעכע חמימה האָט געדושעט די שטאָט און אַלע ווײַלע איז דאָס טראַפיק שטיין געבליבן און די פּאָליציי־לייט אויף די טראַפיק־פּלאַטפאָר־מעס האָבן נערוועאישע געפייפט, מאַכטלאָזע געשטרעקט די ווייס־באַ־לייוונטע הענט אין אַלע קאַרדינאַלע זייטן, געשאָקלט מיט די ווייסע זון־קעפּיסן אויף די היטלען און שטיין געבליבן פאַרגליווערטע און פאַרטויב־טע אין גיהנומדיקן טרובעריי פון די אויטאָ־באָסינען.

אין דער אונטערערדישער טראַמוויי־סטאַנציע האָט חנא אָפגעאָ־טעמט, ווי ער וואָלט דורכגעלאָפן דורך אַ בראַנד. אַ קיל ווינטל האָט געשטראָמט אויף די באַוועגלעך מעכאַנישע טרעפּ. ווינטער איז אין די אונטערגרונט־טונעלן אָנגענעם וואַרעם און זומער, אין די גאַר גרויסע היצן, איז מחיהדיק קיל; דער וואַגאָן ווערט אָבער מיט יעדער אָפּגעפאָ־רענער סטאַנציע פולער און געפּאַקטער: חנא מוז אַרבעטן מיט די עלנ־בויגנס ביז ער דערשטופּט זיך צו די טירן. ענדלעך שטייט ער שוין צוריק אויף די מעכאַנישע טרעפּ. באַלד פאַרזשמורעט ער די אויגן, בלייבט שטיין אַ ווײַלע און ער איז שוין אינגאַנצן פאַרבלענדט פון דער גליענ־דיקער זון. דאָס שטיק וועג וואָס ער האָט צוצוגיין צום „טיגרע־באַר" — די פּופּציק טריט — האָט נישט קיין ברעקל שאָטן פאַר קיין רפואה. ער נעמט שנעל שפּרייזן און פאַלט אַריין אין דעם קאַפע־הויז מיט אַן אָפּגעגליטן קאָפּ. חנא גיט זיך אַ זעץ־אַוועק ביי אַ טישל פּונקט אַנט־קעגן דעם גרויסן און שטייענדיקן ווענטילאַטאָר, טוט אויס ס׳רעקל, הענגט דאָס אויף זאַרגפעלטיק אויף אַ בענקל און רייבט זיך מיטביידע הענט אויף דעם אָנגעגליטן שאַרבן.

— פּערעז! — הייבט ער אָן פּאַטשן מיט די הענט — טשע, פּערעז

— קוקט ער אַראָפּ צום בופעט — ווו איז ערגעץ דער קעלנער? — פרעגט ער קוקנדיק אויף אַלע זייטן.

נאָר פּערעז דער קעלנער, דאָן כעסוס פּערעז, דער מאַדרידער, איז דערווייל דאָרטן, אַראָפּצוצו, נעבן לאַנגן בופעט פון דעם „טיגרע־באַר״, — דער גרויסער און ברייטער לאָקאַל, וואָס איז ענלעך צו אַ גרויסער שאַפּע — מיט די הויכע הילצערנע און באַשפּיגלטע ווענט, וואָס זענען שוין זינט יאָרן און יאָרן באַפּינטלט מיט פליגן־קויט, כאָטש שוין יאָרן און יאָרן ווי קיין פליגל שמעקן נישט אַריבער די שוועל פון דעם מקום; דער געדיכטער רויך־נעפּל פון ציגאַרעטן און ציגאַרן געמישט מיט קאַפע־אַראָמאַטן, מיט ביר און שווייס ריחות — וועפּט דאָ קיינמאָל נישט אויס און הויערט אין דער לופטן. אינעם שטענדיקן טומל און געקלאַפּעריי, אין דעם פאַרטויבנדיקן געפילדער און הייזעריקן ליאַרעם פון מענטשן־קולות, קלימפּערן צו די קאַווע־טעפּעלעך, די קאַווע־טעצעלעך און גלעזער, וואָס מען שווענקט און מען וואַשט און בלייבן נישט דערוואַשענע; פונעם גרויסן טואַלעט־צימער נעבן בופעט שפריצן און רוישן מיט קאַנאַליזאַציע פּייפּערייען די וואַסער־רערן און מישן זיך אויס מיטן סאָפּען און דאַמף־געפּייפּעריי פון דער גרויסער קאַפע־מאַשין, וואָס שטייט אויף דער ריזיק־לאַנגער מאַרמאָר־פּליטע פונעם בופעט; די ניקעלירטע קאַפע־מאַשין באַסאָפּעט און באַפּייפּט אַלע דאָמינאָ־טישלעך, דאַדאָס־טישלעך צוזאַמען מיט די פיר גרויסע ביליאַרד־טישן, וואָס ציען זיך אויס ווי אַ גרינער טעפּיך אין דער לענג פון אַ האַלבן לאָקאַל. אַלע ווייַלע קנאַלן אויס די מאַרפּיל־קוילן, און די ביליאַרד שפּילער טופּען צו מיט די לאַנגע שטעקנס אינעם הילצערנעם פּאָל אַריין — מען גיט צו וויסן וויפל „קאַראַמבאָלעס״ עס האָט, ווער־עס־איז, אַריינגעטראָפן; פון גאָר פרי ביז שפּעט פאַרטאָג איז דאָ אייביק פול מיט דאָמינאָ־שפּילער, מיט דאַדאָס־שפּילער, מיט שטייענדיקע ביליאַרד־שפּילער און נייגעריק אַרומקריכנדיקע און אַרומשטייענדיקע צוקוקער און קיבעצער — זיצט דער עולם מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל — שפּילט מען אַזעלכע פאַריאַכמערטע, פאַרדאגהטע, פאַרטועגע, פאַרטראַגענע, דענערווירטע, צעקריגטע, געקרענקטע, פאַרבליפּטע, אָדער גאָר, הפקרדיקע פריילעכע — זיצן אונטער דעם דאַך אַ גרויסער עולם יידן און אַ פּאָר געציילטע קריסטן מיט די אַרומשטייענדיקע קעלנער מיט די אויסגעפּלעקטע ווייס־לייוונטענע רעקלעך —

שטופּן זיי זיך צווישן די טישלעך מיט די טאַצן אויף די אויסגעשטרעק־טע הענט איבער די אייגענע קעפּ און איבער פרעמדע קעפּ און געוואַל־דעווען:

— סעניאָרעס, סעניאָרעס, סעניאָרעס!

קיינער הערט זיך נישט צו צו קיינעם. מען קלימפּערט, מען האַקט און מען שיט אויס קופּעס מיט די דאָדאָס־ביינדלעך; מען זעצט, מען האַקט, מען מישט און מען שטעלט מיט פאַרטויבנדיקע טראַמאַסקערייען די דאָמינאָ־ביינער און שטיינער און מען בייגט זיך, מען לייגט זיך, און מען ציט זיך אויס אין די משונהדיקסטע פּאָזעס אַריבער אויף די ביי־ליאַרד־טישן... — איז דער האַלבער הינטערשטער לאָקאַל מיט די געסט איינגעקנאָדערט אינעם גרויען וואָלקן מיט די אייביק טונקל־לייכטנדיקע פלואָרעסצענט־רערן, אַזאַ איינגעדעמפּטע וועלט, אָן אָפּגעריסענע און צעשיידטע אויף שעהן גאַנצע פון יענער צייט וואָס פליסט אַנדערש אויף יענער זייט שוועל פון „טיגרע־באַר" — איז אין דעם מקום אַלץ אויסגע־מישט און באַהעפט: סוחרים און פאַבריקאַנטן, גאַסן־הענדלער און אַק־טיאָרן, אַנגעשטעלטע און אַרבעטער, אַלטוואַרג־הענדלער און מוזיקאַנטן, אייביקע ליידיקגייער, שנאָרער און סתם היימלאָזע פאַרשוינען, אַזעלכע נישט־אויסגעשלאָפענע און צעקנייטשטע, וואָס בעטן אַמאָל אויס אַביסל קליינגעלט אויף אַביסל קאַווע מיט מילך און שיבערן זיך און קראַצן זיך, נעבן די לעצטע טישלעך ביים טואַלעט־צימער...

...כעסוס פּערעז, דער קעלנער, איז צוגעקומען צו חנאס טיש. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ניקעלירטע טאַץ צו די מידע פלאַט־פיס און אַנגע־שטעלט אויפן קליענט די אייביק־לאַכנדיקע, גוטמוטיקע און מיט לעבנס־חכמה גליענדיקע, שוואַרצע אויגן.

— גוט אָוונט, בוענאָס טאַרדעס, חנאַלע. וואָס דו טרינקסט? — רעדט ער צו אים אַרויס אין איין רגע, כמעט דאָס גאַנצע ביסל יידישע ווערטער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין משך פון די פינף און צוואַנציק יאָר וואָס ער איז שוין קעלנער אין דאָזיקן קאַפע־הויז.

— בוען דיאַ, כעסוס — פאַרנייגט חנא מיט אַכפּערונג דעם קאָפּ

— גיב מיר אַ גלעזל טיי מיט אַ ציבעלע־פּלעצל און אַ שטיקעלע פּוטער.

— שמייכלט אים חנא אין פּנים אַריין.

— איצט ציבעלע־פּלעצל? — גיט פּערעז אַ קוק אויף זיין האַנט־

זייגערל — האַלב צוויי אַזייגער ווילסטו ביי מיר פלעצל... ביסט משו־געז? — ווערט פערעז מכלומרשט בייז און זיין טונקל־הויטיק פנים פאַר־וואַלקנט זיך, אַזש ער גיט אַ טרייסל מיט דער גרויער טשופּרינע, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר — קענסט טאַקע נישט קר־מען אַביסל פריער — קוקט ער אים אָן ווי אַ לערער אַ פאַרשפּעטיקטן תלמיד.

— גוט, בוענאַ, ברענג אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, פּוטער און — הויקערט זיך חנא איין אָן אומצופרידענער — גיב מיר נאָר אַ וויש אָפּ דאָס טישל, ווייל ס׳קלעפּט זיך דאָ... — טוט חנא אַ טאַפּ מיט אַ שפּיץ פינגער די פּליטע.

— ס׳וועט זיך אַלצאיינס קלעפּן! — גיט פערעז אַ וויש מיט דער סערוועטקע — שוין! — שפּרייזט ער אַוועק צום בופעט.

פאַרביי דעם אָפענעם קאַפע־פענצטער, פאַרביי די ברייטע טירן, דרענגען זיך דורך, אומאויפהערלעך, אַהין־און־צוריק, פאַרבייגייער, פאַר־ביילויפער און פאַרביישפּאַצירנדיקע מענטשן. ביי די אַנטקעגנדיקע געשעפטן אויף יענער זייט טראָטואַר איז אינגאַנצן פּוסט. ביי די אויסדע־קאָרירטע שוי־פענצטער בלייבט איצט קיינער נישט שטיין. אפילו ביים גרויסן לאָטעריע־געשעפט און דעם גרויסן פריזיר־אַנשטאַלט איז דער טראָטואַר אָפּגעליידיקט. ערשט ווען די זון וועט פון דאָרטן אַוועק, וועט אויך אַנטקעגן פול ווערן מיט מענטשן. די עטלעכע טישלעך פאַרן אַנט־קעגנדיקן יידישן רעסטאָראַן זענען פאַרלאָזן פון אַלעמען, נאָר ביי דער זייט זיצט אַ שוכפּוצער, אַן אינוואַליד מיט איין פוס, און דרימלט אַ פאַרחלשטער. יאָ, אָט אין דעם שטיקל אָרט, אויף די צוויי טראָטואַרן, האָט חנא צעפּטרט די שענסטע צוויי מיט אַ האַלב צענדליק יאָרן פון זיין לעבן אין אַרגענטינע. אַלע זיינע טעג, וואָכן און יאָרן זענען אָנגעפּולט מיט דעם שטיקל גאַס. אַפילו אין די צייטן ווען ער האָט אַ סך געאַרבעט, האָט ער געמוזט, נאָך אַ שווערן טאָג פּראַצעווען, אַראָפּכאַפּן זיך אויף די ערטער. און אויב עס האָט ווען עס איז פּאַסירט, אַז ער איז נישט גע־ווען געזונט אָדער האָט געאַרבעט איבערשעהן און ער האָט אויסגעפעלט צו זיין אַ טאָג אין דער געגנט — האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס פאַרשפּעטיקט, עפּעס פאַרלוירן... אַ מענטש מוז דאָך האָבן עפּעס אַן אָרט, אַ פּלאַץ וווּ מען זאָל זיך פילן היימלעך און אויפגעהייטערט, ווי

אין אַ היים... דאָס איינזאַמע צימערל זיינס ווו ער וווינט שוין אַזוי פיל יאָרן, איז אים דאָך אַזוי פרעמד און עס שרעקט אים מיט דער איינזאַמער עלנטקייט און עס דערמאָנט אים שטענדיק, אַז ער איז אַליין אויף דער וועלט, איינער אַליין... און דאָ, צווישן די אַלע מענטשן, ווען אפילו פרעמדע און ס׳רוב טאַקע נישט־סימפּאַטישע, איז דאָך אַזאַ חנאַ פאַרט נישט אַליין! חנאַ קען נישט בשום אופן נישט, זיין אַליין אַן מענטשן. און אויב — עס פאַסירט אַזוי עטלעכע מאָל אין יאָר — און די עפנטלעכע לאָקאַלן בלייבן צוליב גרויסע פאַטריאָטישע ימים־טובים געשלאָסן אויף גאַנצע מעת־לעתן, — איז חנאַ באַטריבט פון זיין איינזאַמקייט און ער בלאָנקעט זיך דעמאָלט אַרום, טאַקע אויף די טראָטואַרן אַזאַ פאַרלוירענער, אַזאַ פאַרלאָזענער...

חנאַ האָט זיך צוגעכאַפּט צום גלאָז טיי, געשמאַק געזופּט, פאַרביסן מיטן שוואַרצן ברויט אַ באַשמירטס מיט פּוטער און דער קעלנער, פּערעז, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט נעבן חנאַס טישל, אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק צי עס רופט אים נישט ווער פון די קאַפע־זיצער און אַרײַנדערציילט אין חנאַן זיין ביסל שטוב־לעבן:

— מיין לאָרענסאָ, מיין זון — קאָנסט דאָך אים — פירט ער זיך שוין אַרום מיט אַ סעניאָריטאַ. זיי קאָנען זיך שוין פינף יאָר. זיי לערנען צוזאַמען אין פאַקולטעט און פּראַקטיצירן אינעם זעלבן שפּיטאָל. בוענאַ — גיט פּערעז אַזאַ ווירבל מיט די פינגער און באַלד נעמט ער שיטן עפּעס אַזאַ נישט־געזען שיטעכץ, ווי אַ פויער צעשיט און פאַרזייעט אביסל זריעה אויפן פעלד — בוענאַ, גוט... זיי האָבן זיך ליב צום שטאַרבן. און... דאָ הייבן זיך אָן די גרויסע צרות: — פאַרקרימט זיך דער קעלנער און דאָס וואָרט „צרות“ זאָגט ער טאַקע אויף יידיש — זי, די כלה איז יידיש... אירע עלטערן זענען אמתע פרומע לייט; דעם מיידלס פאָטער גייט יעדן שבת אין סינאַגאָגע אַריין און ביי זיי אין פאַבריקל אַרבעט מען נישט שבת. די מוטער איז נאָך פרומער פאַרן פאָטער, און זי איז — אַרעמינקע — זייער אַ קראַנקע פרוי... אַז די אַלטע לייט האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיין לאָרענסאָ איז נישט ייד — האָט די אַלטע מאַמע גלייך געכאַפּט אַן אַטאַקע אויפן קאָפּ און — און קענסט זיך, פריינט, פאָרשטעלן, וואָס אין מיין שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן!

...זי, די כלה, לעאַ, האָט די זאַך גענומען זייער קאַלטבלוטיק. נאָר מיין

לאַרענסאָ איז אַ זייער עמפינדלעכער בחור... ער שלאָפט נישט גאַנצע נעכט. ער איז אַזוי ווי איך — דער טאַטע — ער האָט צופיל געוויסן! — שיט פערעז אויס וואָס מער פון דעם נישט־געזעענעם שיטעכץ איבער חנאס קאָפּ — אַז די אַלטע לייט זאָל עפּעס וואָס פּאַסירן — וועט דאָס מיין יינגל נישט אַריבערטראָגן...

...אַלזאָ, פּוטשאָ, קאַראַמבאָ, — האָט פערעז אַריינגעלייגט אַ האַנט אין דער אונטערשטער הויזן־קעשענע, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַרויס־צוכאַפּן אַ מעסער, — האָט מיין לאָרענסאָ, דער נאַרישער אייזל, גע־מאָלדן יענע לייט אַז ער איז גרייט צו לאָזן מען זאָל אים מאַכן די אָפּע־ראַציע: ער לאָזט זיך באַשניידן און זאָל די גאַנצע וועלט גיין צום טייוול! דאָן האָב איך — פערעז, דער זעלבער פערעז וואָס דו זעסט איצט פאַר דיינע אויגן — אַנגעכאַפּט מיין לאָרענסאָן ביים קראַוואַט און, און אַז איך האָב אים נישט דערוואָרגן — איז שוין טאַקע אַ סימן אַז די מעשה מיט דער הייליקער מאַריע איז טאַקע אינגאַנצן אמת... פּוטשאָ, קאַראַמ־באָ, פּוף... — האָט דער קעלנער אויסגעשפּיגן מיט כעס און אָפּגעווישט די ליפּן — דעמאָלט האָב איך צו אים אַזוי געזאָגט: דו, ממזר, טיפּש! אַז דו, לאָרענסאָ, וואָלסט זיך באַשניטן צוליב רעליגיעזע איבערצייגונגען, וואָלט דאָס מיך נישט געאַרט... איך שווער דיר ביים אַנדענק פון מיינע אַלטע לייט, אַז ניין! איך בין פון איבערצייגונג אַן אַנאַרכיסט און איך קעמף און איך גלויב אַז יעדער יחיד האָט דאָס רעכט צו האָבן די אמתע פרייהייט צו האַנדלען אין אַזאַ פאַל ווי זיין געוויסן דיקטירט אים! אָבער — צוליב דעם האָב איך געמוזט אויסזיצן אין די טורמעס אין מאַדריד, אין באַרסעלאָנאַ, אין בוענאָס איירעס, אַרבעטן ווי אַ באַסקיש אייזל און אויסהאַלטן מיין זון, אַז ער זאָל קאָנען ווערן אַ מעדיצינער, אַז ער זאָל קאָנען טאָן עפּעס גוטס אויף דער אָרעמער וועלט — גייט ער, דער אומ־פאַרשעמטער, פאַרגוואַלדיקן זיין ריינעם געוויסן צוליב אַ פּרויאישער האַלקע?... ניין, חבר, ביי מיר גייען נישט אַן אַזעלכע חזירייען! צום גליק, האָט לעאָ זיך געשטעלט אויף מיין זייט. זי זאָגט אַז זי קאָן גוט אירע עלטערן. זיי וועלן זיך צוגעווינען... נאָר דאָס מיידל האָט גרויסע חסרונות: זי, לעאָ, פירט שוין באַציִיטנס מיין זון ביי דער נאָז און זי טראָגט שוין די הויזן! דערצו, רעדט זי נאָך אין מיין אַנוועזנהייט אַזעל־כע זאַכן, אַז איך האָב מורא, אַז איך זאָל אַמאָל נישט אַרויסשיסן און

זי פאַרטרייבן פון מיין הויז... שטעל דיר פאָר, פריינט, אַז די סעניאָ־ריטאַ גייט מיר געבן אַ לעקציע וועגן יידן? כאַ־כאַ־כאַ! פאַרקרימט זיך דאָס פּנים ביי פּערעזן מיט גאַליקן שפּאָט. — מיר גייט דאָס מיידל דער־ציילן, אַז יידן זענען אַזוי און נישט אַזוי... אַז אַ רייכער יידישער בחור וועט קיינמאָל נישט נעמען אַן אָרעם יידיש מיידל אָן נדן... איך זאָג דיר, פריינט, חנאַ, אַז די לעאַ איז אַן אמתע ראַסיסטקע און אַנטיסעמיטקע! ב־ר־ר־ר! — טרייסלט זיך מיטאַמאָל פּערעז אָפּ ווי מען וואָלט אים באַ־גאָסן מיט קיין נישט־זויבערער פליסיקייט — וואָס דו זאָגסט חנאַ? — פאַרענדיקט ער אַ דערשעפּטער און הויקערט זיך איין ווי אַ פראַג־צייכן מיט פאַרזשמעניעטע פינגער.

— אוי, אוי, אוי! — גיט חנאַ אַ שלינג אַראָפּ דעם לעצטן ביסן — קאַראַמבאַ! — הייבט ער זיך אַזש פונעם אָרט.

—מאַסאַ, מאַסאַ, טשע פּערעז! — פּאַטשט אַ פאַרשוין און פּאַ־כעט זיך מיט אַלע כוחות מיט זיין שוואַרצן שטרויענעם הוט — איך גיי אויס פון דורשט... יושר! — קוקט ער מיט געבעט צום קעלנער.

— נישטאָ יושר! — גיט פּערעז אַ כאַפּ די טאַץ און לויפט אַוועק — זעסט, מען לאָזט נישט דעם אָטעם כאַפּן — באַווייזט ער נאָך צו זאָגן חנאַן די לעצטע פאָר ווערטער.

חנאַ ווישט זיך אָפּ די ליפּן מיט אַ פּאַפּירן סערוועטקעלע און פאַר־רויכערט אַ ציגאַרעט. ער קוקט נאָך אַ פאַרטראַכטער די בלויע קנוילעכ־לעך רויך און פאַר זיינע אויגן שוועבן אים לאַרענסאַ פּערעז, דעם קעל־נערס זון און זיין כּלה — דאָס יידישע מיידל לעאַ, די סטודענטן פון מע־דיצינישן פאַקולטעט, וואָס באַרעדט אירע יידן צום שלעכטן פאַר די קריסטן... כאָטש חנאַ האָט קיינמאָל דאָס פּאָרל נישט באַגעגנט, שטייען זיי אים אַזוי בולט פאַר די אויגן, אַז ער איז זיכער אַז אויב ער וועט זיך אַמאָל מיט זיי באַגעגענען, וועלן זיי אויסזען אַזוי ווי ער האָט זיך פאַר־געשטעלט. אַ טייערער מענטש דער פּערעז און אַ גוטער חבר... כאָטש חנאַ האָט אַזויפיל גוטשטייענדיקע און רייך־אַרויפגעאַרבעטע יידישע חברים, באַרגט ער אָפּט, פאַר יעדער נייער שפּיל, אַ פאָר הונדערטער אַ גמילות־חסד ביי פּערעזן אויף צו קויפן די צעטלעך; און פאַר ניי־יאָר, ווען עס קומען פאַר די גרויסע וויינאַכט־שפּילן און יעדעס צעטעלע קאָסט אַ ממון מיט געלט — באָרגט אים פּערעז עטלעכע טויזנט פּעזעס... נישט

נאָר ער באַרגט דאָס אים, נאָר ער טראָגט אים אַנטקעגן זיין שוואָר־פּאַר־האַרעוועט געלט בתשואות־חן! פאַר די פינף־און־צוואַנציק יאָר וואָס חנא קאָן זיך מיט דעם כעסוס פּערעז וויסט ער זייער גוט, אַז מען דאַרף אויס־פאָרן אַ וועלט אויף צו געפינען נאָך אַזאַ גוטן מענטש און געטרייען חבר! דער שפּאַניער איז יאָ אַ מענטש אָן שום ראַסיסטישע פּאַראורטיילן און ביי יעדער געלעגנהייט טוט ער נאָר גוטס און דאָס טוט ער אויך שטילערהייט, אַז קיינער זאָל נישט וויסן. און וויפל אומגליקלעכע, היימ־לאָזע און אַרבעטסלאָזע פאַרשוינען האָבן שוין אַריינגעטראָפן צו דעם קעלנער אין קאָפע־הויז אַריין און פּערעז טראָגט זיי צו אַ גלאָז מילך מ׳ט ברויט און — ער הייסט קומען נאָך אַמאָל, ווען מען וועט זיך נויטיקן...
אַמאָל, ווען חנאַ איז נאָך געוועזן אַ קינד און האָט געהערט ריידן וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און שפּאַניער — האָט ער דאָך געמיינט אַז יעדער שפּאַניער איז אַ גאַנצער טאָרקוועמאַדא און... און באַלד, דעמאָלט ווען ער האָט געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט דעם מענטשן, האָט ער זיך אי־בערצייגט, אַז אין זכות פון אַזעלכע ווי כעסוס פּערעז האָט דאָך די וועלט אַ קיום! באַשערט אים גאָט אַזאַ נאַריש יידיש מיידל און — — — —

— — — און דאָס קאָפע־הויז, דער „טיגרע־באַר״ ווערט וואָס אַמאָל פּולער אין פּולער. נעבן חנאן זיצן עטלעכע יידן מיט ציינשטעכער צווישן די ציין, אַ סימן אַז זיי האָלטן שוין נאָכן מיטיק, אַלע קוקן אַריין אין די געעפנטע אינגעווייידן פון אַ גאָלדענעם ציבעלע־זייגער און אָמפּערן זיך:

— דער זייגער וועט גיין פון אסתר־תענית ביז פורים! — זאָגט דער ערשטער ייד.

זאָגט דער צווייטער ייד:

— אַכט שטיקלעך מעג מען געבן...

שווערט זיך דער דריטער ייד און לייגט צו אַ פינגער צום שטערן:

— זאָל דער קאָפּ נישט דאַרן, אויב אפילו פאַר ניין שטיקלעך גיב איך דאָס אַוועק!

— אויב אַזוי — איז גייט זיך באָדן אין ים אַריין! — גיט עמי־צער אַ שאָר אַוועק דעם זייגער פון זיך — אויך מיר אַ סוחר...

— אַלע יידישע שונאים זאָלן אַזוי וויסן פון זייער לייב און לעבן — ווי איר אַלע ווייסט וואָס איר האָט געהאַלטן אין די הענט! — כאַפּט דער פאַרקויפער דעם זייגער, פאַרמאַכט דאָס דעקל מיט אַ קנאַק, לייגט

אים אַריין אין גאַרטל־קעשענע און דרייט זיך אויס אַ ברוגזער מיט דער פּלייצע.

עס ווערט אַ דערשטיקעניש: אויך די פֿאָדערשטע טייל פּונעם קאַפֿע־הויז זשומעט שוין ווי אַ ריזיקער בינשטאָק; חנא וויל שוין אַרויסגיין פֿון דעם לאָקאַל, ווייל דאָ איז איצט נישט פֿאַראַן קיין איינער פֿון זיינע „קליענטן". אפשר וועט ער אין אַ האַלבער שעה אַרום, אַריבערגיין אַנט־קעגן, אין יידישן רעסטאָראַן אַריין און אָפּכאַפּן דעם באַשיידענעם מיטיק. נאָר באַלד גיט זיך אַ זעץ אַוועק ביי זיין טישל, חיים קאַראַש, דער מעבל־פֿאַבריקאַנט — אַ מיטלוווקסיקער און אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ שאַרף קאַנטיק פּנים און אַ גלאַנציקן פּליך, קוקט ער מיט אייביקער אַנגעכמו־רעטקייט:

— וואָס זאָגסטו צו דעם גהינום? — זעצט ער זיך אַוועק אַ שווע־רער און פֿאָכעט זיך מיטן טייערן פּאַנאַמאַ־הוט — אפילו נישט אין ישראל האָב איך אַזוי געליטן פֿון דער היץ — פֿאַרזשמורעט ער מיט די אויגן — דער שוואַרץ יאָר האָט מיך אַנגעטראָגן אין אַזעלכענע טעג איבערצולאָזן מאַר דעל פּלאַטאַ און צוריקקומען אין דעם קאַלך־אויוון אַריין — בייגט ער אָן דעם קאָפּ ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַ חלש טאָן.

— אַזוי איז, ברודערקע — ענטפֿערט חנא שטעכיק — קרעפּלעך עסן ווערט אויך נמאס... ווי לאַנג איז ערשט, אַז אין די היצן ביסטו גע־שטאַנען אין דער בלעכערנער בודע מיטן הובעל אין די הענט, און די גאַטקעלעך זענען ביי דיר געווען נאַס — אויסצודרעגנען... האָ, גע־דענקסט כאַטש? — איז פֿון חנאס ליפּן נישט אַראָפּ דאָס שטעכיקע חנ־דעלע.

— וואָס־זשע, איך געדענק נישט? — מאַכט חיים קאַראַש אויף די אויגן און שפּיזלט אים דורך מיט די בליקן — וואָסי, איך וויין דען עפּעס פֿאַר דיר? — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער הייבט ער אָן רופֿן דעם קעלנער — טשע, פּערעז, ברענג אַ קאַלטן מאַזאַגראַם מיט אַ סך אייז — שרייט ער צו פּערעזן, וואָס שטייט הינטער זיינע פּלייצעס — ווילסט טרינקען עפּעס קאַלטס? — גיט ער שוין חנאן אַ שטילן פֿרעג און דרייט אַוועק דעם קאָפּ.

— ניין, אַ דאַנק, גראַסיאַס — דרייט זיך חנא נישט ניחאדיק אויפֿן געזעס — איך האָב נאָך היינט קיין מיטיק נישט געגעסן. אַז עס קומען

אַן די הייסע טעג פאַרליר איך דעם אַפּעטיט — כאַפּט זיך חנא צו דער קעשענע און לייגט אַוועק אַ פּאַפּירל נעבן זיין אויסגעליידיקט גלאָז.

— גיי שוין, גיי. איך וועל שוין באַצאָלן צוזאַמען... דער לעצטער צאָלט! קענסט גיין — קוקט אויף אים חיים קאַראַש מיט געבעט, ער זאָל אים נישט איבערלאָזן אַליין ביים טיש.

חנא פאַררויטלט זיך און בלייבט אַ פּאַרטראַכטער. אַלעמאָל ווען אַ רייכערער חבר וויל פאַר אים באַצאָלן, שעמט ער זיך און עס באַפאַלט אים אַזאַ געפיל פון געפאַלנקייט — מילא, זאָל אַ רייכער חבר האָבן דאָס פאַר־געניגן — באַשליסט ער מיט אַ שווער געמיט.

— מאַזאַגראַם פאַרן סעניאָר — שטעלט אַוועק פּערעז אַ גרויס גלאָז מיט מאַזאַגראַם און אַ סיפּאָנדל — סערווירט סעניאָר — איז פּערעז אַוועק צו אַן אַנדער טיש.

— נו, אַ דאַנק — נעמט חנא צוריק אַראָפּ דאָס געלט פון טיש — איך וועל גיין עסן מיטיק — וויל ער אויפשטיין פונעם אָרט.

— ווייסט, גיט חיים קאַראַש אַ טאַפּ זיין גאַרטל־קעשענע פון די הויזן — די צעטעלעך וואָס דו האָסט מיר פאַרקויפט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, האָבן געמאַכט דעם קרן. בייט זיי מיר אויס אויף נייע — גיט ער אים אין דער האַנט אַריין אַן איינגעקנייטשט פּאַפּירל.

— אוודאי. איך האָב געמיינט אַז דו האָסט זיי שוין ערגעץ אויס־געביטן — נעמט חנא אַרויס זיין טייסטערל פון בוזים־קעשענע קנייטשט אויס די באַקומענע געלע צעטעלעך און גיט אים צוריק אַ בלעטל נייע ראָ־זעווע צעטעלעך — ס'איז מיטן צוויי־און־צוואַנציק, דעם נומער זוכט מען מיט ליכט...

— מיט אַ צוויי־און־צוואַנציק? — פאַרקרימט זיך דער מעבל־פאַברי־קאַנט — ס'איז אַ שלימזלדיקער נומער.

— וועל איך דיר איבערבייטן אויף אַ צווייטן נומער — איך קען דיר טאָן די טובה — וויל חנא צוריק אַרויסנעמען די צעטעלעך פון זיין האַנט.

— זאָל שוין זיין דער פאַרדאָסטער צוויי־און־צוואַנציק! — שטופּט חיים שנעל אַריין די צעטעלעך אין דער גאַרטל־קעשענע. — נו, וויפל דאַרפסטו מיר אַ רעשט געבן?

— אַ סענט קומט דיר אויך נישט! — קוויט! — שטייט שוין חנא גרייט אַוועקצוגיין.

— אַט האָסטו שוין פאַרדינט אַ צוואַנציק פּעזעס — שמייכלט חיים קאַראַש מיט איראָניע און נישט־פאַרגינעריש — פאַרדינסט צו לייכט די פּאָר טאָלער...

— קענסט זיך שוין נעמען צו מיין פרנסה — באַליידיקט זיך חנא און בלייבט צוריק זיצן אויפן בענקל — עס קאָסט דיך, נעבעך, אַ שטיק געזונט, אַז עמיצער פאַרדינט נעבן דיר אַ פּאָר טאָלער...

— כ'האָב טאָקע נישט קיין גוט האַרץ — צמאָקעט אויס חיים דורכן גלעזערן רערל דאָס לעצטע ביסל געטראַנק — מיט דיר קען מען זיך אפילו נישט אַ וויצל טאָן — טוט אים אַ הנאה, וואָס חנא איז גע־בליבן זיצן ביים טישל — ביסט אַזוי קלוג ווי מיין זון: אים טאָר איך אויך קיין איבעריק וואָרט נישט זאָגן...

— מילא, מילא — הייבט חנא אָן צו פּויקן מיט די פינגער אין טישל אַריין און ווערט אַנטשוויגן.

ביידע חברים זענען שוין ווי שטום. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אין יע־נע גרינע יאָרן, האָבן חיים און חנא, אַ פּאָר חדשים געוווינט צוזאַמען אין איין בשותפותדיקן צימער; חיים קאַראַש האָט זיך געהאַלטן זייער נאָבלעסיק, זעלטן ווען פאַרבעט זיין בעטל און זייער אָפט געשפּיגן אויפן פּאָל. חנא האָט עס נישט פאַרליטן... דערצו האָבן זיי אין די נעכט גע־האַלטן אין איין אַמפּערן זיך און די דיסקוסיעס האָבן נישט אויפגעהערט. חיים איז געווען פּועלי ציוניסטיש געשטימט און חנא איז געווען אַ סאָ־ציאַליסט; חיים איז געקומען קיין אַרגענטינע אויף אַ ווײַלע, ווייל ער האָט נישט באַקומען דעם סערטיפיקאַט צו פאָרן קיין ארץ ישראל; די מעשה האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, אַז זיי האָבן זיך פיין צעשלאָגן און אַ ברוגז האָט צווישן זיי אָנגעהאַלטן יאָרן און יאָרן. איינמאָל, ווען חיים איז שוין געווען אַ רייכער מעבל־פאַבריקאַנט, איז ער אין אַ שטאַרקן שלאַקס־רעגן געפאָרן מיט זיין אויטאָ אין דעם פאַרמבולטן וויזשאַ־קרעס־פּאָ און באַמערקט, אַז חנא שטייט אַ דורכגעווייקטער ווי אַ געראַטעווע־טער פון אַ פאַרפלייצונג אויף אַ פעלדז — אויף אַ ראָג־גאַס... חיים האָט אַריינגעבעטן חנאן אין קאַטש אַריין און אים איבערגעבעטן. פון דעמאָלט אָן פאַרברענגען זיי אַמאָל צוזאַמען אין דעם „טיגרע־באַר", נאָר ביי אים אין זיין רייכער היים איז ער נאָך קיינמאָל נישט געווען און אפילו נישט געקענט זיין פרוי און זיין איינציקן זון, וואָס איז שוין פאַרהייראַט מיט

אַ קריסטלעכער פּרוי; דער חנא האָט אָבער גוט געוווסט, אַז חיים און זיין פרוי זענען זיך שטאַרק מצער פונעם זון און פון דער קריסטלעכער שנור... לעצטנס האָט חיים צוזאַמען מיט זיין פרוי געמאַכט אַ רייזע איבער מדינת ישראל און לויט ווי מען האָט געשמועסט צווישן לאַנדס־לייט, האָט ער שוין געהאַט אָפּגעמאַכט צו בלייבן אַ תושב אין תל־אביב. נאָר אַט האָט ער זיך באַוויזן צוריק אין בוענאָס איירעס און שפּילט אָפּט אַ דאָמינע אין „טיגרע־באַר".

שווייגן פאַרטראַכטע ביידע באַקאַנטע. חנא קוקט אַריבער צום יידישן רעסטאָראַן אין טראַכט, אַז איצט איז שוין דאָרטן, מסתמא, גאָר נישט געבליבן צו באַקומען. חיים קוקט אַריין אין געלבלעכן רויך־וואָלקן אַריין און נישטערט מיט די בליקן, זוכט אַ פּאַרטנער מיט וועמעו מען וואָלט געקאָנט אַ שפּיל טאָן אין דאָמינע. עס פּאַרדריסט אים איצט אויף זיך אַליין, וואָס יעדעס מאָל, ווען ער נעמט ביי חנאן אַ פּאָר צעטעלעך, כאַפּט ער זיך שטענדיק נישט ווילנדיק אַרויס מיט עפּעס נישט קיין פּאַ־סיק וואָרט... אַזאַ אומגליקלעכע שפּיץ צונג ביי אים וואָס ער קען נישט איינהאַלטן... נאָר דער חנא איז אויך נישט קיין צדיק — אַז ער איז אַן אמתער אָקס, אַ שטאָלצע בהמה... ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ שטאָלצער, וואָלט ער אים געהאָלפן... נאָר גיי העלף אים מיט עפּעס, כאָטש עס ווילט זיך, אַז דער שיינער יונג האָט נישט קיין ברעקל שכל אין זיין מוח! נאָר איצט, אַז ער פילט אַז אין חנאן האָט נאָך נישט אויס־געוועפּט דער כעס, גיט ער פּלוצים אַ זאָג:

— זעסט חנא, דאָרטן אין ישראל — ווייזט ער מיט אַ האַנט צו דער וואַנט אין מזרח זייט — דאָרט אין ישראל, וואָרט מען מיט אָפענע אָרעמס, אַז יידעלעך זאָלן קומען און העלפן אויפבויען דאָס אייגענע לאַנד. און זיי? — שטופּט ער אַ האַנט אין רויך־וואָלקן אַריין — די קאַליקעס, זיצן זיי גאָר דאָ אין דעם שטינקעכץ און ווילן זיך נישט רירן פונעם אָרט! איי, איי, איי! וואָס מיר יידעלעך זענען... — צעזיפצט זיך חיים קאָראַש מיט האַרצווייטיק.

— אַזוי? טאַקע? — גלאָצט חנא אויס די אויגן און פאַרלייגט ביי־דע הענט אויף דער ברוסט, ווי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע האָט דאָס אָפּט געטאָן. — איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט צו פאָרן קיין ארץ ישראל און איך האָב אויך נישט מיט וואָס צו פאָרן קיין ישראל. און דו? ביסט

פון תמיד אָן אַ ציוניסט; ווילסט פאָרן קיין ישראל, האָסט מיט וואָס צו פאָרן קיין ישראל, און — קומסט צוריק פון ישראל! הער זיך איין גוטער ברודער: טשעפּע זיך ווייניקער צו אונדזערע יידעלעך... טו מיר די טובה... — האָט חנא אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט אַריין.

— מיינע שונאים און דיינע שונאים — זאָלן זיי אַזוי וויסן פון זייער לעבן, ווי דו ווייסט וואָס דו פּלאַפּלסט... — האָט חיים קאַראַש זיך צעשמייכלט אַ פאַרשעמטער און זיך בשעת־מעשה אומגעקוקט אין אַלע זייטן צי עס הערט זיך ווער נישט צו צו חנאס רייד. — די היצן צעחושן דיך, חנאלע — שטרעקט ער אויס אַ האַנט מיט אייביק כּאַר־בליבענע מאַזאָליעס און גיט חנאן אַ גלעט איבערן קאָפּ מיט חברשאַפט — שיק דאָס אַלץ צום שוואַרצן יאָר, זעץ זיך אַריין מיט מיר אין קאַטש אַריין און — היידאַ! לאָמיר זיך צוריק אַריינכאַפּן קיין מאַר דעל פּלאַ־טאַ. דאָרטן וועסטו קומען צו זיך! — לאַכט שוין חיים קאַראַש מיט חרפּה און וויל אָפּוועגדן חנאן פונעם גאַנצן געשפּרעך.

— גיי... גיי... — וואַרפט חנא מיט כעס אַראָפּ חיימס האַנט פון־נעם קאָפּ און גיט אַ שפּרונג אויף מיט אימפּעט — געגאַנגען זאָל ווערן! —- לויפט ער שנעל אַרויס פונעם „טיגרע־באַר" און בלייבט שטיין אויפן טראָטואַר אַזאַ צעקאָכטער און סאָפּנדיקער און קוקט אין דער ווייט אַריין מיט בלויע פונקען אין די אויגן.

די זון, אַזאַ שרפּעדיקע און בלענדיקע, ווי גאַנצע צען זונען וואָלטן אויפגעגאַנגען אינעם הימל, האָט שוין אָפּגעווענדט אַביסל אין צפון־זייט אַריין; עס איז שוין געווען גוט שאָטנדיק אויף דער זייט פונעם טראָ־טואַר. אַלע קאָפּע־טישלעך אויף דער גאַס זענען שוין אויך געווען באַ־זעצט. מענטשן האָבן געטומלט פאַרשוויצטע און אויסגעמאַטערטע. צווישןביידע רייען קאָפּע־טישלעך שפּאַצירט דורך אַ פּאָר־פּאָלק: ביידע פעט־לייביקע און צעיוירענע. ער, דער מאַן, פאָכעט זיך מיט אַ פלאַכן שטרויע־נעם הוט און זי, דאָס ווייב, אַ באַהאַנגענע מיט שווערע גאָלדענע בראַס־לעטן, מיט אַ גאָלדענעם האַלדזבאַנד אויפן דעקאָלטירטן הויכן ברוסט־קאַסטן, ווישט זי יעדע רגע מיט אַ טיכעלע אונטער די האַריקע פאַכוועס — שפּאַנען זיי אַדורך, אַזעלכע אָפּגערוקטע איינער פונעם אַנדערן, מיט אויסגעדרייטע קעפּ אינעם „טיגרע־באַר" אַריין, גיט דער מאַן אַ זאָג מיט אַ הויך באַסאָווע קול:

— זעסט, העניע, אַזוי שפּילט מען דאָ גאַנצענע טעג און נעכט... אַז שפּילן זאָל זיי די פּייפּעלעך אינעם האַלדז!

— זע נאָר, שיעלע — גיט זי אים אַ שלעפּ ביים אַרבל — זע נאָר, ווי מען גיסט זיך דאָ מיטן ביר. ס׳קאָסט דאָך היינט די אמתע פּאָר טאָ־לער אַ פלעשל. ביים טאַטן אין וויינגאָרטן האָבן זיי אויך אַזוי געטרונ־קען... — שטעקט זי אַרויס אַ פאַרשמאַכטע צונג.

חנאַן גייט מאָמענטאַל איבער דער כעס און ער קוקט זיי נאָך פּאַר־חידושט מיט אויפגעריסענע אויגן. צענעמט ער די הענט און פרעגט זיך אַליין:

— ווער זענען דאָס די חיות? פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען?... — קען חנא נישט פאַרשטיין.

— טשע, חנא טייערער, וואָס דעקלאַמירסטו עפּעס אין מיטן דער גאַס? — גיט אים עמעצער אַ לייג־אַרויף אַ האַנט אויף דער פּלייצע. — צו וועמען רעדסטו?, — קוקט אויף אים מיט שטוינונג און מיט ליבשאַפט דער יידיש־שפּאַנישער שוישפּילער וויקטאָר פּעסין.

— אָ, וויקטאָר — דערפרייט זיך חנא און גיט אים אַ כאַפּ אַרום און דריקט אים צו צו זיך מיט צאַרטקייט — אָ, וויקטאָר, אַ שאָד וואָס דו ביסט דאָ נישט געווען מיט אַ פּאָר מינוט צוריק — וואָלסטו געזען אַ שיינע סצענע — לייטערט זיך חנאס פּנים אויס און די אויגן דורך די ברילן ווערן ביי אים מילד.

— טאַקע אויף אַן אמת? — צעשמייכלט זיך וויקטאָר פּעסין נאָך אַלץ מיט דער זעלבער שטוינונג. — ווען דו גיסט אויף זיך אַליין אַ קוק ווי דו האָסט גערעדט צו דיר אַליין — וואָלסטו זיך אַליין אויף אַן אמת דערשראָקן... — האָט אים נאָך דער חבר באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ.

— ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. — האָט חנא אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף וויקטאָרס אַקסל, וואָס האָט אין זיין ווייס־אויסגעפּרעסטן אָנ־צוג אויסגעזען ווי אַ טוריסט אַ מיליאָנער, וואָס איז נאָר וואָס פון דער שיף אַראָפּ. — ווייסט דאָך גוט: גאָט שיקט צו דעם שפּינער זיין ביסל ליין; דעם שיכור — ס׳ביסל בראָנפן; און מיר — מיין ביסל האַרץ־ווייטיק. — ווערט חנא ערנסט.

— כ׳וואָלט געשווירן, אַז דו האָסט נאָך היינט קיין מיטיק נישט גע־געסן — האָט וויקטאָר אים אַ דראַפּ־געטאָן מיט אַ פינגער און דאָס ברי־

ליאַנטל פון זיין סיגנעטל האָט אַ פינקל געטאָן מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן — אַז דו ביסט איינער אַליין און גיסט אויף זיך נישט אַכטונג און מאַכסט זיך נאָך פון יעדער קלייניקייט בייז בלוט — קאָנסטו טאָקע — באַהיט זאָלסטו ווערן — אויסגיין ווי אַ ליכט! ביסט דאָך שוין נישט קיין קינד... — האָט וויקטאָר געקוקט מיט צער אין חנאס בלאָס פּנים אַריין.

— קום זשע מיט מיר אַריבער אין רעסטאָראַן אַריין, וועלן מיר זיך אַביסל אָוועקזעצן און כאַפּן עפּעס צום קייען! האָסט דאָך איצט, מסתמא, אַביסל צייט זיך אָוועקצוזעצן מיט אַ חבר. הערסט, אַז איך זע דיך נישט אַ טאָג, בענק איך נאָך דיר — אַז איך גיי אויס! — האָט חנא אַריינגעלייגט אַ האַנט צו וויקטאָרן אונטערן אָרעם. — באַגלייטסט מיך אין רעסטאָראַן אַריין? — האָט ער אים אַריינגעקוקט מיט געבעט אין די אויגן אַריין.

— אוודאי וועל איך דיך באַגלייטן — האָט וויקטאָר איינגעקוועטשט חנאס האַנט. — מיט דיר צו פאַרברענגען אַביסל האָב איך שטענדיק צייט! נאָר, אפשר, אפשר וואָלטן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין צענטער אַריין? מירן גיבן אַ כאַפּ די אונטערגרונט־באַן און אין צוויי מינוט זענען מיר אין צענטער. קום, כאַפּ זיך אויף אַ שעה אַרויס פון דעם געטאָ־ווינקל, פון דעם יאַריד אַרויס... קום! — קוקט אים מיט געבעט וויקטאָר אין די אויגן אַריין.

— איי־איי, אוי־אוי — כאַפּט חנא אָן זיין קאָפּ מיטביידע הענט — איצט פאָרן מיט דער סובטעי? מירן שוין פאַרשפּאָרן צוריקקומען! אייבעריקנס — לאָזט חנא אַראָפּ פאַרשולדיקט די אויגן — וויקטאָר טייערער, פון דער אייגענער הויט קען איך נישט אַרויס: איך האָב ליב אָט דאָס שטיקל וועלט מיט די אַלע חסרונות... מעלות האָט דאָס אויך! וואָס זאָל איך טאָן, וויקטאָר לעבן, אַז פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת טו איך אַלץ צו זיין אַ פּראָסטער ייד מיט אַלע יידן צוגלייך?... — האָט חנא צענומען די הענט ווי פליגל און איינגעהויקערט דעם גוף ווי אַ ייד אַ חסיד, אַן אינערלעך־צעוואָרעמטער ייד.

— איז וואָס־זשע זאָל איך טאָן — האָט וויקטאָר אויסגעצויגן זיין הויכע פיגור מיט זיין גאַנצער שלאַנקייט — איז וואָסזשע זאָל איך טאָן, אַז איך בין אַ ייד און האָב פונדעסטוועגן פיינט שטיקעניש און שטינקע־

ניש, אָפּגעלאָזנקייט און נאַכלעסיקייט?... יאָ, איך האָב פּיינט און האָס דעם דעקאַראַטיוון יידישן דלות, דעם דעקאַראַטיוון גלות און דעם גאַנצן דעקאַראַטיוון געטאָ־רעקוויזיט! אַז אומעטום ווו מיר יידן באַזעצן זיך שאַפן מיר אייגנוויליק און גערנוויליק פינצטערע און חושכדיקע געטאָ־ווינקלען... מיליאָנען ווערעמלעך הייבן אויף זייער געבעט צום באַשעפער, אַז ער אין הימל זאָל באַשאַפן וואָס מער כריין, אַז זיי, די ווערים, זאָלן האָבן ווו אַריינצוקריכן... ווייל לעבן אויף די פעטאָלן פון אַ רויז, פון אַ ליליע, לעבן אין אַ קאַקאָ־נוס, אין אַן אַנאַנאַס, אין אַן עפּל — איז דאָך גאָר קיין לעבן נישט. פוי! — האָט זיך וויקטאָר פעסין אָוועקגעשטעלט אַזוי, ווי ער שפּילט אַמאָל אָפּ אַ פּרינץ אויף די ברעטער פון שפּאַנישן צי פון יידישן טעאַטער. — האָט ער אַרויסגעשטעקט די ברוסט, אונטערגעהויבן די אַקסלען און שטיין געבליבן גאָר ווי אַ העלדישער קאַפּיטאַן אויף אַ קריגס־שיף, וואָס האָט געזונקען דעם שונאס פלאָט. — מאַרש! היידאָ! וואַמאָס! ס'איז מיר שוין די צונג ווי אַ לעדער... — האָט ער אָנגענומען חנאן ביי דער האַנט, און ווי צוויי שול־חברימלעך, האָבן זיי דורכגעקרייצט די גאַס צווישן די שנעל־פאַרנדיקע אויטאָס, קאַמיאָנען, אַמניבוסן, טראַמווייען און טראָלעבוסן. — זענען זיי אַריין אין יידישן רעסטאָראַן, וואָס פונקט אַנטקעגן דעם „טיגרע־באַר״.

ריחות פון געפילטע פיש, מאַרינירטע הערינג, געהאַקטע לעבער און פון ביר האָט זיי אַריינגעשלאָגן אין די נעזער אַריין. דער ברייטער לאָקאָל מיט געבלימטע שטוקאַטורן אויפן סופיט מיט די שטענדיקע געדעקטע טישלעך האָט אין דער שעה געפּוסטעוועט. די ווייסע און אויסגעפלעקטע טישטעכלעך האָבן שטיל דערציילט נישט־דערציילטע געשיכטעס וועגן צענדליקער און הונדערער יידישע היימען, וואָס זענען נישט אויפגעבויט געוואָרן און וועגן פיל היימען, וואָס דער טויט האָט אויף אַ העלפט צעשטערט... די ווייסע, נישט זויבערע טישטעכער האָבן אויך אויסדערציילט וועגן די הונדערטער היימען, וואָס האָבן זיך איינגעוואָלגערט, אונטערגעשווענקט זייערע פונדאַמענטן, וואָס דאָס שלעכטע לעבן האָט זיי אונטערגעפוילט; ביי יעדן טישל איז אַמאָל געזעסן אַן עלנטער אלמן אָדער אלמנה, אַ גרוש אָדער אַ גרושה; אַמאָל איז דאָ געזעסן אַ ייד, פיל אַזעלכע יידן, וואָס האָבן נישט באַוויזן אַריבערצוברענגען זייערע משפחות פון יענער זייט ים פאַרן יאָר 1939, אָדער גאָר פאַרזעסענע בחורים און גאָר

לעצטנס — די לעצטע יאָרן — מענטשן, מענער און פרויען פון דער שאָ־ רית־הפליטה — די פון הונדערטער טויטן ניצול־געוואָרענע, מיט בלויע טאַטואירטע נומערן אויף די הענט... אין די פאַרנאַכטן פלעגן זיך אַריינ־ כאַפּן יידישע שרייבער און שפּעט ביינאַכט, נאָך די טעאַטער פאָרשטע־ לונגען האָבן זיך אין דעם לאָקאַל באַוויזן די יידישע אַקטיאָרן און אַקטרי־ סעס; און יידישע סוחרים קומען אויך אַמאָל אַריין אָפּעסן אַ שנעלן מי־ טיק נאָך דעמאָלט, ווען זיי האָבן צרות מיט די בענק אָדער עס פלעגט „צוריקגיין" אַ טשעק, עמיצער האָט נישט „געהויבן אַ וועקסל", אָדער איינער איז אַוועק פון דער שטוב, וואָס איז שוין פון לאַנג נישט געווען די שטוב, ווי ס'געהער צו זיין... איז אַז מען פלעגט זיך דאָך איבער־ בעטן מיט דער שטוב, האָט מען שוין מער אין דעם רעסטאָראַן נישט אַריינגעשמעקט...

שוין יאָרן און יאָרן ווי דער רעסטאָראַן האָט זיך נישט געענדערט און נישט געביטן די מראה און ס'האָבן זיך אויך קיינמאָל נישט געביטן די ריחות. אויפן בופעט, נעבן טעלעפאָן איז שטענדיק געשטאַנען דאָס בלויע קרן־קימת־פּושקעלע און שפּעט ביינאַכט האָבן נאָך די יידישע שווישפּילער אין דעם אַריינגעוואָרפן זייערע אָרעמע מטבעות.ביידע יידי־ שע קעלנער, אפרים און מנשה, ביידע שוין זיידעס, ביידע — מיט האַל־ בע טוצן אייניקלעך, האָבן זיך כמעט ווי נישט געעלטערט, האָבן זיי אַרומגעשפּאַנט אין די מיטיק־שעהן, אין די וועטשערע שעהן, האָבן זיי אויסגעוואַנדלט היפּשע מיילן אַזעלכע פלינקע און רירעוודיקע ווי די שדים; נאָך דער באַלעבאָס, יאַנקעלע צדיק, אַ מענטש קוים אין די פער־ ציקער, האָט אויסגעזען ווי זיינע קעלנערס אַ זיידע: אַ גרויער, אַ צעיוי־ רענער — פלעגט ער אַלעמאָל איינפאַלן ביי דער קאַסע הינטערן בופעט. פון פריען מאָרגן ביזן שפּעטן אָוונט טרינקט ער טראָפּנס, שלינגט פּילן און אפרים און מנשה מוזן אים מונטערן:

— סעניאָר צדיק, דאָן יאַנקעלע, — רירט זיך! איר פגרט נאָך נישט... איצט איז נישט די צייט צו מאַכן אַ שטאַרב... אַ צעבראָכענער שאָרבן לעבט איבער אַ גאַנצן טאָפּ! שיט נאָר אַרויס דאָס ביסעלע זאַמד פון די אַרבל... און — — — —

— — — און איצט זיצן די דריי: יאַנקעלע צדיק, אפרים און מנשה — זיצן זיי ביים בופעט און שפּילן אין פּאָקער. צוויי וועגטילאַדאָרן זע־

נעץ ספּעציעל אָנגעשטעלט אַנטקעגן זייער טישל. יאַנקעלע צדיק טאַלירט די קאָרטן און געוואַלדעוועט:

— לאָמיך נאָר אַריינבאַקומען אַ קאָרט אין די הענט אַריין, וועל איך אייך ביידן אַרויסרייסן די קישקעס פון די בייכער אַרויס! — האָט ער מיט די אויסגעשפּיזטע נעגל פון יעדער פון ביידע הענט, ווי ביי אַ חיה־רעה די לאַפּעס, געוויזן ווי אַזוי ער וועט דאָס טאָן — זאָל זיך מיר נאָר ווייזן די אמתע קאָרט...

— לערנט זיך פריער אויס האַלטן אַ קערטל אין די הענט... — האָט אים מנשה אָן שום מוראַ געשטופּט דאָס פּנים אין די נעגל אַריין.

— אַ קאַליקע נעבעך, אַ וויסטע קאַליקע, פּאַרט אויס די גאַנצע וועלט — בלייבט אייביק אַ קאַליקע! — האָט אים אפרים אַ פּאַטש גע־טאָן איבער די הענט.

אַז חנא און וויקטאָר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל נעבן פענצטער, האָט מנשה אַ וואָרף געטאָן די קאָרטן און אַ זאָג געטאָן צו אפרימען:

— וויקטאָר פּעסין איז דאָך מיין שטענדיקער קליענט — וועל איך אים סערווירן, כאָטש ער זיצט ביי דיין טישל...

— סערוויר אים. ביי מיר האָסטו אַלץ געפּועלט — האָט אפרים אַ ברוגז־געוואָרענער צונויפגעלייגט די קאָרטן.

מנשה איז געבליבן שטיין אַ דינסטגרייטער ביים טישל און גע־וואַרט אויפן באַשטעלונג.

— גיט אַ ביית איבער דאָס טישטעכל און ברענגט אַ קאַלטע פלאַש ביר און עטלעכע פיינע סאַנדוויטשלעך — האָט וויקטאָר געקוקט חנאן אין די אויגן אַריין — ווילסט אפשר עפּעס אַנדערש?

— ס'וועט שוין זיין גוט — האָט חנא אויסגעטאָן זיין רעקל און דאָס אויפגעהאָנגען אויפן ווענטל פון דער שטול — אַז מען וועט בלייבן הונגעריק, וועט מען באַשטעלן נאָך עפּעס — אפשר אַ ביפעלע?

— ווען דו גילדסט מיך אָפּ! — האָט זיך אויך וויקטאָר אויסגע־טאָן זיין רעקל און באַלד זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט שרעק — דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב זיך שוין אויסגעפּלעקט אין דער שטול די הויזן! דער־פאַר טאָקע וויל איך נישט אַריינשמעקן אין דעם מקום אַריין... ווען איך קום דאָ אַריין, מוז איך דערנאָך אַוועקגעבן דעם אַנצוג אויסצורייניקן —

ס׳קאָסט היינט אַ שיינע פּאָר פּעזעס. — האָט וויקטאָר געהאַט עגמת־נפש און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער פּלייצע, געוואָלט זען, צי ער האָט טאַקע פּאַרפעלעקט די הויזן אויפן געזעס.

— ניין, נישט געפּערלעך, גאָרנישט מיט גאָרנישט — האָט חנא מיט זיין האַנט־פלאַך אָפּגעווישט דאָס ברעטל פון וויקטאָרס שטול. — האָסט זיך נישט אויסגעפּלעקט, חס־וחלילה.

— אַז פאָר די זעלבע פּאָר סענט, אַ גראָשן נישט טייערער, וואָלטן מיר געזעסן אויף ריינע שטולן, וואָס זאָלן נישט איינגעקלעפּט ווערן אי־נעם... — האָט וויקטאָר נישט געקאָנט תופס־זיין.

— נו, שוין, ביסטו טאַקע כשר גערעכט. דאָס לעצטע מאָל זענען מיר דאָ... — האָט חנא אויך געהאַט פּאַרדראָס.

— נאָר דאָס מאָל און נאָך איין מאָל! — האָט וויקטאָר אָנגעהויבן לאַכן אַ גוטמוטיקער.

עס איז צוגעקומען דער קעלנער מיט דער באַשטעלונג. ער האָט אויסגעשפּרייט אַ קלאָר־ווייס אויסגעפּרעסט טישטעכל, אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש ביר און אַ טעלערל מיט סאַנדוויטשלעך. באַלד האָט ער אַראָפּגע־ריסן דאָס בלעכל פון דער ביר־פלאַש, אַרויסגעוואָרפן דאָס בלעכל דורכן פענצטער אויפן טראָטואַר אַרויס; וויקטאָר פּעסין האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט און צוגערוקט זיין שטול צום קעלנער און באַפוילן:

— גיט נאָר, זייט מוחל, אַ גוטן וויש־אָפּ — אַנישט וועל איך נאָך בלייבן דאָ צוגעקלעפּט — האָט פּעסין געקוקט מיט כעס אויף דער שטול.

— ס׳איז דאָך ריין ווי גאָלד! — האָט דער קעלנער אַ שנעלן וויש געטאָן מיט דער סערוועטקע די שטול — אַזויפיל גוטע יאָרן אויף מיר, וויפל מאָל איך בין אַהיימגעקומען פון יידישן טעאַטער מיט צעריסענע הויזן... — האָט צו אים דער קעלנער חוצפּהדיק אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג.

— איך האָב שוין דאָס לידל געהערט מיט דרייסיק יאָר צוריק... עס האָט שוין, סעניאָר, אַזאַ באָרד! — האָט וויקטאָר פּעסין אַ זשעסטיקוליר געטאָן מיט דער האַנט אונטער דער גאָמבע און זיך אַוועקגעזעצט אַ רויט־בעוואָרענער.

— גייט אייך, ר׳ מנשה, געזונטערהייט. מ׳האָט נישט קיין כוח צו

אייך אין אַזאַ היץ! — האָט אים חנא אָוועקגעשאַרט מיט אַ האַנט, אַ שטרענג, אַ גוטמוטיק.

ביידע חברים האָבן שווייגנדיקע געזופּט די גלעזער ביר, איינגע־קנייטשט מיט די פינגער די סאַנדוויטשן און אַריינגעלייגט אין די מייַ־לער אַריין, האָבן זיי זיך געשפּיגלט איינער אין דעם צווייטנס אויגן. חנא האָט זיך זאַט נישט געקענט אָנקוקן אין וויקטאָרס מאַט־געלבלעך פּנים: ס׳האָט חנאן אויסגעוויזן, אַז אַזאַ געשטאַלט, אַזאַ פיגור האָט ער געזען אין אַ מוזיי פון שיינער קונסט אָן אויסגעשניצטס פון מאַרפּיל אָדער אויסגעגאָסן פון בראָנדז צי גאָר פון מאַרמאָר אויסגעהאַקט... אין בוע־נאָס איירעסער מוזעאום פון שיינער קונסט איז פאַראַן אַ קאָפּיע פון אַ מאַרמאָרענער סטאַטוע, אַזאַ אַלט־גריכיש סקולפּטור־ווערק, וואָס שטעלט פאָר אַן אַלטן פאַרצייטיקן שווישפּילער פון אַטען, איז די געשטאַלט ווי צוויי טראָפּנס וואַסער אינגאַנצן ענלעך צום יידישן אַקטיאָר וויקטאָר פּע־סין — דעם טייערן חבר! יענע סטאַטוע זאָל זיין אַ גוטע קאָפּיע פון יענע גריכיש־קלאַסישע גרויסע מייסטער פידיאַס אָדער פּראַקסיטעלעס; נאָר וויקטאָר פּעסינס פּנים איז אויסגעשניצט מיט נאָך מער פיינערע, דינע־רע און מער איידעלע שטריכן... זיי האָבן אויף זיך יענעם מענטשלעכן שימער און די יידישע פיין־קנייטשן, וואָס נאָר דער אייביק־באַהאַלטענער מייסטער האָט אויסגעפורעמט! קיין סך מבינים אויף וויקטאָר פּעסינס פּנים און גאַנצער געשטאַלט זענען נישט געווען אויף דער וועלט. מ׳האָט מיט זיין ביסל פּאָפּולאַריטעט דאָך קוים באַמערקט זיין טאַלאַנט און גאָר־נישט־נישט באַמערקט זיין פיזישע שיינקייט. בלויז עטלעכע פרויען, — אַ יידישע און עטלעכע קריסטלעכע — האָבן פון אים געחלומט אין זייערע טעג און נעכט און אים נישט געקענט צוציען צו זיך... וויקטאָר האָט ליב געהאַט זיין פרוי און משוגע־ווילד ליב געהאַט זיינע צוויי זין, וואָס האָבן איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע, אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען פילאָסאָפיע אין עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן און זענען אַוועק אין נגב אַריין אַקערן ערד און האַלטן ביקסן אין די הענט... און צוויי אייניקלעך האָט ער אויך — צו איין אייניקל פון יעדן זון — זענען זיי שוין געבוירן געוואָרן דאָרטן אויף דער הייליקער ערד...

און ער, וויקטאָר? אַמאָל, ווי עס וואָלט שוין געווען מיט אַ מיליאָן יאָרן צוריק, איז ער געבוירן געוואָרן אין קראָקע, נעבן די טאַטרען־בערג.

דאָרט ווו די ווייסל ווערט געבוירן אויף אַריינצופלייצן אין באַלטישן ים אַריין — איז גאָר וויקטאָר דערשווימען צום לאַ־פּלאַטאַ־טייך און דאָ אויף דער אַרגענטינער ערד וועט ער שוין אויסטרינקען די אַלע טעג פון זיין לעבן! פון די יידישע פעלדער אין ענטרע־ריאָס האָט ער אַראָפּגענומען אַ יידיש־קאָלאָניסטישע טאָכטער, זיין דאָבע; ער האָט זי אַראָפּגעבראַכט קיין בוענאָס איירעס און דאָ איז, דאָבעלע, נעבן אים, פאַר דער צייט, גרוי און אַלט געוואָרן... קיינמאָל, קיינמאָל, האָט אים זיין דאָבע קיין פאָרוואורף נישט געמאַכט... און וויפל מאָל האָט זי צוזאַמען מיט אים שטיל און הילפלאָז אונטערגעהונגערט און זיי האָבן זיך אַרומגעוואָלגערט אין טוכלע האָטעל־צימערן און שמוציקע פּענסיאָנען? דאָבעלע האָט אים אייביק געטרייסט און אייביק געמוטיקט. דערצו איז זי אַן אמתע אשת־חיל: פון גאָרנישט־מיט־נישט מאַכט זי קנישעס און פון אַן אַלטער שמאַטע נייט זי אויף אַ לייטיש קליידל...

נאָר ווען עס מאַכט זיך אַמאָל אַביסל אַרבעט אויף דער אַרגענטינער־שפּאַנישער בינע צי אין אַ פילם — ווערט דאָבע אינגאַנצן אַן איבערגע־קערטע... דאָבעלע האָט מורא פאַר דער קריסטלעכער בינע און פאַר די נישט־יידישע אַקטריסעס און שיר־שיר האָט אַמאָל געהאַלטן דערביי, אַז זייער גאַנץ פאַמיליען־לעבן זאָל חרוב ווערן... דאָבעלע ליידט פון אַ שוידערלעכער אייפערזוכט. און כאָטש דאָס געוויסן פון איר מאַן איז אין דער היגזיכט — גאָרנישט ווי ביי בינע־מענטשן — זייער ריין, הייבט וויקטאָר אָן אָפּטמאָל צו גלויבן אַז אפשר איז ער טאַקע שולדיק?... אוודאי, ווען נישט דאָבעס אייפערזיכטיקייט און זיין ליבשאַפט צו יידיש טעאַטער, וואָלט ער שוין היינט זיכער און באַשטימט געקענט זיין אַ רייכער מאַן. עס איז אַ גוט געשעפט און אַ גרויסער כבוד צו שפּילן טעאַטער מיט אַזעלכע גרויסע שפּאַנישע בינע־קינסטלער, ווי: פּאַקאָ מאַראַנאַ, ערנעסטאָ ווילטשעס, מאַרגאַריטאַ קסירגו, אָדער מיט אַזעלכע טאַלאַנטן ווי נאַרציסאָ איבאַניעז מענטאַ אָדער פּעדראָ לאָפּעז לאַגאַר; עס איז אָבער פאַר וויקטאָר פעסינען די גרעסטע פרייד און אַ גרויסע זכיה און אַ גרעסערער כבוד צו שפּילן יידיש טעאַטער מיט אַזעלכע ריזיקע גיגאַנטן — יידישע בינע־ריזן — ווי אַ מאָריס שוואַרץ, אַ יעקב בן־עמי אָדער מיט אַ יוסף בולאָוו און ליובאַ קאַדיסאָן!... וואָס־זשע, דאָס גאָלדענע רענדל איז שוין טאַקע אַלץ וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט, האַ?

דערווייל לויפן די יאָרן — זיי זענען שוין באַלד אַוועק... דאָס יידי־שע טעאַטער איבער דער גאַנצער יידישער וועלט איז געבוירן געוואָרן מיט אַ שוואַרץ־פּינצטער מזל: יידישע אַקטיאָרן זענען אַלט געוואָרן און קומען־אָן צו בעטל־ברויט. אַ סך יידישע שוישפּילער אין דעם רייכן אַמע־ריקע גייען אַרום איבער די הייזער פּאַרקויפן העמדער, קראַוואַטן אָדער ווערן מעקלערס און חלומען פון אַ בעטל אין אַ מושב־זקנים... און אַז וויק־טאָר פּעסין שטופּט שוין אַמאָל אַריין אַן אַלטן חבר אַ פּאָר פּעזעס אין דער האַנט אַריין — איז וואָס? ווי לאַנג וועט דאַרפן דויערן — אויב עס וועט ווייטער אַזוי אָנהאַלטן — אַז ער וויקטאָר זאָל זיין אין זעלביקן מעמד? ווען ער וואָלט אַזוי אַוועקגעגעבן זיינע כוחות פאַר דער שפּאַני־שער בינע, וואָלט ער דאָך היינט געהאַט אַן אייגענע ווילע און אַן אויטאָ און זיין דאָבעלע וואָלט געוועזן באַהאַנגען און באַצירט מיט גאָלד און בריליאַנטן! און אין דאָבעס נשמה טליען נאָך די כשרע נשמות פון אירע זיידעס און באָבעס — פּאָדאָליער, אוקראַינער און בעסאַראַבער יידן, וואָס האָבן נאָך מיט אַ הונדערט־און־צוואַנציק יאָר צוריק, נאָך ביי די רוסישע צאַרן זיך איינגעגנורעט אין דער ערד און זיי האָבן געזונגען ווי אַ הייליקע תפילה, אַז „אינעם אַקער, אין דער סאָכע, ליגט דאָס מזל און גאָטס ברכה...״

זיי, דאָבעס באָבעס און זיידעס האָבן נישט געוואָלט האַנדלען און וואַנדלען און זיי האָבן אַרויפגעקוקט צום יידישן באַראָן — צום באַראָן מאָריץ הירש ז״ל האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ געטלעכן דערלייזער, אַ משיח, און זיי זענען — נאָך מיט זעכציק יאָר צוריק — געקומען אויפן באַראָנס נחלאות קיין סאַנטאַ־פּע, קיין ענטרע ריאָס און אין דער פּאַמפּאַ און, — און זיי האָבן אויפגעריסן, אויסגעקאָרעט און אויסגעוואָרצלט דאָס ווילדגראָז און אויסגעראָטן שלאַנגען און עקדישן און אויפגעאַקערט די גאָט־געבענטשטע, שלווהדיקע און מנוחהדיקע אַרגענטינער ערדן... און אַז דאָבען באַפאַלט די נאַרישע און פאַרשאָלטענע אייפערזוכט — לאָזט זי איבער די שטוב אויף הפקר און אַנטלויפט קיין באַסאַווילבאַסאָ. זי גייט אַוועק צו די קברים פון טאַטע־מאַמע און אַזוי קען זי דאָרטן אָפּליגן, אויפן הייליקן אָרט, אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט. דערנאָך קומט זי צו־ריק קיין בוענאָס איירעס אַן אָפּגעברוינטע, אַן אויסגעוויינטע און אַ טרויעריק־צעשמייכלטע, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט און עס שמעקט

דעמאָלט פון איר מיט פעלד־בלומען און ווייץ־זאַנגען... אויך דאָבע האָט ליב איר געבוירן־לאַנד אַרגענטינע. זי איז פאַרכלינעט מיט בוענאָס איירעס דער שטאָט און וועט זיך שוין מיט דעם לאַנד, איר לאַנד, קיינמאָל נישט שיידן! איצט, שוין עטלעכע יאָר, אַז דאָבע קלייבט אַ קניפּל: זי וויל אָנזאַמלען געלט אויף שיפס־קאַרטן צו קענען זען די אייניקלעך, די שניר, די זין; ווער ווייסט צי זי וועט באַווייזן דאָס אָנצוזאַמלען? עס וועט מוזן פּאַסירן אַ נס! און פון טראַכטן צו באַזעצן זיך נעבן די קינדער — דאָס קומט זיי ביידן נישט אויפן געדאַנק. פאַראַן גרויסע שוישפּילער אין ישראל און מען קען זיך דאָרטן גוט באַגיין אָן אַזאַ וויקטאָרן אויך... און וויקטאָר מיט זיין דאָבעלע קענען זיך בשום־אופן נישט באַגיין אָן זייער אַרגענטינע, אָן זייער בוענאָס איירעס. ער און דאָבע זענען קליינע ברעקעלעך פון דעם־אָ, פון דעם־אָ! נישט אָפּצורייסן, מיט קיין שום כוח נישט, ווי מען קאָן נישט אַראָפּרייסן אַ שטערן פונעם הימל אַראָפּ...

— באַסטאַ! — האָט וויקטאָר פּעסין אַ שטעל־אַוועק געטאָן דאָס גלאָז, אַז ס׳איז שיר נישט צעשפּרונגען געוואָרן.

— אַז באַסטאַ — זאָל־זשע זיין באַסטאַ! — האָט חנא אָן איבער־געשראָקענער אָפּגעווישט די ליפּן — איך האָב דיר די גאַנצע צייט גע־קוקט אין פּנים אַריין און געפילט, אַז דו טראַכסט און טראַכסט — האָב איך דיר נישט געוואָלט שטערן. נאָר איין זאַך, וויקטאָר, קאָן איך דיר יאָ זאָגן: וועסט גאָרנישט אויסטראַכטן! ס׳איז שוין בעסער אַז מען טראַכט נישט. — האָט אים חנא אַ גלעט געטאָן איבער אַ האַנט.

— ביסט טאַקע אמתדיק געדעכט! און דו אַליין? — גיב נאָר אַ קוק אין אַ שפּיגל אויף דיין פּנים — זעסט דאָך אויס ווי אַ פאַרטראַכטער בודאַ! — האָט אים וויקטאָר לייכט אַ פּעטשל געטאָן אין פּנים אַריין.

— אוודאי, ס׳טראַכט זיך טאַקע. ס׳זיצט אין מיר עפּעס אַ דיבוק, וואָס נאָר ער האַלט אין איין טראַכטן. איך קען מיר גאָרנישט העלפן. — איז חנא מודה.

ביידע חברים ווערן אַנטשוויגן און קוקן אַרויס אויף דער גאַס. דער מיטן־זומערדיקער נאָכמיטיק וויל זיך גאָרנישט ענדיקן און ביז פאַרנאַכט איז נאָך זייער ווייט. פאַרן פענצטער שטראָמען דורך אָן אויפהער פיל מענטשן: צייטונגס־פאַרקויפער וואַרטן אומגעדולדיקע אויף די ערשטע אָוונט־צייטונגען. שיך־פּוצער בלאָנקען אום אַהין־און־צוריק און געפינען

נישט קיין מקום־מנוחה, און אויף די אויטאָס און אויטאָבוסן, וואָס ציען זיך פאַרביי אויפן קלעפּיקן צעשמעלצטן אַספאַלט־ברוק שטינקט מיט טשאַדנדיקע פעטראָל־ריחות; פונעם ראַדיאָ־געשעפט אויפן ראָג־גאַס, זינגט אַרויס מיט זיין לאַקריץ־זיסן טענאָרל, דער אייביק יונגער, שוין לאַנג געשטאָרבענער, דער אומשטערבלעכער אַל... אַ נעגער אין אַ שריי־איק ווייס־שוואַרץ געקעסטלטן אַנצוג, און מיט אַ גרין גאַלערע־קאַפּע־לושל אויפן קאָפּ, מיט אַ גרויסער רויטער רויז אין לאַץ, מיט ווייסע שיך און רויטע זאָקן, מיט אַן אויסגעבונדענעם רויטן שניפּס, — און ווייסע הענטשקעס אויף די לאַנגע הענט מיט די נאָך לענגערע פינגער, ווי זיי וואָלטן געווען פון גומי — טאַנצט ערגעץ דאָ נאָענט איבער אַלע דעכער, הענגט זיך אָן אין אַ וואָלקנדל און לאָזט זיך אַזאַ טאַנצנדיקער צוריק אַראָפּ אויף דער ערד, שפּרינגט באַלד אַרויף אויף די אויטאָבוס דעכער, אויף די טראַמוויי דעכער און שטשירעט מיט די שיינע ווייסע ציין. אָט לאַכט ער דער נעגער, אָט וויינט ער און זינגט: „אָ, מיין בייבי... אָ, יעס!...” און פון די גרויסע ווייס־אַפּלען קאַפּען אַרויס גרויסע טרערן... באַלד צערוישט זיך אין הימל אַ גרויסער, אַ זילבער־שטאַלענער עראָפּלאַן, וואָס שוועבט גאָר נידעריק איבער די דעכער, לענג־אויס איבער דער גאַס און פליט אַוועק, אַראָפּ צום ים. דורכגייער און דורכפאָרער הייבן אויף און פאַררייסן די קעפּ צום הימל: די לופט־מאַשין — ווי אַ גרויסער מע־טאַלענער פויגל אַ ריזיקע טויב — ווערט נעלם הינטער די מויערן און באַלד פליען אָן אַ מחנה טויבן, קרייזלען רונדיק ווי אַ האַלבע רייף, פאַ־כען אוןווירבלען מיט די פליגל און האָבן מורא אַראָפּצונידערן אויף דער מיט־מענטשן־רעשנדיקער גאַס — פליען די טויבן אַרויף העכער און הע־כער אין דער בלויער הויכקייט אַריין, קערעווען זיך אויס און פלאַטערן אַוועק אין דער מערב־זייט אַריין — זעען זיי שוין אויס ווי אַ פלאַטיליע ווייסע און רוישלאַזע קליינע אַוויאָנען — ווערן זיי פאַרשוווּנדן הינטער דער געביידע פונעם מוניציפּאַלן שטאָט־באַזאַר, אַזאַ הויכע און ברייטע געביידע, אַ מאַסיוו־געוועלבטע מיט גלאָז־קופּאָלירטע דעכער און מיט רי־זיק בויגן־אַרטיקע פראָנטאָנען.

חנא און וויקטאָר זיצן ווי פאַרבליפטע מיט פאַריסענע קעפּ צום אומענדלעך טיף־בלויען הימל, בליקן זיי אַריין אין די ווייסע הויכקייטן, זיצן ביידע פריינט ווי צוויי קינדער, וואָס האָבן באַמערקט דורכפינקלען

אַ מעטעאָר... חנאַ זיצט אויסגעדרייט מיטן קאָפּ און פּלייצע צו וויקטאָרן און וויקטאָר קוקט אַריבער איבערן חברס ברייטע אַקסלען. זיי שווייגן אין זייער פאַרגאַפונג און באַמערקן אפילו נישט ווי דער לאָקאַל איז שוין באַלד איבערפולט מיט פאַרשיידענע פאַרשווינען: אַן אַלטער שיך־פּוצער מיט אַ קאָפּ גרויע האָר פּוצט אָפּ די שיך אַ יונגן בחור; דער בחור, מיט אַ פול פנים בלעטערלעך, איז פאַרטיפט אין אַ בוך; ער טרינקט אַ קופּל ביר, קנאַקט מאַניס־ניסלעך און וואַרפט, שפּייט אַריבער די שאָלעכץ אי־בערן שוך־פּוצערס אַלטן קאָפּ; צוויי פּאָליציילייט מיט די בלויע צעשפּי־ליעטע מונדירן טרינקען לימאָנאַדעס פון גרינע פלעשלעך און שמועסן זיך דורך מיטן אַלטן שיך־פּוצער וועגן די לעצטע זונטיקדיקע פוטבאָל־פּאַרטיעס: שוין, דעם קומענדיקן זונטיק, וועט „באָקאַ״ ווערן דער קאַמ־פּעאָן, און „ריווער״ מיט „ראַסינג״ וועלן אייביק שיילן קאַרטאָפּליעס! הינטערן טישל, נעבן די פּאָליציילייט, זיצט שוין ד״ר משה־דוד אַטלאַס, ווי שטענדיק אַ נישט־ראַזירטער, מיט אַ לייבן־קאָפּ פעך־שוואַרצע, איי־ביק צעשויבערטע לאָקן; אַלע ווײַלע בלאָזט זיך ביי אים אָן און בלאָזט זיך אויס זיין משונהדיקער גוידער, וואָס רעדלט זיך אויס פונעם רעכטן און גרויסן אויער ביז צום אַנדערן לינקן און זייער אָפּגעשטאַנענעם אויער; יעדער רגע ציט ער אָוועק דעם קאָפּ פונעם טעלער און גיט אַ פינקל מיט זיינע בלוילעכע ברילן־גלעזער און קוקט זיך אַרום אַן אומ־רואיקער, מיט אמתער מורא, אַז באַלד וועט אים עמעצער אויפזוכן און ער וועט נישט קענען פאַרענדיקן דאָס עסן.

עטלעכע מאָל אין טאָג, צווישן איין אָפּעראַציע און דער צווייטער כאַפּט ער זיך אַרויס, אויף אַ ווײַלע, פון דער נאָענטער סאַנאַטאָריע, לויפט ער אַריין אין אַ יידישן רעסטאָראַן עסן אַ שטיקל געפילטע פיש אָדער אַ שטיקל מאַרינירטן הערינג; אַליין איז ער, דער דאָקטער, הויך ווי שמשון הגיבור, כאָטש דער פאָטער זיינער איז אַ נידעריק יידל, וואָס גרייכט זיין זון, זיין קדיש, ביזן גאַרטל; ווען ד״ר משה־דוד אַטלאַס האָט, מיט אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, אַהיימגעבראַכט צום טאַטן דעם דאָקטער־דיפּלאָם, איז ער דעמאָלט, קוים אַלט געווען צוואַנציק יאָר... אַלע צייטונגען פון לאַנד האָבן בשעתו געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן דעם יונגן און באַגאַבטן פּראָפעסיאָנאַל און אַלע פּראָפעסאָרן האָבן זיך גע־חידושט. בלויז דער טאַטע פונעם יונגן דאָקטער האָט זיך גאָרנישט גע־

וואנדערט. דער פֿאָטער איז זיך ווי תמיד געשטאַנען אויפֿן ראָג גאַס ביי זיין קרעמל־שענקעלע, פֿאַרקויפֿט פּאַפּיראָסן און יידישע צייטונגען און אַז מען האָט אים נישט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, האָט ער אַריינגעקוקט אין זיין אַלט און פֿאַרגעלט תהילימל אַריין. אַז משה־דוד, דער זון, האָט זיך געהייסן אָפּגעבן אַ מזל־טוב, ווייל ער איז שוין, מיט גאָטס הילף, אַן אמתער דאָקטער — האָט דער טאַטע אַ קאַלטבלוטיקער זיך אָפּגעווישט אַ האַנט אין דער קני און באַפֿוילן דעם זון, אַז ער זאָל אים שוין דאָ, אויפֿן אָרט, געבן תיכף־ומיד אַ תקיעת־כף, אַז ער וועט ביי קיין אָרימע קראַנקע — מעג עס זיין אַ ייד אָדער אַ גוי — נישט נעמען קיין פּרוטה!...

און יעדן פֿרימאָרגן, פֿאַרן גיין אין שפּיטאָל אַריין זאָל ער פֿריער אָפּ־לערנען אַ בלאַט גמרא; משה־דוד, דאָס דאָקטערל, האָט דעם טאַטן אַלץ צוגעזאָגט. אוודאי... ביז היינט־צו־טאָג איז טאַקע ד״ר משה־דודס קאָנ־סולטאָריע ברייט אָפֿן פֿאַר יעדן אָרימען קראַנקן, נאָר קיין בלאַט גמרא האָט ער נישט קיין צייט אָפּצולערנען. איין מענטש אַליין קען זיך דען צערייסן אויף שטיקער? דער דאָקטער איז טאַקע אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען, אַז פֿיל מאָל נעמט ער איין פּילן, אַז ער זאָל נישט אַנטשלאָפֿן ווערן פֿון מידקייט און אַ סך מאָל שלינגט ער איין פּילן, אַז ער זאָל זיך קענען כאָטש אַביסל אויסשלאָפֿן דעמאָלט, ווען דער שלאָף האָט אים, פֿון אי־בערמידקייט, אינגאַנצן פֿאַרלאָזן... איז דערפֿאַר, דער טאַטע, אַ גאַנץ יאָר מיט אים טויט־ברוגז, נאָר אין די ימים־נוראים לאָזט ער זיך איבערבעטן און באַלד נאָך שמחת־תורה ווערט ער מיט אים ווידער ברוגז. בלויז די אַלטע מאַמע קען נישט לעבן אַ טאָג, אַז זי זאָל נישט פֿאַרבייגיין פֿאַר דער סאַנאַטאָריע און אַריינקוקן דורך דעם ברייטן פֿאַראַדנעם אַריינגאַנג מיט די רויט־פֿאַרשפּרייטע טעפּיכער; זי, די מוטער, פֿאַרגעסט טאַקע נישט אַ טאָג איבעם זון און זי האַלט אים אין איין צושיקן אירע חברות — אַלטע און קראַנקע זקנות, וואָס דאַרפֿן נעבעך האָבן די גוטע רפֿואה...

פֿון דער גרויסער פּראַקטיק, פֿון דער שווערער אַרבעט, האָט טאַ־קע דער דאָקטער רעכט נישט קיין צייט אָפּצועסן ווי עס געהער־צו־זיין. און דערצו, פּירט זיך נישט אין זיין שטוב קיין יידישע קיך און סיי זיין ווייב און סיי זיינע קינדער האָבן נאָר ליב אַרגענטינישע, איטאַליענישע און פֿראַנצויזישע מאכלים... אַ שטיק צייט איז ביים דאָקטער אין שטוב געווען אַ יידישע קעכן, זענען די קינדער געלאָפֿן אָפּעסן אין די קריסט־לעכע רעסטאָראַנען און די יידיש־היימישע עסנס האָט מען געוואָרפֿן אין

מיסט אַריין, אַז ס'האָט אַזש געריסן ביים האַרצן! היינט עסן שוין די קינדער צוריק ביי אים אין דער היים, נאָר ער אַליין, דער ד״ר משה־דוד אַטלאַס, עסט אינעם יידישן רעסטאָראַן. פון די אַמאָליקע בחורישע צייטן נאָך, האָט זיך זיין אויסגעהונגערטקייט נישט איינגעשטילט. ער געדענקט נאָך גאָר גוט די צייטן, ווען ער איז געלאָפן אינעם פאַקולטעט אַריין אַ הונגעריקער, מיט בויך־גרימעניש און מיט אַ קאָפּ־שווינדל. דאָס איז געווען פונעם ליידיקן מאָגן... אָ, ער געדענקט נאָך גוט די צייטן, ווי איצט וואָלט דאָס געווען, ווי מיט אַ שעה צוריק וואָלט דאָס פּאַסירט, נאָר וואָס — — —

— — — ד״ר משה־דוד האָט זיך קוים אָן עצה געגעבן מיטן גרויסן און געפּילטן פיש־קאָפּ; אַלע ביינדעלעך האָט ער שוין אָפּגעסמאַקעט און אָפּגעלעקט. עס ווילט זיך נאָך און בעטן נאָך אַ שטיקל פיש איז אַ געפאַר; די היץ איז אַזוי גרויס און אינעם אָפּעראַציע־זאַל קען ער נישט טרינקען אַביסל וואַסער, אפילו ווען ער זאָל חלשן פון דורשט... אָט, שויז, אין דער זעלבער מינוט — כאַפּט ער אַ שנעלן קוק אויף זיין גאָלדענעם האַנט־זייגער — ליגט שוין אַ חולה אויפן אָפּעראַציע־טיש און מען וואַרט אויפן אָפּעראַטאָר... מען דאַרף באַצאָלן און לויפן. שנעל לויפן! אָבער ווו זענען די קעלנער — אפרים אָדער מנשה? ניין, זיי האָבן זיך שוין באַהאַלטן. אוודאי! אָט די צוויי קעלנערס זענען די אמתע זשוליקעס! זיי טשאַטעווען אויף אים, אויפן דאָקטער, ווי די אמתע כיטרע פוקסן... און שטענדיק ווען ער דאַרף און מוז שוין אַוועקגיין — באַהאַלטן זיי זיך בכיוון אין דער קיך אָדער מאַכן זיך געפּגרטע, טויבע, ער זאָל מוזן אַוועקגיין און נישט באַצאָלן און דערנאָך מאָנען זיי ביי אים דריי מאָל אַזוי פיל, פיר מאָל אַזוי פיל און — און וויפל ער באַצאָלט זיי נישט, איז ער זיי שטענדיק אַ בעל־חוב און ער קען זיך פון די קעלנערס נישט אַרויסצאָלן... קאַראַמבאַ, פּוטשאַ!

— מאָסאַ, שנעלער, איך האָב נישט קיין צייט!... ווער נעמט דאָס געלט? — פּאַטשט דער דאָקטער מיט זיינע ריזיקע האַנט־פלאַכן און פּאַכעט מיט אַ פּופּציקער־באַנקנאָט איבערן קאָפּ — כ'האָב דאָך נישט קיין צייט, קאַראַמבאַ!

אפרים און מנשה זענען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן און דער באַלעבאָס הינטערן בופעט צענעמט הילפלאָז די פעטע הענט: ער זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס, ווי ער ווייסט נישט וויפל עס באַטרעפט

דער חשבון... דער דאָקטער פּאַרלירט שוין דאָס געדולד. ער גיט אַ כאַפּ זיין סערוועטקע, קנאָדערט דאָס צונויף ווי אַ שטיין און גיט עס מיטן גאַנצן כוח אַ וואָרף אַריין אין טעלער און לאָזט זיך לויפן צום אַרויס־גאַנג.

— אַ לאַנג לעבן אויף אים! — ווינטשט אים נאָך אַ ייד, וואָס האָט ביז איצט איבערגעציילט די פּעדעם־צוויטלעך פון אַ שטיקל זייד־שטאָף, אַ שטיקעלע מוסטער פון אַ פאַבריקל אַרויס.

— דעם דאָקטער זאָלן קיינמאָל די הענט נישט וויי טאָן! — שיקט אים נאָך אַ צווייטער ייד זיין ברכה און פּאַכעט זיך מיט אַ צייטונג.

— אַדיאָס, דאָקטאָר! — גיט אים דער שוך־פּוצער שנעל און פלינק אַ צאַרטן גלעט אין אַ קני אַריין — דאָס איז אַ הייליקער מאַן... — בויגט ער אַראָפּ באַלד מיט גרויס דרך־ארץ דעם קאָפּ ביז צו דער ערד.

— אַדיאָס, דאָקטאָר! — שטעלן זיך אויף מיליטעריש אויסגעצויגן ביידע פּאָליציילייט און סאַלוטירן מיט די הענט ביי די שלייפן.

— גאָט זאָל אים געבן אַ סך כוח און געזונט... הונדערט מיט צוואַנ־ציק יאָר זאָל לעבן אַזאַ דאָקטערל! — ווינטשט אים מיטן ציינלאָזן מויל אַ פּענסיאָנירטער יידישער חתונה־קלעזמער.

— אַדיאָס, אַלטיטשקער... און דאָס מעגעלע וואָס מאַכט? — איז שוין דעם דאָקטער אָפּגעגאַנגען דער כעס און ער בלייבט שטיין אַ מינוט נעבן דעם אַלטנס טישל — נאָר נישט עסן קיין טערקישע פּעפּערלעך און נישט טרינקען קיין ריינעם אַלקאָהאָל. דאָ איז נישט דאָס אַדעסאָ מאַ־מאָ... — דראָעט אים דער דאָקטער מיט אַ פינגער און גייט ווייטער זיין וועג צום אַרויסגאַנג, — באַמערקט ער זיצן דעם שוישפּילער וויקטאָר פּעסין און זיין חבר חנא, בלייבט ער שוין שטיין ביי זייער טישל און גיט אַ חברלעכן גלעט וויקטאָרן אין קאָפּ אַריין:

— וואָס זיצט איר אין דעם שטינקעכץ? מען גיט אַ פּאָר אַריין אין אַזאַ קאָרדאָבע און מען פרישט אָפּ אַביסעלע די לונגען. דאָס געזונט דאַרף מען אָפּהיטן... — דרייט ער צוריק אויס דעם קאָפּ צום בופעט און קוקט זיך איין צי די קעלנערס זענען שוין אַרויס פון זייערע באַ־העלטענישן.

— אַ שיינעם דאַנק פאַר דער עצה, דאָקטער — גיט זיך וויקטאָר אַ שטעל־אויף פונעם אָרט — און מיט וואָס זאָל אַ יידישער אַקטיאָר פאַרן

קיין קאָרדאָבע, האָ? — ווערט וויקטאָרס נאָז פאַרשפיצט מיט ביטער־ניש.

— איר זענט טאַקע גערעכט! — פאַרלירט זיך דער דאָקטער און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ — נאָר אויב שוין אַזוי, קאַראַמבאַ... — הייבט ער צוריק אויף דעם קאָפּ — וועלן מיר אַלע דאָ שפּילן אַ פּאָר צעטעלעך בשותפות און... מיר וועלן אַלע צוזאַמען מאַכן די גראַנדע! — גיט דער דאָקטער אַ שטופּ־אַריין דעם פּופּציקער־באַנקנאָט צו חנאן אין דער האַנט אַריין — קלויב אויס אַ גוטן נומער ס׳זאָל טאַקע געווינען — אַנישט וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען! — דראָט ער אים מיט דער דלאָניע ווי איינער וואָס סטראַשעט מיט פּעטש — איר, וויקטאָר, זאָלט האַלטן די צעטעלעך, וועט זיין מזלדיק! אַדיאָס. — לויפט ער שנעל אַרויס אויף דער גאַס.

וויקטאָר און חנא קוקן זיך אָן צערויטלט־געוואָרענע און פאַרשעמט־טעטע. וויקטאָר הייבט אָן אין פאַרלעגנהייט קראַצן די גאָמבע און זעצט זיך צוריק אַראָפּ אויפן אָרט און חנא גיט אַ קרעכץ און שלעפּט אַרויס זיין טייסטערל, קלייבט אויס די לאָטעריע־צעטעלעך און גיט דאָס פּאַ־פּירל וויקטאָרן, פאַרגלאָצט ער פרום די אויגן און זאָגט מיט האַרץ:

— אפשר אין דיין זכות... אפשר אין דיינע קינדערס... און אפשר אין דעם דאָקטערס זכות?. ער, דער דאָקטער, איז דאָך יאָ פון די ל״ו צדיקים! — פאַרמאַכט חנא די אויגן, ווי ער וואָלט געזען אַ שיינעם חלום אויף דער וואָר.

— אָמן! הלוואי זאָלן מיר שוין אַלע טאַקע געהאָלפן ווערן!.. — הייבט וויקטאָרן אָן דאָס קול פאַרשטיקט צו ווערן.

— ס׳וועט שוין גוט זיין. וועסט זיך שוין זען מיט דיינע קינדער און מיט אַלע דיינע ליבסטע — זאָגט חנא אַ האָפענונגספולער — נאָר, וויק־טאָרל, היט אָפּ די צעטעלעך, פאַרליר נישט.

— מעגסט זיין רואיק! — גיט זיך וויקטאָר אַ פּאַטש אויפן אָרט פון דער בוזעם־קעשענע, אַז די צעטעלעך ליגן שוין אויף אַ זיכער אָרט — מנשה, מנשה — רופט ער דעם קעלנער — כ׳גיי שוין. כ׳האָב מיך באַשטעלט מיט מיין דאָבעלען.

— גיי זשע מיר געזונטערהייט! איך וועל שוין באַצאָלן... היינט צאָל איך. — שטופּט אים חנא אָפּ צום אַרויסגאַנג.

וויקטאָר פאַרשווינדט און מישט זיך אויס מיטן עולם אויפן טראָ־

טואַר. חנא בלייבט זיצן אַליין ביים פענצטער. די זון איז שוין אין מערב־צפון זייט אַביסל נידעריק אַראָפּגעלאָזן צו די דעכער. אויף אַלע קריס־טאַלן פון די אויטאָמאָבילן און אויטאָבוס־פּראַנטן שפּיגלט שוין אָפּ די זון אַ רויטלעך־געוואָרענע מיטן פרי־פאַרנאַכטלעכן קופּער־בראַנד און בלענדט די קאָנדוקטאָרן אין די אויגן אַריין; דער טאָג האָט נאָך צו לעבן אַ צוויי שעה און צווישן די געדיכט־באַבלעטערטע פּלאַטאַנאַ־ביימער בלויען דורך פּיצעלעך בלוי־וויאָלעטענער הימל.

באַלד אָבער ווערט פאַר חנאס אויגן אַלץ פאַרשטעלט; אַ ברייטע מענערישע פּלייצע — אַזאַ חוצפּהדיקע און שלעכט־דערצויגענע — נאָר אַ פּרעכער פאַרשוין קען זיך אַזוי־אַ אַוועקשטעלן מיט דער פּלייצע פאַר יענעמס פּנים און נאָך דערצו — פאַר יענעמס שטיקל פענצטער! אין דעם ווייסן אנצוג, אינעם אָדעקאָלאָן־ריח, דערשמעקט און דערקענט חנא ווער עס איז דאָס דער פאַרשוין, וואָס שטייט איצט אינדרויסן פאַרן פענצטער: אוודאי און אוודאי, דאָס איז דאָך אָסקאַר! — אָסקאַר, דער קאָלאָניסטישער זון פון דער פּאַמפּאַ, וואָס איז אין בוענאָס איירעס גע־וואָרן אַ ברילִיאַנטן־סוחר... און דאָס קוקט ער איצטער אַריבער צום „טיגרע"־באַר אַנטקעגן, צי דניאל, זיין געוועזענער שותף, אויך אַ ברי־ליאַנטן־סוחר, צי דער דניאל זיצט איצט אַנטקעגן אין דעם באַר און שפּילט טאַקע איצט אין די דאָדעס?... ער אַליין, דער אָסקאַר, איז צו פויל און ער האָט אויך מורא איינצושטעלן אַריינצוגיין, אַריבערצוגיין די גאַס און כאַפּן אַ קוק — דער דניאל קען אים נאָך באַמערקן און דאָס לוינט זיך אים נישט... זאָל ער גאָר נישט ווִיסן, אַז איינער אַן אָסקאַר, איז פאַראַן אין דער געגנט... ס'איז טאַקע בעסער אַז מען דערוויסט זיך אַזוי און מען גייט דאָרטן נישט אַריין! „איין פאָרזיכטיקער מענטש איז ווערט דאָס זעלבע וואָס צוויי מענטשן", זאָגט אַ שפּאַניש־אַרגענטינער ווערטל. און ס'איז טאַקע אַזוי! אָסקאַר איז טאַקע אַ פאָרזיכטיקער יונג און ביז איצט האָט ער צוליב פאָרזיכטיקייט נישט חתונה געהאַט. ביי זיינע אַכט־און־דרייסיק יאָר און ביי זיין גאַנץ־היפּשן פאַרמעגן וואָס ער האָט — אין ברילִיאַנטן, אין געלט און אַ הונדערט העקטאַר ערד אין דער פּאַמפּאַ — ווייסט ער, אַז עס לוינט זיך נישט אויסצוהאַלטן אַ ווייב און געבן איר, וואָס מען דאַרף געבן... צופיל קאָפּ־דרייעניש! פון אַלע רייכע שי־דוכים וואָס מען האָט אים ביז איצט פאָרגעשלאָגן, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם. אַז די מענטשן זענען אידיאָטן! אַ דאָקטער, וואָס האָט נישט

מער ווי אַ דיפּלאָמל, ווען מען געבן אַ האַלבן מיליאָן און אַ יונגאַטש אַ סוחר, וואָס פאַרמאָגט אַליין אַ האַלבן מיליאָן, וועלן זיי געבן — אַ גרויסע פייג! איז טאַקע בעסער צו זיין אַ פרייער פויגל: מען לעבט נאָר איין מאָל און מען דאַרף זיך נישט אַרויפּלייגן קיין הויקער אויף דער פּלייצע... סיי־ווי־סיי זענען דאָך אַלע מענטשן געגליכן צו שטיינער — צו בריליאַנטן מיינט מען: זעלטן איז צו געפינען אַ שטיינדל, אַ בריליאַנטל, וואָס זאָל נישט האָבן אין זיך אַביסל שוואַרצן קויל... אין דער אמתן זענען דאָך אַלע בריליאַנטן קוילן — אמתע קאַרבאַנען! אַז מען קוקט גוט מיט אַ לינזע און מיט אַ פּאָר געזונטע אויגן, זעט מען דאָך קלאָר און דייטלעך וויפל קאַרבאַנען עס איז פאַראַן אין די קאָסטבאַרע שטיינדריכשטאַלן. אַ גליק איז — און אַ דאַנק דעם האַלט זיך דער גאַנצער בריליאַנטן־מסחר — וואָס כמעט אַלע סוחרים האָבן קראַנקע און בלינדע אויגן און מיט אַלע זייערע לינזעס זעען זיי מכהס מיט מאַרינירטע פייגן... צוליב דעם טאַקע, אַז דער אָסקאַר קוקט אַריין מיט זיינע געזונטע און כיטרע ביר־אויגן אין די סאָרטן שטיינער אַריין — אין די מענטשלעכע אויגן אַריין — זעט ער נאָר און בלויז שוואַרצע קוילן. דאַרף מען טאַקע זיין געהיט און געוואָרנט...

אוודאי, ווען ער, אָסקאַר, וואָלט געגאַנגען אין זיין טאַטנס דרכים, וואָלט ער היינט געווען אַ קאַלאַניסט אין דער זאַמדיקער פּאַמפּאַ... זיין טאַטע ע"ה האָט זיך געהאַט אַריינגעקלאַפּט אַ „קלעפּקע“ אין קאָפּ אַריין, אַז אַ ייד דאַרף נאָר זיין אַן ערד־אַרבעטער, אַ פּויער... דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט דער טאַטע אַריינגעלייגט אינעם שטיק ערד אַריין... אייביק איז ער געווען אַ קעסט־קינד ביי דעם באַראָן הירש, וואָס האָט אַלע יידן געוואָלט מאַכן פאַר פּויערים... און די איינציקע זאָרג וואָס זיין פּאָטער האָט געהאַט פאַרן טויט איז געווען, אַז דאָס שטיק נחלה זאָל נישט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט אָדער חס־ושלום אין נישט־יידישע הענט אַריין... אַ טאָג פריער איידער דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט אָסקאַר געשוווירן דעם טאַטן, אַז ער וועט דעם קאַמפּ קיינמאָל נישט פאַרקויפן! ביז איצט האָט אָסקאַר געהאַלטן זיין צוזאָג. ער האַלט דאָס שטיק ערד פעסט אין די הענט. יעדע פּאָר וואָכן כאַפּט ער זיך אַראָפּ אַהין און כאַפּט אַ קוק צי אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג. און דאָן מאַטעאָ, דער איטאַליענער, טוט דאָס בעסטע וואָס ער קען. אַן אמתער געטרייער פּויער!

אָבער היטן מוז מען דעם פּויער און היטן מוז מען די גאַנצע וועלט!

און וויפל מען היט נישט איז דאָס אַלץ ווייניק. נאָר ווען ער כאַפּט זיך אַראָפּ אויף זיין קאַמפּ, אויף זיין שטיק ערד, קען ער דאָרטן מער ווי אַ טאָג נישט זיין. ער וואָלט משוגע געוואָרן... פון יעדן גרעזעלע, פון יעדן ביימעלע, הערט ער אַרויס די קולות פונעם טאַטן מיט דער מאַמען... עס ווייזט זיך אים אויס, אַז זיי זיצן נישט ווייט, דאָרטן אויף דער שוועל פון דער קיך און טרינקען מאַטע. דער טאַטע קרעכצט פון נחת, צופּט זיין קאַלטענעוואַטע בערדל און זאָגט: „אוי, רחלע, גיב נאָר אַ קוק: האָסט זיך דען אַמאָל פאָרגעשטעלט, אַז מיר וועלן דערלעבן צו האָבן אַזאַ גוטס?... עס גלויבט זיך מיר נאָך אַלץ נישט, אַז דאָס־אָ איז אונדזערס... אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן דער באַראָן! געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען! נאָר איין זאַך איז אַ שאָד: ווען מען וואָלט אונדז דאָס שטיק גוטס צוגעטיילט דאָרטן, דאָרטן אויף דער הייליקער ערד... אין ארץ־ישראל... איי, וואָלט דאָס נאָך בעסער געווען...״ נאָר די מאַמע ע״ה האָט דאָס נישט געקענט גלייכגילטיק אויסהערן. זי איז בייז געוואָרן און זיך אויסגעדרייט צום טאַטן מיט דער פּלייצע: „אָט האָסטו דיר יידן: ווי אַזוי מען טוט מיט זיי און מען מאַכט מיט זיי — טויג נישט! אוי, זיב־דיקסט דו, אַז נאָר איין גאָט אין הימל זאָל זיך אויף דיר דערבאַרע־מען...״

איז טאַקע יעדעס שטיקל ערד פול מיטן טאַטנס און מיט דער מאַ־מעס געדעכעניש... און ער, אָסקאַר, איז דאָך אַן אַנדערער מין מענטש. ער איז פאַרט נישט באַשאַפן געוואָרן צו זיין קיין פּויער. קיין איינער פון די קאָלאָניסטישע זין זענען דאָך קיין פּויערים נישט געוואָרן. זיינע יונגע חברים, אַלע קאָלאָניסטישע קינדער, זענען דאָך גאָר געוואָרן דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן און פאַרמאַצעווטן, סוחרים און פאַבריק־קאַנטן... גאָר ווייניקע ווי ער האַלטן דאָס שטיקל ערד און אַנדערע האָבן זייער ערד אינגאַנצן פאַרקויפט אָדער אַרענדירט די ערדן. זאָלן נאַראַ־נים קייען די ערד! ברילייאַנטן זענען דאָך ברילייאַנטן!

חנא קען זיך שוין מיט דעם אָסקאַרן אַ סך יאָרן. ער זעט אים אָפט זיצן מיט די ברילייאַנטן־סוחרים אין „טיגרע״־באַר און זיי אַלע קוקן אָפט מיט זייערע לינזעס אין די קופּקעלעך ברילייאַנטעלעך און דימענטעלעך און אָפּטמאָל פּרובירן זיי מיט די ציינער גאַנצע הויפנס נאַטירלעכע פּערל און קולטיווירטע צי יאַפּאַנישע פּערל! חנא איז פערזענלעך באַקאַנט גע־

וואָרן מיט דעם קאָלאָניסטישן זון, מיט דעם געוועזענעם פויער, דעם פונ־דיק, ערשט דעמאָלט ווען ער, חנא, האָט צוליב זיין אומגליק זיך געמוזט אַזוי אַראָפּלאָזן און אָנהייבן אונטערצוהאַנדלען מיט די שנאָרענסקע צע־טעלעך... באַקאַנטע האָבן חנאן געוואָרנט, אַז ער זאָל דעם קאַרגן און כיטרען אָסקאַרן נישט אָנבאָטן קיין צעטעלע, ווייל דער־אָ פּאַרשוין איז אַ ביטערער יונג און פאַר זיינס אַ טרונק וואַסער קען אַ מענטש שטאַרבן פאַר דורשט! גוטע פריינט האָבן חנאן דערציילט, אַז דער אָסקאַר האָט נאָך קיין מענטשן קיינמאָל קיין שטיקל ברויט נישט געגעבן, כאָטש ער איז אָנגעשטאָפּט און פאַרפוילט מיט געלט און בריליאַנטן. חנא האָט דעם פּאַרשוין אויסגעמיטן, נאָר אָסקאַר, כאָטש אַ קאַרגער פאַר יענעם, איז נישט געווען קאַרג אויף זיך אַליין. די איינציקע שוואַכקייט וואָס ער האָט יאָ געהאַט, זענען געווען לאָטעריע־צעטעלעך: ער האָט די לאָטעריע־צעטעלעך געקויפט ביי אַלע שפּילן אין די צענדליקער. אין אַ געוויסן טאָג איז ער צוגעקומען צו חנאס טישל מיט אַ פּרעטענזיע: וואָס טוט זיך דאָ? זיין געלט, אָסקאַרס געלט, איז קיין געלט נישט, צי איז ער נישט פונקט אַזאַ ייד מיט אַלע יידן צוגלייך?... און דער אָסקאַר האָט געגעבן אַ קויף גאַנצע צען לאָטעריע־צעטעלעך מיט איין שאָס! פון דעמאָלט אָן איז ער שוין געבליבן חנאס געשווירענער קליענט. אַלע וואָך קויפט אָס־קאַר צען צעטעלעך און כמעט שטענדיק געווינט ער דעם קרן. חנא קען זיך נישט דערמאָנען, אַז דער פּאַרשוין, דער בר־מזל, זאָל ווען עס איז פאַרשפּילן. אַז דער בריליאַנטן־סוחר קלייבט אויס אַ נומער, ווער דער נומער, כמעט ווי זיכער אַרויס מיטן קרן אָדער נאָך מיט אַ פּאָר פּעזעס פּאַרדינסט.

אין משך פון דער צייט איז אָסקאַר געוואָרן מיט חנאן אויף „דו" און אַ סך מאָל זיצן זיי צוזאַמען ביז גאָר שפּעט אין די נעכט אַריין און זיי רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט. אָסקאַר האָט הנאה צו דערציילן אַז אַלע די — זיינע באַקאַנטע סוחרים האָבן געמאַכט און מאַכן די פּאָר טאָ־לער, נאָר דורך שווינדלערייען און אָנזעצענישן... נאָר ער, אָסקאַר, און זיין געוועזענער שותף, דניאל — דער איז שוין גלאַט אַן ערלעכער, אַ צו־ערלעכער יאָלד! מיליאָנען וואָלט ער אַזאַ יאָלד געטרויעט! וועגן וואָס מען זאָל נאָר נישט ריידן, דערמאָנט ער זיך, אָסקאַר, באַלד אין זיין געוועזע־נעם שותף. אַ שאָד אַ גרויסער שאָד, וואָס אַזאַ דניאל פּטרט זיין גאַנצע צייט אין די פאַרשאָלטענע ביינדלעך און אין די דאָדעס... ווען נישט די

גאָט־פאָרדאַמטעביינדלעך, וואָלט שוין היינט־צו־טאָג דניאל געווען דער גרויסער מיליאָנער — ער וואָלט זיך געבאָדן אין גאָלד...

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, איז דער אָסקאַר צוגעקומען צו חנאן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים טאָן אַ קליינע טובה: זאָל חנא אַריבער־לויפן אינעם „טיגרע״־באַר אַריין און כאַפּן אַ קוק צי דניאל, זיין געוועזע־נער שותף, צי זיצט ער דאָרטן, צי קלאַפּט ער מיט די ביינדלעך און — צי איז ער שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער שפּיל אַריין... זאָל זיך, חס־וחלילה, חנא נישט באַליידיקן, וואָס ער שאַפט זיך מיט אים און בעט ביי אים אַזאַ טובה... ער, אָסקאַר, ווייסט גאַר גוט, אַז חנא איז נישט זיין טאָטנס משרת... נאָר ער מוז ביי אים בעטן דאָס קליינע טובהלע, ווייל די מעשה איז אַזאַ: ווען נאָר ער, אָסקאַר, פאָרט אַראָפּ אין דער ברי־ליאַנטן־בערזע קויפן אַביסעלע סחורה, אַ פאַרטיע שטיינדלעך — וואַקסט באַלד אויס דער געוועזענער שותף, דניאל, און — גיין זאָל ער צום טייוול — און ער שטעקט, שטופּט באַלד אַריין די נאָז אינעם ביסל סחורה אַריין און אַזוי אַרומער, קאַראַמבאַ, האָט ער אים שוין אויסגעבראַכט אַ סך געלט. און אַוועקטרייבן אים און אַנזידלען קען ער נישט... אַזאַ ערלעכער יאָלד! מען דאַרף האָבן אַ גראָבע פעל אַזוי צו טאָן, כאַטש, ער וואָלט עס טאָקע, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, בפירוש געדאַרפן טאָן! סי סעניאָר! איז דאָך אָסקאַר אַן אמתער קאַוואַליר און אַן אַרגענטינער דערצו, אַן אמתער גאַוטש איז — איז מילא... ער איז אַ באַזאַכטער און אַ פאַר־זיכטיקער מענטש און אַ פאַרזיכטיקער מענטש איז ווערט און באַשטייט דאָס זעלבע וואָס צוויי מענטשן... נישט אַזוי? — זאָל זשע חנא זיין אַ חבר און אַריבערלויפן דאָס שטיקל וועג און כאַפּן דעם ריכטיקן קוק, צי דניאל שאָקלט זיך איצט, דאַוונט איצט איבער די ביינדלעך, איבער די דאַדעלעך... זאָל חנא דאָס נישט נעמען פאַר אומגוט...

חנא איז דעמאָלט אַריבערגעלאָפן דאָס שטיקל וועג. ער איז אַריין אינעם רויך־וואָלקן פונעם „טיגרע״־באַר. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די טישלעך און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט וועמען אַרומגעזוכט און נישט געטראָפן — איז ער באַלד צוריקגעגאַנגען און אָנגעזאָגט אָסקאַרן די בשורה, אַז דניאל זיצט ווי צוגענעגלט צו זיין שטול און קנאַקט מיט די דאַדע־ביינדלעך, אַז ס'גייט אַזש אַ רויך און אַז מען קען איצט דעם דניאלן אַוועקטראָגן צוזאַמען מיטן טישל — וועט ער גאָרנישט פילן און גאָרנישט וויסן!... חנא האָט דעמאָלט צוגעוווּנטשן דעם פאַרזיכטיקן און

טאַקטישן אָסקאַרן, אַז ער זאָל מצליח זיין און מאַכן גוטע געשעפטן! אָסקאַר האָט אים זייער פיין און האַרציק באַדאַנקט, נאָר בשעתן דאַנ־קען איז אים גאָר די שפּיץ־נאָז, אַזוי פּלוצים בלאַס־ווייס געוואָרן און די אויגן — כיטרע און אומפאַרשעמטע אויגן — זענען אים אַנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ משונהדיק תאוודיקן גלאַנץ און די נאָזלעכער זענען אים גרעסער געוואָרן; אָסקאַר האָט געכאַפּט אַ שנעל קוק אויף זיין פּלאַטי־נענעם האַנטזייגער — אַ „פּאַטעק־פיליפ״ — און שנעל געאיילט זיך, אַראָפּגעלאָפן דורך די טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ צו דער אונטערגרונט־באַן, וואָס פירט אַוועק אינעם צענטער אַריין.

אַזוי ציט עס זיך שוין באַלד אַ יאָר צייט. חנא לויפט אָפט אַריבער אינעם „טיגרע״־באַר אַריין, זען צי דניאל, דער בריליאַנטן־סוחר „דאַוונט און שאָקלט זיך איבער די ביינדלעך״, און — און אָסקאַר, דער געוועזע־נער שותף — ער איילט זיך און לויפט ווי אַ רוח, ווי אַן אויסגעשאָסענע פייל פון אַ שיס־בויגן, כאַפּט ער זיך אַראָפּ אין צענטער אַריין איינצו־קויפן און איינצוהאַנדלען די טייערע און קאָסטבאַרע בריליאַנטן, אָדער פּערל; אַלעמאָל, באַלד נאָך אַזאַ שליחות, פילט זיך חנא זייער נישט גוט, אַזוי אויסטערליש נישט אַמבעסטן... ער גיט, נאָך אַזאַ מין גאַנג, אַ קוועטש־אָן מיט דער האַנט זיין אייגענע באַק, ווי עס וואָלט אים ווײ־געטאָן אַ באַק־צאָן, רעדט ער דאַן צו זיך אַליין און באַוויינט דאָס איי־גענע לייב־און־לעבן: „חנא, חנא, אַ בראָך צו דיין קאָפּ! ביסט געוואָרן אַ סמאַרקוואַטער שיק־יינגל אויף דיינע עלטערע יאָרן״... ער וואָלט שוין פון לאַנג אַזאַ אָסקאַרן — דעם גראָבן פליגל, דעם כיטראַק, דעם חזיר — געוועזן געשיקט צו אַלדע שוואַרץ יאָר! איז דאָך אים, אָבער, אַ שאָד די צען אָדער צוואַנציק פּעזעס, וואָס ער פאַרדינט ביי אים אין יעדער שפּיל! מיט אַזעלכע פּרנסה־געבערס ווי אַזאַ אָסקאַר איז, קען מען זיך נישט און מען טאָר זיך נישט פאַרגינען אַזוינס אַוועקצוואַרפן... און פון די אַנדערע קליענטן — פון אַזאַ דניאל און זיינס גלייכן קען מען קוים פאַרדינען אויף צו דערהאַלטן דאָס בידנע לעבן! זיי, די שפּילער, קויפן אַמאָל אין אַ יובל אַ צעטעלע און שיסן אין די דאַמינאָס און אין די דאַדעס אויף די שווערע הונדערטער פּעזעס. חנא האָט אַמאָל בייגעוווינט אַ דאַמינע־פּאַרטיע, וואָס האָט באַטראָפן און אָפּגעקאָסט גאַנצע פיר טויזנטער! און אַז ער זאָל אַמאָל פּטור ווערן פון דעם בידנעם מסחר — קען גאָרנישט געמאָלט זיין... פון די שלימזלדיקע היטלען, וועט ער שוין

קיין לעבן נישט מאַכן, עס כאַפּט אים, חנאן, גאָר אָפּט אָן אַ שווערער קאָפּ־ווייטיק, איז עס אַ סימן, אַז מען וועט מוזן גיין צו אַ דאָקטער, אָן אָקוליסט, בייטן די ברילן־גלעזער... און קיין איבעריקער סענט איז נישטאָ. אפשר וועט אַמאָל אַריינפאַלן דאָס גראַנדעלע... אַזויפיל מענטשן זענען דאָך שוין דורך די צעטעלעך געהאָלפן געוואָרן. אוי...

חנא צעקרעכצט זיך און קאָרטשעט איין דעם גרויסן גוף זיינעם, ווי עס וואָלט אים אָנגעכאַפּט אַ בויך־ווייטיק. ער וויל שטאַרק איבער־גיין און אַוועקזעצן זיך אויף אַ צווייט אָרט, אַז דער אָסקאַר זאָל אים נישט באַמערקן — זענען איצט אַלע רעסטאָראַן־טישלעך פאַרנומען און באַזעצט און דאָס טישל ביים פענצטער איז אַ גרויסער שאָד צו פאַר־לאָזן. דאָס איז דאָס בעסטע אָרט פונעם גאַנצן מקום. אפשר גאָר אַריינ־לויפן אינעם טואַלעט־צימער אַריין? — איז דער טואַלעט־צימער אַזאַ שטיק פעסט, אַז חנא האָט שוין יאָרן דעם טואַלעט־צימער נישט אַרי־בערגעטראָטן... בלייבט שוין חנא אַזאַ איינגעהויקערטער זיצן ביי דעם רעסטאָראַן־טישל און טראַכט, אַז ווי עס ווייזט אויס, איז איצט דער אָסקאַר פאַרבלענדט און כאַטש, ער חנא זיצט איצט ביי אָסקאַרן הינטער דער פּלייצע, ממש ווי אונטער דער נאָז, וועט דאָס זיין גאָר שיין, אַז ער, אָסקאַר, וועט אים, חנאן, היינט נישט באַמערקן.

אָסקאַר, ווי ער וואָלט אינסטינקטיוו דערפילט חנאס ווילן אויסצור־באַהאַלטן זיך און זיין ווידערווילן צו אים און זיינע שליחותן — האָט ער זיך ראַפּטאָם געגעבן אַ דריי־אויס מיטן פּנים צום פענצטער, אויפ־געכאַפּט חנאס אַ בליק, האָט ער חוצפּהדיק און באַפעלעריש אַריינגע־טייטלט מיטן ווייז־פינגער אין חנאס ברילן־גלעזער אַריין, געשימערט און געבלענדט מיטן גרויסן בריליאַנט, וואָס אויפן קלענסטן פינגער און געזאָגט, אָט ווי אַ באַלעבאָס צו אַ משרת:

— טשע, חנא, גיב מיר נאָר אַ גיי אַריבער אינעם „טיגרע״־באַר, און גיב נאָר אַזאַ גוטן קוק צי דניאל קנאַקט דאָרטן מיט די דאָדעס! נו, ריר זיך שוין — כ׳האָב נישט קיין צייט אַ מינוט צו פאַרלירן... טשע! — לייגט אָסקאַר אַריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס.

חנא ווערט מבולבל אַזש די צונג ווערט אים מאָמענטאַל פאַראַלי־זירט און פאַרהאַרטעוועט ווי אַ לעדער; עס הייבט אים אָן צו דריקן אונ־טערן האַרץ־לעפעלע און עס נעמט אים שווינדלען פאַר די אויגן. אַזוי־פיל חוצפּה ווי עס האָט דער פאַרשוין, איז דאָך נישט געהערט און נישט

געזען געוואָרן! — טראַכט חנא זייער שנעל — איך וואָלט אים שוין באַ־דאַרפֿן איבערדעקן מיטן טישל און איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אויסלערנען אים אַביסל דרך־ארץ, וואָס זיין טאַטע־מאַמע, די פּויערים דאָרטן, האָבן מיט אים נישט דערלערנט... נאָר, אַז... — נאָר חנא דרייט אָוועק דעם קאָפּ און נעמט פּינטלען מיט די אויגן, אַז דער חוצפּהדיקער אָסקאַר זאָל נאָר נישט באַמערקן זיין אויפרעגונג און זיין כעס — לאָזט ער זיך שנעל, אַזאַ געפּאָלענער ביי זיך און אַ מאַכטלאָזער אַריבערקרייצן די גאַס. ביים אַריבערלויפֿן דעם ברוק, האָט אַן אַנלויפֿנדיקער אויטאָמאָביל חנאן שיר נישט צעשמעטערט און דער שאָפֿער האָט קוים, קוים מיט עטלעכע סענ־טימעטער פון חנאן, דאָך באַוויזן צו טאַרמאָזירן די מאַשין, אַז דער גרילץ פון די טאַרמאָזן האָט אַזאַ קוויטשיקן קרעק געטאָן, ווי אַ גרויסע חיה וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ שפּיז און פונעם גרויסן ווייטיק, אַ לעצטן קוויטש געטאָן — האָט זיך אַזש די מאַשין אַ הויב געטאָן אויף צוריק און אַ וואַקל געגעבן אויף אַ זייט.

— אידיאָט, הורן־זון, האַרנטרעגער! — האָט דער שאָפֿער אַ געל־געוואָרענער, מיט אַרויסגעגלאָצטע גזלנישע אויגן אַרויסגעשטעקט אַ פויסט דורך דער טיר פון דער מאַשין — בעסטיע, פֿאַרשיווער הונט!

חנא האָט זיך איינגעהויקערט אַזאַ קליין־געוואָרענער און אַ פֿאַר־שולדיקטער. דער שאָפֿער איז טאַקע גערעכט און ער האָט ניט קיין רעכט אים אָפּצוענטפֿערן קיין וואָרט, ווייל דער אויפגערעגטער שאָפֿער מיט דער געמיינער צונג איז דאָך אין דער אמתן זיין גוטער מלאך, וואָס האָט אים איצט אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט און אַליין האָט זיך דער שאָפֿער אָפּגעראַטעוועט פון גיין אויף אַ צייט אין טורמע אַריין... אוודאי איז חנא שולדיק. אַ מענטש טאָר נישט זיין צעחושט. ווען ער וואָלט גע־ווען אַ פרומער ייד, וואָלט ער געמעגט בענטשן גומל און אַריינגעבן אַ פונט ליכט אין שיל אַריין — לויפֿט ער שוין אַ בייזער די לעצטע פּאָר טריט און שטופּט זיך אַריין אין דעם אַנרויכעניש פונעם קאַפֿע־הויז און עס גיט אים אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַריין, אין די אויערן אריין דאָס שטענ־דיקע קלאַפּעניש, שאָקלעניש און זבענקעניש פון די אַלע שטיינער און ביינער, וואָס די צעיאַכמערטע שפּילער האַקן אין די טישלעך אַריין.

אַ רגע בלייבט חנא שטיין מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן. ער זעט גאָר־נישט און ערשט איצטער דערפֿילט ער, אַז שפּריצנדיקע פונקען און ליכט־רעדער רעדלען אים פֿאַר די אויגן. ערשט איצט שפּירט ער, אַז דאָס

האַרץ קלאַפּט ביי אים מיט שרעק און אַז עס וואַרפן זיך ביי אים אין דער ברוסט די אויף טויט איבערגעשראָקענע שטיקלעך לעבן, וואָס נעס־טיקן אין יעדן לעבנדיקן און אָטעמדיקן וועזן: „אוי, ווי איז צו מיר — טראַכט חנא מיט גרויליקער שרעק אין זיך — ווען אפילו איך וואָלט אינגאַנצן נישט געניזוקט געוואָרן, וואָלט איך דאָך געקאָנט איצט בלייבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן...“ ער פאַרמאַכט די אויגן און לייגט אַרויף די לינקע האַנט אויף דער ברוסט, זעט ער אין זיין דמיון ווי ער אַליין, ער חנא, ליגט אין מיטן ברוק מיט איבערגעבראָכענע, צעשמעטערטע אברים. דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל דו ביסט אַ פּחדן, אַ שוטה — ווייל דו לאָזט אַז אבי ווער, יעדער אומדערצויגענער נפש זאָל אויף דיר רייטן און זאָל זיך מיט דיר שאַפן ווי מיט אַ שיק־ייִנגעלע! האָסט דאָך אים געקאָנט זאָגן אַזוי: „איך בין נישט דיין טאַטנס משרת און גיי...“

— כ׳לעבן, סעניאָר, ווי איר זענט איצטער געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט! איר האָט אַ גרויסן גאָט אין הימל! גייט, פאָלגט מיך, און מאַכט אַ גוטן שנאַפּס! אַ מענטש טאָר נישט האָבן די אויגן אין... איך בעט איבער אייער כבוד — האָט אים אַן עלטערער ייִד, מיט אייביק רויטע און אויסגעווייינטע אויגן — אַן אייביקער אַרומפאָרער אי־בער דער פּראָווינץ, אַן אייביקער קבצן און אַן אייביקער פאַרשפּילער אין די פערד־געיעגן — אַ כאַפּ־אַרום געטאָן און אים צוגעדריקט ווי מיט אַ קלעם צו דער ברוסט — איר זענט איצט אַ ניי־געבוירענער, ווי איך בין אַ ייִד! גייט, מאַכט שוין אַ גוטן שנאַפּס! — האָט אים דער ייִד נישט אַרויסגעלאָזט פון דער קלעם.

— איך וועל טאָקע אַזוי טאָן! — האָט זיך חנא קוים באַפרייט פון דעם אַרומקלעמעניש און אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג — אַ שיינעם דאַנק אייך, וואָס איר פרייט זיך אַזוי מיט מיין ניצול ווערן פונעם מלאך־המוות. מיר בײדע וועלן נאָך מאַכן צוזאַמען אַ גוטן לחיים! איצט האָב איך אָבער נישט קיין צייט. אַבי איר האָט כאָטש געזען, ווי מען קען געהרגעט ווערן אין איין רגע? — האָט זיך חנא געלאָזן צוריק צום אַרויס־גאַנג אויף דער גאַס אַרויס.

— אַז דער ייִד איז איצט נאָך דאָ צווישן די לעבעדיקע — וועט ער שוין אָפּלעבן זיינע הונדערט־מיט־צוואַנציק יאָר! — האָט דער ייִד אָנ־געהויבן ריידן צום זיצנדיקן עולם ביי די טישלעך — דער יונג האָט אַ

ספּעציעלן גאָט אין הימל... — האָט ער געוויזן מיט אַ פינגער צו די שווינדלדיקע ווענטילאַטאָרן אין דער הויך.

חנא האָט געקרייצט די גאָס אויף צוריק, צום פּענצטער פונעם יידישן רעסטאָראַן. איצט האָט ער שוין לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק גע־קוקט אין דער ריכטונג פון וואַנען עס האָט געשטראָמט דער גאַסן־פאַר־קער. חנא האָט זיך דערנענטערט צו אָסקאַרן, וואָס האָט אַן אומגעדול־דיקער געוואַרט מיט דער רעכטער האַנט אין דער הויזן־קעשענע און גע־טופּעט נערוועאיש מיט אַ פוס. האָט ער זיך אויסגעפּייפט אַ „בוגי־בוגי" און געקוקט מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ צום הימל. חנא האָט אים מיט קוים באַהאַלטענער אויפרעגונג אַ קאַלטן קוק אַריין געטאָן אין די כיטרע און איבערגעקליגלטע אויגן און שטיין געבליבן מיט די בליקן אויף אָס־קאַרס דינע און לענגלעכע וואַנסעלעך, אַזעלכע זאָרגפעלטיק אָפּגעפּלעג־טע, וואָס האָבן זיך צוליבן פייפן באַוועגט ווי אַ שוואַרץ לעבעדיק שלענ־געלע, וואָס האָט באַקומען קאַנוולסיעס.

— נו? — האָט אָסקאַר אים אַריינגעשטאָכן די בליקן ווי פיילן, פאַרוואָס ער האָט זיך צו לאַנג געזאַמט — נו?

— אָ, — איז חנאן באַפאַלן אַ נערוועאיש בייסעניש איבערן גאַנצן פּנים — ער, דניאל, קנאַקט איצט אין די דאַדעס אַזוי, אַז דאָס טישל דאַרטן וועט זיך באַלד אָנצינדן! וועסט אים איצט, דיין געוועזענעם שותּף, אפילו מיט אַ טוץ סאָלדאַטן פונעם אָרט נישט אָפּרייסן. פאַר מיר געזונ־טערהייט, אָסקאַרסיטאָ, און מאַך די בעסטע געשעפטן! — וואָרט חנא נישט אויף קיין ענטפער און נישט אויף קיין דאַנק, גייט צוריק אַריין אין רעסטאָראַן אַריין און זעצט זיך אַוועק נעבן זיין טישל. און ביי זיך אין האַרצן טראַכט ער שוין מיט אַ נישט־געשטילטן נקמה־דורשט און קריצט מיט פאַרקלעמטע ציין: וואָרט, וואָרט, דו חזיר, הינטישע פעל! וועסט זיכער קומען נאָך איין מאָל צו חנאן... איך וועל דיר שוין ווייזן ווער עס איז דיין טאַטנס משרת! — פאַרקוועטשט חנא די פויסטן, אַז אָסקאַר זאָל נישט באַמערקן.

— גראַסיאַס, גראַסיאַס, אַ דאַנק, ביסט אַ פריינטעלע... — גיט אָסקאַר אַ כיטרע־קלוג שמייכעלע, און פאַרנויגט דעם שיין פאַרקעמטן קאָפּ, שפּרייזט ער שנעל אַוועק צום אַראָפּגאַנג פון דער אונטערגרונט־סטאַנציע און גיט ווידער אַ שנעלן קוק אויפן ציפער־בלאַט פון זיין קאָסט־באַרן זייגער, ווו אנשטאָט ציפערן זענען איינגעפּאַסט בריליאַנטעלעך

פונעם מין „בלוי־ווייס"; די ברילִיאַנטן גיבן אַ צעציטערטן פינקל מיט רעגנבויגן שימערן און ווייזן אָן, אַז עס איז שוין באַלד זעקס אַזייגער און דערמאָנען אויך אָסקאַרן, אַז אין דעם גאַנצן דרום־אַמעריקע זענען בלויז פאַראַן אַ האַלב טוץ אַזעלכע זייגערס — נישט מער! און איין זייגער איז צוגעשנאַלט צו אָסקאַרס האַנט — טאַקע אויף זיין האַנט!

אָסקאַר פאַרשנורעט שטאַלץ זיינע דינע ליפּן, נעמט אַרויס פון דער קעשענע צוויי מטבעות און וואַרפט זיי אַריין אינעם אויטאָמאַטישן מילכל־אַפּאַראַט, גיט ער אַ זייטיקן גיי דורך און לויפט צו די באַוועג־לעכע טרעפּ, וואָס נידערן אַראָפּ אין טונעל אַריין. עס גיט אים אַ באַ־שלאָג אַ קילקייט און עס בריט אין אים אויף אַזאַ וואַרעמער שטראָם אַזש דאָס בלוט גיט אים גלייך אַ שלאָג־אַרויף אין די געהירן אַריין און פון דאָרטן לאָזט זיך דער וואַרעמער שטראָם צוריק אַראָפּ אינעם חוט־השדרה אַריין, אַזאַ קאַלט־געוואָרענער, ווי אייז — ווערן די נאָזלעכער ביי אָסקאַרן אויפגעבלאָזענע, אַנגעשוואָלענע און הייבן אָן ספּאַזמאַטיש צו ציטערן. אַך, — גיט ער אַ קנאַק מיט די פינגער און הייבט אָן אַריינ־רעדן אינעם אייגענעם געביין אַריין — מזל זאָל מען האָבן! ער, אָסקאַר, ווייסט טאַקע אַליין נישט פון וואַנען עס נעמט זיך צו אים און עס קלעפּט זיך צו אים אַזויפיל גוט מזל... יעדע זאַך וואָס ער באַגערט נאָר קומט אים תמיד אָן אַזוי גרינג און אַזוי לייכט... דאָרטן, ווו קיינער קען קיין טיר נישט עפענען — פּאַר אים מאַכן זיך אַלע טירן און טויערן אויף אַזוי גרינג און אַזוי לייכט; דאָרטן, ווו קיינער קען נישט פאַרקויפן קיין ריין און נעט שטיינדל, פאַרקויפט ער שטיינדלעך מיט קוילן, אַז אַ בלינדער וואָלט עס דערזען... סחורה רייסט מען אים פון די הענט אַרויס און קיין „טשוועקעס" האָט ער ביז היינט נישט אַריינגעכאַפּט. און איצט זי — קאַטאַלינאַ? אַ געזונט איר אין אַלע ביינער אַריין! זי איז דאָך נאָך שע־נער ווי אַ קעניגין! קיין שום פרוי פון די אַלע פרויען, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געזען — סיי אין די קאַבאַרעטן, סיי אין די טעאַטערן און אפילו אין די פילמען — קען זיך קיין איינע פון די אַלע נישט גלייכן צו קאַטאַלינאַן... איין קניעלע אירס, פון קאַטאַלינאַן, איז טויזנט מאָל שענער און איידעלער ווי זיי דאָרטן אינגאַנצן. זי אַליין, דאָס פרעכטיקע ווייבעלע, ווייסט אַליין אויך נישט ווי שיין זי איז... ווען זי וואָלט דאָס אַלץ געוווּסט, וואָלט זי דאָך נישט חתונה געהאַט מיט אַזאַ פערדאַטש, ווי דאָס איז דער דניאל. דער מאַנספאַרשוין האָט דאָך די ווערט, אַז מען

זאָל אים צעשניידן אויף שטיק־שטיקלעך, ווייל, אַז אַ מענטש האָט אַזאַ טייערן און ליטערן שטיין אין זיינע הענט און ווייסט דאָס נישט ווי אַזוי אָפּצוהיטן — דאַרף מען אים צעטרייבערן! אַזאַ שטיק גולם, האָט אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אינעם שפּילן אַריין, געווינט ער אַמאָל אַ פּאָר הונדערט פּעזעס און לאָזט דערווייל, אַז אַזאַ רייצנדיקע און שמעקנדיקע בלום — אַזאַ בילד־שיינע און איידעלע פּרוי — לאָזט ער דאָרן און קוואַרן אין שטוב און נעמט זי אַרויס אַביסל אויף אַ שפּאַציר, נאָר בלויז אין די זונטיקן... עס איז טאַקע אמת, אַז דעם פּאַרשוין פעלט נישט קיין פּרנסה. אַז דניאל אַרבעט איין שעה אין טאָג האָט ער אויך פון אַלדאָס שענסטע און בעסטע. נאָר וואָס קומט אַרויס פון דעם, אַז ס׳פילט זיך פון דניאלן מיט קאָפּע־ריחות און ער איז נישט צו זיין ווייב ווי אַזאַ מאַן וואָלט באַדאַרפן זיין... נאָר, גוט אַזוי, גוט! אוודאי, ווען דניאל וואָלט געווען אַ מענטש — איז, וואָלט דאָך ער, אַסקאַר, נישט געוווסט פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט שוין באַקומען און האָט... דערצו האָט אים נאָך די גאַנצע אַוואַנטורע נישט געקאָסט קיין צעבראָכענעם סענט...

ער וואָלט זייער גערן געגעבן קאַטאַלינאַן אַ שיינע מתנה, נאָר מען דאַרף דאָס נישט טאָן און מען טאָר דאָס נישט טאָן. זי, קאַטאַלינאַ, האָט איר אייגנס אַ סך ברילִיאַנטענע רינגלעך, גאָלדענע בראַסלעטן באַזעצטע מיט רויטע רובינען, אַ היפּש שנירל אמתע און שיינע פּערל און אַ פּרעכ־טיקן האַלדזבאַנד מיט אַ פּעדאַנטיף — אַ פּרעכטיקער זעקס־קאַראַטיקער וויאָלעטער אַמאַטיסט; וואָס־וואָס, — אין קיין צירונג איז קאַטאַלינאַ נישט זשעדנע, די שענסטע מתנה איז — ווי זי אַליין האָט אים אַמאָל געזאָגט — איז דאָס ער אַליין! די איינציקע צרה איז נאָר דאָס, וואָס אַלעמאָל באַפאַלט זיי ביידן די ביטערע און אַנגסטיקע מורא, די פּאַנישע שרעק. נאָר קאַטאַלינאַ האָט, וואָס אמת איז, זייער ווייניק מורא און אפשר האָט זי אינגאַנצן קיין פּחד נישט פאַר דעם וואָס זי טוט? אָפּט־מאָל האָט ער דאָס געפיל, אַז קאַטאַלינאַ טוט אַלץ אויף צו וויסן צו געבן דעם נאַרישן מאַן אירן, אַז שוין, אַז זייער צוזאַמענלעבן אונטער איין דאַך איז שוין מער קיין לעבן נישט און מען דאַרף מאַכן אַ סוף... די איינ־ציקע שטערונג איז זייער קינד, דער קליינער זעקס־יאָריקער מיגעלי־טאָ... קאַטאַלינאַ, די מאַמע, האָט מורא צו מאַכן איר קינד פאַר אַ „לע־בעדיקן יתום” און זי וויל נישט פאַר איר זונעלע קיין שטיפטאַטן... וואָס איז נעבעך מיגעליטאָ שולדיק, אַז ער האָט אַזאַ טאַטן, אַזא פּאַרברעכ־

טער שפּילער... איז, מוז דאָס בלייבן אַזוי און מען מוז זיך היטן... ווי אַזוי זאָגט זיך דאָרטן? — יאָ, אַ פֿאַרזיכטיקער מענטש, אַ פּאַרויסזעעב־דיקער מענטש איז...

אָסקאַר שטייגט־איין אין דעם אַנגעלאָפּענעם וואַגאָנען־קאָנוואָי. די אונטערערדישע וואַגאָנען פֿאָרן איצט אינעם שטאָט־צענטער אַריין כמעט ליידיקע און פֿון די אַנטקעגנדיקע סטאַנציע־פּלאַטפּאָרמעס רעשט זיך אַ שטופּעניש און אַ דרענגעניש. צוריק פֿונעם צענטער אַרויס פֿאָרן איצט די וואַגאָנען איבערגעפּולטע מיט האַלב־פֿאַרחלשטע, איבערגעמידטע, צע־דריקטע און איינגעקוועטשטע מענטשן איינס אינעם אַנדערן; אָסקאַר בלייבט זיצן נעבן אַן אָפֿן פֿענצטער, פֿאַרמאַכט ער די אויגן און ציילט מיט אומגעדולד די סעקונדן, וואָס עס מוז געדויערן דורכצופֿאָרן די דריי סטאַנציעס. זיין האַרץ הייבט אים אָן צו קלאַפּן און ציילט אים אויס די אָפּגעלאָפֿענע סעקונדן. דער צוג יאָגט אינעם טונעל מיט פֿאַרכישופֿט־רר־חישער געשווינדקייט און דאַך ווייזט אים אויס, אַז די רעדער אונטער די וואַגאָנען דרייען זיך לאַנגזאַם, אַזוי פּאַמעלעך... אין די שלייפֿן הע־מערט אים שוין אויך און די רעדער קלאַפּן צו צום טאַקט מיט אַ שלאַנ־גישן שאָרך: „אָסקאַר, אָסקאַרסיטאָ — האָסט מזל, האָסט אַ גרויס מזל!‟ אַ לינד ווינטל פּאַטשט אים און גלעט אים דאָס פּנים און זיין האַרץ איז פֿול מיט זיסער דערוואַרטונג און גרויס הנאה — פֿרעגט ער זיך אַליין: „טאַקע, אין דער אמתן, אָסקאַרסיטאָ, פֿאַרוואָס האָסטו אַזאַ גרויס און טייער מזל?‟ באַלד גיט זיך אָסקאַר אַ כאַפּ־אויף מיט שרעק: מען קען זיך נאָך אַליין געבן אַ גוט אויג — ווערט ער מיטאַמאָל אַבערגלויבי־ק צערודערט: „ריר שוין אָן אַ שטיק האָלץ — דאָס איז אַ גוטע סגולה קעגן יעדער שלימזלדיקייט!‟ — נעמט ער גוט אויסטאַפּן מיט די דלאָ־ניעס די הילצערנע באַנק אונטער זיך — פֿוי... — שפּייט ער אויס און שטייט־אויף פֿונעם אָרט און וואַרט די אויטאָמאַטישע טירן זאָלן זיך עפֿענען.

ענדלעך, איז דער קאָנוואָי האַסטיק שטיין געבליבן. די טירן צערוקן זיך און אָסקאַר לויפֿט פֿלינק צו די טרעפּ און הייבט זיך אַרויף, שפּרייזט אַרויף צו צוויי און דריי טרעפּ מיט איין שפּרייז. אָט איז שוין צוריק דער הימל איבער זיין קאָפּ און ער פֿאַרנעמט זיך מיט אַ דיאַגאָנאַל־קווערער גאַס. ער שפּרייזט שנעל און וואַרפֿט מיט די הענט און באַלד בלייבט ער שטיין פֿאַר דעם פֿיר־שטאָקיקן הויז מיט די קליינע און רונדע באַלקאָנדלעך

מיט די ניקלנע פאַרענטשעס; דער אַריסטאָקראַטיש־ברייטער אַריינגאַנג איז אויסגעשפּרייט מיט אַ באַרדאָ דיוואַן, וואָס שפּרייט זיך אויס ביז צו דער ווינדע. דער האַל פונעם הויז איז באַשטעלט ביי די ווענט מיט פלור־שענע פאָטעלן, מיט בלומען־טעפּ און די וואַנט, אַנטקעגן דער ווינדע, איז באַמאָלט מיט אַ גרוי־גרינלעך פרעסקאָ־בילד: אַ נאַקעטע פרוי, אַן אינדיאַ־נישע פרינצעסין, מיט אַ קופער־רויטלעך לייב, שטייט אַן איבערגעבויגע־נע ביים ברעג פון אַן אָזערע, אַן אַרומגערינגלטע מיט שניי־באַדעקטע בערג — שטייט די פרינצעסין מיט אַן אויסטערליש רויטער בלום אין איר האַנט; דאָס איז די בלום פון דער אייביקער יוגנט; ביי דער פרינצעסינס רעכטער זייט שטייט אַ לאַם, אַן אַלפּאַקאַ און קוקט אויף איר מיט אַזעל־כע גרויסע, צאַרטע, ממש מענטשלעכע אויגן, און ביי דער פרינצעסינס לינקער זייט שטייט אויף אַ צווייג פון אַ צעבליטן אַנאַנאַ־בוים, מיט שווערע, שוין צייטיקע און שיפיקע טשירימאָיאַס־פרוכטן — שטייט אויף אַ צווייג דער וונדערלעכער קוועטזאַל־פויגל, דער אינדיאַנישער „אַמפּור־סאַי", וואָס האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן באַצירט די קעפּ פון די אַצטעקישע מושלים און זייער גאָט קוועטזאַלקאָאַטל, „די באַפעדערטע שלאַנג"; — פלאַטערט דער וונדערשיינער גרין־זילבערנער און לאַנגער עק מיט די צוויי מעטער־לאַנגע, גרויסאַרטיקע פעדערן.

דער אויסטערלישער קוועטזאַל־פויגל קוקט ביז און ציט אויס זיין טויבן־שנאָבעלע מיט דעם גרינעם קריינדעלע אויפן קעפל, באַטראַכט דער פויגל זיינע אייגענע, האַלב־בלויע און האַלב צונטער־רויטע פעדערן, אויף זיין ברוסט, און עס געפעלן אים נישט די קאָלירן... און אונטער דעם פרעס־קאָ־בילד זיצט אַ גאָר לעבעדיק צוויי יאָריק מיידעלע מיט אַ קעפּל שוואַר־צע לעקעלעך, מיט איינגעפלאָכטענע רויטע זיידענע שלייפעלעך ביי די אויערלעך — האַלט דאָס קינד אויף זיך אַ גרויסע ליאַלקע, וואָס איז גע־נוי אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי דאָס קינד; דאָס מיידעלע קושט אַלע ווילע די ליאַלקע מיט אַן אַ שיעור ליבשאַפט, צאַרטקייט און געטריי־שאַפט, אָט ווי אַן אמתע מאַמע קושט טאַקע איר איינציק קינד... ביי דער זייט שטייט דער הויזוועכטער אין זיין גרויען מונדיר־אַנצוג, אַן אָנגעע־שפּאַרטער מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט, פּאַכעט ער איבער זיין פּנים מיט זיין היטל מיטן גלאַנציקן דאַשעק און רעדט צום מיידעלע, צום קינד מיט אַ צאַרט קול:

— טשאַליטאַ, ליבינקע, וועסט פאַרמאַטערן דיין קינד. לאָז איר, דאָס

קינד, אַביסל אָפּאָטעמען. זעסט דאָך, טייערינקע, אַז עס איז איר זייער הייס. אָרעמינקע... — זאָגט דער הויזוועכטער מיט מכלומרשטן געבעט זייער אַן ערנסטער און זיינע אויגן לויכטן פון פרייד צוליב דעם גאַנצן קינדערשפּיל.

טשאַליטאַ גיט אַ קוק אַרויף צום הויזוועכטער און ענטפערט אַ פּאָר־זאָרגטע מיט איר גאָלדן־גלעקלדיק שטימעלע:

— בעביטאַ, מיין קינדעלע, האָט נאָך היינט אַ גאַנצן טאָג נישט אויסגעטרונקען אפילו איין טראָפּן מילך! זי האָט נישט קיין אַפּעטיט מיין בעביטאַ... זי וועט מיר שטאַרבן פון הונגער, איי־ווי צו מיר... אפשר זאָל איך אַרויסרופן דעם דאָקטער, האַ דאָן סעווערינאָ? — שטעלט אויף אים אַן דאָס מיידעלע די גרויסע אומשולדיקע אויגענעס.

— וואַרט נאָך אָפּ אַביסעלע. איצט, טשאַליטאַ, איז דער דאָקטער פאַרנומען מיט זיינע וויזיטן. און, אפשר שפּעטער, וועלן מיר דאָס מוזן טאָן, אוצרל — גיט דער הויזוועכטער פּלוצים אַ טו־אָן זיין היטל אויפן קאָפּ.

— מאַמ־אַ, מאַמ־אַ־אַ! — צעשרייט זיך פּלוצים די ליאַלקע מיט אַ מעקעדיק קול, ווי אַ ציגעלע, אַ שעפּעלע וואָלט געמעקעט.

— איר זעט שוין, דאָן סעווערינאָ, מיט אַ קוש פּועלט מען אַלץ! — גיט טשאַליטאַ אַזאַ ממזרישן ווונק מיט אַן אייגעלע — גענוי ווי איר איי־גענע מוטער טוט דאָס זייער אָפט — דאָס איז דערפאַר, ווייל בעביטאַ איז מיר זייער צעפּעסטעט און איך האָב אַ ווייך האַרץ און איך האַלט מיך איין און מאַך איר נישט טשאַס־טשאַס!... — ווייזט דאָס קינד דראָענ־דיק מיטן אָפּגעטאָקטן הענטעלע, ווי אַזוי זי וועט דער ליאַלקע אָפּשמייסן.

— אוודאי, אוודאי, סי סעניאָריטאַ — טשאַס־טשאַס! — גיט דער הויזוועכטער אַ בייז־פינצטערן קוק אויף אָסקאַרן, וואָס רוקט אויף די טי־ין פון דער ווינדע, שטעכט ער אים דורך, דרינגט אים דורך מיט זיינע בליקן ווי מיט רענטגען־שטראַלן — צו מיר אין מיין שטוב אַריין, ווען עס פאַלט אַריין אַזאַ פאַרשוין — טראַכט דער הויזוועכטער, דער דאָן סעווערינאָ — מאַך איך אים גלייך פּום־פּום! פאַראַן נאַרישע מענער אויף דער וועלט... — האָט אין דאָן סעווערינאָן אויפגעקאָכט דאָס אייפערזיכטיקע בלוט.

אָסקאַר מאַכט זיך נישט קיין וועזן פון דעם הויזוועכטער. עס ווייזט זיך אים אויס, אַז דער אַלטער מאַן ווייסט וואָס עס טוט זיך ביי יעדן אין די שטיבער פון דעם הויז... נו, זאָל ער וויסן!

די ווינדע פּאַרט אַרויף אין דער הויף און אָסקאַר בלייבט שטיין נעבן און צווישן די צוויי ברוין־פּוליטירטע טירן פון קאַטאַלינאַס דעפּאַרטאַ־מענט. איין טיר פון דער לינקער זייט פירט אַריין אין דער קיך, און די צווייטע טיר, רעכטס, פירט צום האָל און עס־צימער; אויב עס וועט זיך עפענען די טיר פון דער קיך, איז פון לאַנג שוין אָפּגערעדט געוואָרן, אַז מען מוז זיין זייער פאָרזיכטיק, מען דאַרף אויסטראַכטן אַן אויסרייד און מען מוז צוריק אַוועקגיין... עס קען פּאַסירן, אַז דאָס דינסטמיידל איז שוין צוריקגעקומען מיטן קינד פון פּאַלערמאָ־וואַלד, אָדער עס זענען אַריינגעפאַלן אומגעריכטע געסט... אָסקאַר גענענט מיט שטילע טריט צו דער קיך־טיר און לייגט צו אַן אויער, הערט זיך איין: ניין! פון יענער זייט טיר הערט זיך נישט קיין שום שאָרך. אָסקאַר הערט בלויז דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ און הערט דאָס זאַטיקע ריזלען פונעם אייגע־נעם בלוט, וואָס זשומעט און רוישט אים אין די שלייפן און אין די אויערן; אפילו זיין „פּיליפּ־פּאַטעק" קלאַפּט איצטער ווי אַ פּראָסטער וועק־זייגער... אָסקאַר גיט מיט אַ צעציטערטן פינגער אַ דריק־אָן אויפן גלעקל־קנאָפּעק און כאַפּט שנעל צוריק אַוועק דעם פינגער, ווי ער וואָלט אָנגע־רירט אַ רויט־גליענדיק שטיק אייזן; אינעווייניק, אין שטוב, גיט דאָס אַ לייכטן קלונג. אָסקאַר נעמט שטיל ציילן: איינס, צוויי, דריי, פיר, און — און באַלד גיט זיך די קיך־טיר אַביסל אַן עפן זייער שטיל און קאַטאַלינאַ, אַ פּיטש־נאָסע, מיט אַ קאָפּ אָפּגעצוואָגענע האָר, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס, איצט, אַרויס אַנטלאָפן פון אונטער אַ גרויסן שלאָקס־רעגן — הילט זי זיך איין מיטביידע נאָסע הענט אין אַ טונקל־בלויען באָוולנעם באָד־מאַנטל, אַזאַ באָרוועסע, גיט זי אַ קוק אַרויס מיט באַהאַלטענע סודות אין די אויגן.

— כ׳זע שוין, סעניאָראַ, אַז איך האָב נישט געטראָפן... — גיט ער שטאַמלענדיק אַ מורמל, לייגט שנעל אַרויף די האַנט אויפן מעשענעם טיר־הענטל, גרייט צוריק צו פאַרמאַכן די טיר פאַר זיין פּנים.

— אַריין, אַדעלאַנטע... שנעל! — גיט אים קאַטאַלינאַ פלינק אַ כאַפּ־אָן ביי אַן אָרעם און מיט כּוח אַ צי־אַריין אין דעם קיך־צימער און פאַרמאַכט שנעל און שטיל, אָן שום גערויש די טיר.

— און איך בין שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין... — וויל זיך אָסקאַר דערנענטערן גאָר נאָענט צו קאַטאַלינאַן.

— ניין, ניין, רוק זיך אָפּ פון מיר, ווייל וועסט נאָס ווערן — זאָגט

זי מיט אַ שטיל געדעמפּט קול, ווי עס וואָלט נישט געקומען פונעם מויל אַרויס נאָר פון אירע העל־ברוינע אויגן אַרויס, און אירע דין געשניצטע ליפּן ווערן נאָך דינער און פאַרשניצטער, רעדט זי מיט אַן אנגעקומען צי־טערניש, ווי עס וואָלט איר באַפאַלן אַ קאַלטער שוידער — איך האָב, אָס־קאַר, געפילט ווי דו קומסט אָן... איך האָב דערשפּירט ווען דו ביסט אָנ־געקומען אין טויער אַריין און האָב דערפילט דיינע טריט... — פאַרהאַקט זיך ביי קאַטאַלינאַ דער אָטעם, גיט זי אים אַ טיף־טיפן קוק אַריין אין די שוואַרצאַפּלען, ווי זי וואָלט דאָרטן דערזען אַן אויסטערליש און וווּנדער־לעך געמעל.

— און איך האָב דיך, קאַטאַלינאַ, די גאַנצע צייט געזען פאַר מיינע אויגן און געזען ווי דו שווימסט אין ים... און אָט האָט דיך אַ כוואַליע צו־געטראָגן צו מיר אַזאַ נאַסע... — גיט ער זי פלינק און שנעל אַ קלעם־צו צום האַרץ — קאַטאַלינאַ, אַ פרוי... קרוין פון בריליאַנטן! — ווערט זיין קול הייזעריק און דער אָטעם שווער — מיין פּלאַטינענע סירענע... — גיט ער איר אַ הייסן קוש אינעם שלאַנק־הויכן האַלדז אונטער דער גאָמבע.

— וועסט ווערן נאַס, ליבינקער, אָסקאַר... — האָט זי זיך צעזיפצט און פאַרשנורעוועט די ליפּן, אַז זיי זענען געוואָרן ענלעך צו אַ קליין האַרצל, צאַפּלט זיך שוין קאַטאַלינאַ מיט אַן אומרואיק צאַפּלעניש, טוליעט זי זיך איין אין דעם געליבטן.

— איך האָב מורא, קאַטאַלינאַ, אַז עס וועט מיט מיר פּאַסירן אַן אומגליק! יעדע שעה אָן דיר, קאָסט מיך געזונט... — גיט ער זי ראַפּטום אַ הייב־אויף אין דער לופטן, ווי מען הייבט אויף אַ קינד, און די אויגן ווערן ביי אים פאַרנעפּלט און אָנגעלאָפן מיט תאווהדיקן גלאַנץ.

— גייך, ליבינקער, לאָז מיך אָפּ, לאָז מיך אַראָפּ אויף דער ערד! עס פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ — רייסט זי זיך מיט אַלע כוחות אַראָפּ פון זיינע הענט — אָרעם קינד מיינס... — באַדויערט זי אים מיט איר צאַרטס־טער ליבשאַפט, גיט זי אַ לייג־אַרויף אירס אַ האַנט אויף זיינע ליפּן און באַלד, מיט אַ רגע שפּעטער, כאַפּט זי אַוועק די האַנט און — מיט ווילד־חיהשער פלינקייט גיט זי זיך אַ ביס־איין אין אָסקאַרס ליפּן, אין זיין מויל און קלאַמערט אַרום מיט אירע הענט זיין האַלדז און נאַקן.

לאַנגע רגעס בלייבן זיי ביידע פאַרגליווערט אין זייער אומגעאַרעמטער באַהעפטונג. אין זייערע גופים מיטן ווילד צערייזלטן בלוט און הייס־פאַר־שטיקטע אָטעמס קלאַפּן צו ווי מיט האַמער־קלעפּ זייערע אויפגעשטורעמ־

טע הערצער; און יעדער גוף וויל זיך איינגעסטן אינעם אַנדערנס גופס לעבן אַריין... און אונטער זייערע פיס — אויף די ווייס־שוואַרצע שאַך־בלאַט־פּאַרמיקע קאַפלעס — טריפן אַראָפּ פון קאַטאַלינאַס קאָפּ, פון איר קערפּער און פון אירע שלאַנק־געטאָקטע פיס — טריפן אַראָפּ די נישט־אָפּגעווישטע און נישט־אָפּגעטריקנטע וואַסער־טראָפּנס, וואָס זי האָט אין איר געאייל, ווען זי איז אַרויסגעלאָפן פונעם באָד־צימער, נישט באַוויזן זיך רעכט אָפּצוטריקענען; שטייט איצט קאַטאַלינאַ מיט די נאַקעטע פיס אין מיט די רויט־מאַניקירטע פיס־נעגל אין דעם קאַלוזשעלע וואַסער — שפּיגלען אָפּ, גלאַנצן די וואַסער־טראָפּנס אויפן פּאָל ווי אָפּגעקאַפּעטע טרערן־טראָפּנס און די רויט־מאַניקירטע פיס־נעגל שפּיגלען אָפּ ווי טראָפּנס פאַרגאָסן בלוט.

— אוי, אוי, אוף! — כאַפּט קאַטאַלינאַ אָפּ דעם אָטעם — אוף... איך האָב מיך שוין היינט געבאָדן דריי מאָל און איך האָב שוין אויסגעטרונקען אַ ים מיט וואַסער — ווייזט זי אויף אַ בלוי סאָדע־סיפאָנדל, וואָס שטייט אויפן קיך־טישל, ווישט זיך קאַטאַלינאַ אָפּ מיט אַ פויסטל אירע האָר ביי די שלייפן און דעם נאַקן — אוף! — בלאָזט זי מיט די ליפּן ווי אַ פאַרחלשטע — זע, אָסקאַר, ווי נאָס דו ביסט געוואָרן, זע נאַר... איך האָב דיך געוואָרנט... — קוקט זי אים שוין נישט אין די אויגן אַריין, לאָזט זי אַראָפּ די וויעס און זי קערט אָפּ אַזוי צניעותדיק־פאַרשעמט דעם קאָפּ.

— ס'וועט זיך באַלד אויסטריקענען. ביז איך וועל אַוועקגיין וועט שוין זיין טרוקן — באַטראַכט אָסקאַר אַ זאַרגלאָזער די וואַסער־פלעקן אויפן רעקל און אויף די הויזן — דאָס איז גאָרנישט! — גיט ער זי אומגעריכט און זייער פלינק אַ כאַפּ־אָן ביים באָד־מאַנטל, ציט זי צו צו זיך און זיינע נאָזלעכער הייבן אָן ביי אים ספּאַזמאַטיש און נערוועאיש צו ציטערן, רעדט ער שוין דורך פעסט פאַרקלעמטע ציין;

— איך וועל פאַרברענט ווערן פון דיין ליבשאַפט צו מיר!.. דו, נשמה פון מיין האַרץ — דערמאָנט ער זיך אַ פערז פון אַן אַלטן טאַנגאָ — דו אַליין, קאַטאַלינאַ מיינע, ווייסט אַליין נישט ווי שיין און הערלעך דו ביסט... זע אַליין — וויל ער אַראָפּציען פון קאַטאַלינאַן דעם באָד־מנטל.

— ניין, זיי נישט קיין ווילדער! — גיט זיך קאַטאַלינאַ אַ טוליע־צו צו אָסקאַרן, פאַרלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, און זאָגט מיט ציטערניש אַ פאַרזאָרגטע;

— די נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז מיין דניאל האָט אונדז גע־

טראָפּן ווען מיר זענען געווען אַליין... ער האָט געכאַפּט אַ שפּיז און האָט אונדז ביידע דורכגעשטאָכן דורך און דורך... — פאַרמאַכט זי די אויגן ווי זי וואָלט נאָך געזען דעם חלום.

אָסקאַרס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט און ער האָט זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט. באַלד האָט ער זיך צעשמייכלט, אָפּגעשאַרט פון איר אַקסל דעם קאַלנער פונעם באַד־מאַנטל, האָט ער זיך איינגעזויגן מיט די ליפּן און אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַן אַסמאַטיש פאַרשטיקעניש:

— דיין מאַן וועט זיך קיינמאָל גאָרנישט דערוויסן. ער וועט דאָרטן פּגרן אין דעם „טיגרע"־באַר! טראַכט נישט וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן... קוק זיך בעסער אַליין אָן און זע ווי געטלעך שיין דו ביסט — גאָלד מיט בריליאַנטן! — איז אָסקאַר פאַרשיכורט און צעחושט.

— באַרואיק זיך, קום... — פאַרוואָרפט זי אַ שוואַך געוואָרענע אירע הענט אויף זיין האַלדז.

— קאַטאַלינאַ... צען מאָל וואָלט איך געשטאָרבן פאַר דיר — גיט ער זי אַ הייב־אויף אין דער לופטן און לאָזט זיך מיט איר צום קאָרידאָרל, וואָס פירט אין די צימערן אַריין, טוליעט ער איין זיין פּנים אין איר בוזעם, קושט ער זי מיט דורשטיקער און אומגעשטילטער תאווה.

— נאָ, ניין, ביי גאָט, עס פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ. לאָז מיך אַראָפּ... ביי גאָט... — דריגעט זי מיט די נאַקעטע פיס.

— ניין! ניין! נאָ! אוי, גאָט אין הימל! גאָט מיין גאָט... אוי... — איז ווי פון דער ערד אַרויס אַרויסגעוואַקסן און שטיין געבליבן אין דעם קאָרידאָרל אַזאַ אויף טויט־איבערגעשראָקענער מענטש, ממש אין איין רגע צוזאַמענגעבראָכענער מענטש, ווי עס וואָלט זיך ווער אָנטקעגן אים פאַרמאָסטן מיט אַ שווערד איבער זיין קאָפּ, — שטייט דניאל, קאַטאַלינאַס מאַן — שטייט ער אַ טויט־בלאַסער און שרייט מיט אַ צעקרעמפּט אָפן מויל, שרייט ער און עס קוויטשעט אַרויס פון זיין קעל ווי פון אַ דורכגעשפּיזטן וואָלף, זענען זיינע ליפּן מאָמענטאַל פאַרגאַוועדט געוואָרן — קאַטאַלינאַ? אָסקאַר? אַ בראָך האָט מיך געטראָפן... — האַלט ער זיך קוים אויף די מאַכטלאָז געוואָרענע פיס, אַן אָנגעשפּאַרטער אין דער פינצטערלעכער קאָרידאָר־וואַנט.

אין איין סעקונדע איז שוין קאַטאַלינאַ געשטאַנען אויפן פאָל און אין נאָך אַ רגע אַרום איז זי שוין צוריק געווען אַ שטייף־איינגעהילטע און אַן אַרומגעגאַרטלטע אינעם באַד־מאַנטל; קאַטאַלינאַ האָט זיך מאָמענטאַל

אויסגעניכטערט, אַן דעם מינדסטן שפור פון תאווה אין פּנים און אַן דעם מינדסטן טראָפן שרעק אין די אויגן. אָסקאַר האָט אין די פּאָר רגעס באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן פונעם טישל דעם סיפאָן, געהאַלטן דאָס אין דער האַנט ווי אַ שוץ־וואָפן, געסאָפּעט שווער, האָט ער אַ צעחושטער אַריינגעקוקט אין קאָרידאָרל אַריין, געפינטלט מיט די אויגן און די שוואַרצאַפּלען זענען אים אומגעלאָפן ווי פאַרסמטע חיהלעך, האָט ער געפּאָכעט מיטן סיפאָן, געסאָפּעט און געציִשעט מיט פאַרקלעמטע ציינער:

— טשע, דניאל, וועסטו מיך אָנגרייפן — צעשמעטער איך דיר שוין דעם קאָפּ ווי אַ משוגענעם הונט! זאָלסט זיך היטן עפּעס צו טאָן וועמען! אָסקאַר ווייסט ווי אַזוי מען דאַרף זיך פאַרטיידיקן... — דראָעט ער אים אי מיטן סיפאָן און אי מיט דער פויסט.

— ניין, ער מיין מאַנעלע וועט גאָרנישט טאָן. דאָס איז דאָך דער אמתער פחדן... שטעל אַוועק דעם סיפאָן! — האָט זי אָסקאַרן באַפוילן, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אים און געבליקט צום מאַן מיט רציחה, האַס און עקל — קוק אים נאָר אָן מיין מאַן... — האָט זי מיט גאַליקן שפּאָט געטייטלט צו דניאלן מיט אַ פינגער.

דניאל האָט יאָמערלעך געהעשעט:

— אוי, ס'איז מיר שלעכט... מאַכט אַ סוף צו מיין לעבן... בעסער וואָלט מיך אַ טראַמוויי צעשמעטערט... ניין, גאָט! — האָט זיך דניאל געקאָרטשעט ווי אין גרויסע ווייטיקן און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט אַריין.

— שטילער, נישט געשריגן. שעם זיך אַביסל. דו, מאַנספּאַרשוין, פאַרמאַך דעם פּיסק! — האָט זיך קאַטאַלינאַ אַזאַ משוגע־צערייצטע פון די געשרייען צוגעשאַרט צום מאַן און אים אומדערוואַרט אַראָפּגעלאָזט אַ קלינגענדיקן פּאַטש אין פּנים אַריין, — אַט האָסטו דיר נאָך אַ צולאָג: טפו זאָלסטו ווערן, אויסוואורף — האָט זי אַריינגעשפּיגן אין זיין פּנים אַריין — עקלהאַפטיקער פחדן!

— סי, קאַטאַלינאַ, יאָ, איך האָב דאָס פאַרדינט! מאַך אַ סוף צו מיין לעבן! האָסט אומגעבראַכט דעם פאָטער פון דיין קינד... איך האָב שטענדיק געוווּסט, אַז דו ביסט פּעאיק אויף אַלץ! אַ שלאַנג ביסטו! זאָל דאָס וויסן די גאַנצע וועלט!... זאָל די גאַנצע וועלט וויסן פון מיין אומגליק! — האָט פון דניאלן אַרויסגעשריגן אַן אַ ברעקל חרפּה דאָס באַליידיקטע

מענעריש הארץ און ער האָט קוים געפּילט דעם פּאַטש און כמעט גאָר־
נישט געפילט דעם שפּיי. ער האָט געיאָמערט מיט געפאַלנקייט:

— איך האָב מיר דאָס גוט פאַרדינט. אַז איך האָב דיך באַזאָרגט
מיט אַזאַ שיינער שטוב און אַזאַ שיין לעבן, האָסטו געמוזט אַזוי טאָן...
האָב כאָטש רחמנות און דערהרגע מיך אינגאַנצן! — האָט ער שוין נישט
געקענט האַמעווען זיינע רייד און פאַרצווייפלט זיך געבראָכן די פינגער
פון די הענט.

די טירן־גלעקלעך האָבן זיך ווילד צעקלונגען. אינעם שכנישן דע־
פּאַרטאַמענט האָט זיך אָנגעהויבן רודערן. עמיצער האָט מיט אַ פויסט גע־
האַמערט אין אַ טיר אַריין. קאַטאַלינאַ איז שנעל צוגעלאָפן צו דער טיר.
מיט אַ שטאַרקן און אויסטערלישן כוח האָט זי אָפּגעשטופּט אָסקאַרן פון־
נעם וועג, געעפנט עטוואָס די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און גע־
שריגן זייער הויך, אַז אַלע שכנים זאָלן הערן:

— ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט, גאָרנישט! זייט אַלע אַזוי גוט און
באַלעסטיקט נישט! טוט אַ טובה און באַלעסטיקט נישט... ווי קוריעז עס
זענען די מענטשן פון דעם הויז... — האָט זי מיט אַ האַסטיקן טראַסק
פאַרקלאַפּט די טיר און האָט זיך אַ בייזע מיטאַמאָל אַוועקגעזעצט אויפן
שפּיץ־עק פונעם טישל. האָט זי פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און אָנגעהויבן
אַריינריידן אין קאָרידאָרל אַריין, צום מאַן:

— האָסט, מיין מאַן, געוואָלט האָבן דאָדעס? האָסט געוואָלט האָבן
דאָמינאָס? האָסט געוואָלט אַ שפּילעניש? — האָסטו פאַרגעסן אַז דו
האָסט אַ היים, אַ ווייב, אַ קינד... — אָט האָסטו איצט, קינדעלע דער
מאַמעס!... — האָט זי פאַרביסן די שיינע ציינדלעך מיט גאַליקן שפּאָט.

דניאל האָט שוין שטיל געוויינט און געהעשעט דאָרט אינעם קאָ־
רידאָרל און גאָרנישט געענטפערט און אָסקאַר האָט אַוועקגעשטעלט דעם
סיפאָן ביי זיינע פיס און געפרעגט מיט באַהאַלטענער מורא:

— קאָן איך שוין גיין? — האָט ער געקוקט מיט געבעט אין קאַטאַ־
לינאַס אויגן אַריין, אַז זי זאָל אים דערלויבן אַוועקגיין — האַ?

— ניין! — האָט קאַטאַלינאַ אויף אים בייז אַ קוק געטאָן און אויס־
געשטרעקט אַ נאַקעטע האַנט פון ברייט־אַרבלדיקן באָד־מאַנטל אַרויס
און אָנגעוויזן צום מאַן: — ער, דאָן דאַניעל, וועט שוין די מינוט אַוועק־
גיין פון דעם הויז! — האָט זי געקלאַפּט מיט די פויסטלעך אין טישל
אַריין.

אָסקאַר האָט זיך אַ נישט־ניחאדיקער אַוועקגעזעצט נעבן טישל און אַלץ נישט אַראָפּגענומען די בליקן פונעם סיפאָן וואָס איז שוין געשטאַנען אויפן פּאַל. אַ ווײַלע אין שטיל געוואָרן אין דער קיך. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישע שטילקייט, ווו יעדער פון די דריי מענטשן האָט אויף זיין אופן שווער און נערוועאיש געאָטעמט. באַלד האָט פונעם קאַרידאָרל ווידעראַמאָל אַרויסגעזעצט אַ מענעריש כליפּען. צום ערשטן האָט זיך עס אָנגעהויבן דורך אַ פאַרמאַכט מויל מיט פאַרקלעמטע ציינער און באַלד האָבן די ציינער זיך אויפגעקלעמט און דאָס שטילע געיאָמער האָט געזעגט אין דער לופט מיט ביטערן ווייטיק. דאָס איז געווען אַ ברוסטיק געוויין פון איינעם, וואָס האָט זיך געגעבן חשבון, אַז ער האָט מיט די אייגענע הענט אונטערגעצונדן און פאַרברענט אַ טײַערע זאַך, אַ חפץ, וואָס מען קאָן עס שוין פונעם ביסל אַש צוריק נישט גאַנץ מאַכן. אין דעם אָנגעפילטן חלל מיטן געיאָמער האָט קאַטאַלינאַ אַ גלײַכגילטיק קאַלטע, אַרויפגעקוקט צום סופיט אַ פאַרטראַכטע מיט אַן אייז־קאַלטן גלאַנץ אין די איצט גאָר העל־געוואָרענע ביר־אויגן; אָסקאַר האָט אָנגעהויבן פויקן מיט די פינגער אינעם טישל אַריין, האָט קאַטאַלינאַ אַ זײַטיקשאַרפן קוק געטאָן אויף אים, אַז ער האָט מאָמענטאַל אויפגעהערט פויקן און אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער האָט זיך היינט אַליין געגעבן אַ גוט־אויג; דאָס גוטע מזל האָט אים היינט פאַרלאָזן און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַן אומגליק אַריין... דער חנא, דער הינטישער זון — ער איז אין אַלצדינג שולדיק... און ער האָט דאָס בכיוון געטאָן! ער וועט שוין שפּײַען מיט בלוט! — האָט אָסקאַר געטראַכט מיט נקמה־געפיל און חנאס געשטאַלט האָט אים געשוועבט פאַר די אויגן — איך וועל אים צעטרעטן ווי אַ וואָרעם! — האָט אָסקאַר גאָר גענומען שטיל טופּען מיט די פיס.

אויפן קליינעם קיך־פענצטערל מיט די מאַטע שייבלעך, פאַרהאַנגענע מיט אַ קלאָר־ווייס וואַלן־פאַרהענגל האָט אויפגעפלאַמט אַ רויטלעכער אָפּשיין, אַ דרייעקל מיט זונען־שיין. אַ גאַנצן טאָג קומען די זונען־שטראַלן נישט צו צום קיך־פענצטערל, נאָר בלויז אין די פאַרנאַכטן פון מיטן זומער — ווען די זון נידערט אַראָפּ צום מערב־דרום זוים פון דער ריזיקער שטאָט — שיינט אַרויף אַביסל זון־שטראַלן אויפן פענצטערל; אָסקאַר האָט אָפּגעווענדט זיין בליק פונעם סיפאָן און געגאַפט אויפן פענצטערל. קאַטאַלינאַ האָט פאַרביסן געשוויגן און נישט אויפגעהערט דורכצושפּיזלען איר מאַן מיט גיפטיקע בליקן פון פאַראַכטונג, שנאה

און שפּאָט. באַלד האָט זי געכאַפּט אַ קוק צום ווייס־עמאַלירטן עלעק־טרישן זייגער איבער דער קיך, זיך איינגעהערט צום טיקען און עס האָט איר אויסגעוויזן, אַז דער גרויסער און בלוט־רויטער סעקונדע־ווייזער לויפט איצט אַ סך שנעלער איבערן ציפער־בלאַט; דניאל האָט אויפגע־הערט העשען. ער האָט אַ לאַנגן און טיפן זיפץ געטאָן און זיך פאַרקרעקט. קאַטאַלינאַ, דאָס ווייב, האָט דערפילט אין איר מאַנס זיפץ, אַז ער, דניאל, האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַזאַ זעלכן באַשלוס, אָט־ווי־ווען, ווען ער האָט פאַרשפּילט אַמאָל אַ היפּשע סומע אין אַ גרויסן „פּאָקער״־קאָן; אָפּטמאָל האָט ער אויך אַזאַ זיפץ געטאָן, ווען ער האָט איינגעהאַנדלט אַ פּאַרטיע שטיינער — בריליאַנטן — וואָס ער האָט אַמאָל איינגעהאַנדלט „כמעט אויף בלינד״... דניאל, דער בריליאַנטן־סוחר, האָט פיל מאָל אַרויסגערופן צו זיך, אין די סוחרישע געזעמלען, גרויס באַוווּנדערונג. מען האָט דניאלן געהאַלטן פאַר אַן איינשטעלער, אַ ריזיקאַנט... בלויז אינעם שפּילן איז ער געוואָרן אַ צעיאַכמערטער. ער האָט אָבער געקאָנט גוט פאַרשפּילן און גוט געווינען. לאַנג טראַכטן האָט דניאל נישט געקאָנט. איצט, אין דעם ממש אומגלויבלעכן אומגליק, וואָס האָט אים ווי שאַרפע קיזל־שטיינער געטראָפן אין קאָפּ אַריין, אין דער ברוסט אַריין, אינעם גאַנצן לייב־און־לעבן אַריין — האָט ער איצט, אַ שטיין־געבליבענער אין קאַרידאָרל פון זיין שטוב, געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט איצטער געשטאַנען ערגעץ אין אַ פינצטערער הייל, איז ער נאָך צו אַלע צרות אַריינגעטראָטן אין אַ טיפן זומפּ אַריין... און אפשר — האָט ער געטראַכט אין זיין פּיין — וואָלט שוין בעסער געווען, ווען דאָס איז אַן אמתער זומפּ — זאָל ער ווערן איינגעזונקען אויף אייביק און אומקומען! ער האָט זיך געשעמט און אויך נישט געוואָגט אַרויסצוקריכן פון דעם זומפּ אַרויס, פון דעם קאַ־רידאָרל אַרויס. ער, דניאל, האָט אפילו פאַרגעסן, אַז נעבן אים זענען פאַ־ראַן נאָך צוויי טירן — איינע, וואָס פירט אַריין אין שלאָפצימער און די צווייטע — אין עס־צימער אַריין; טאָקע די זעלבע טירן דורך וועלכע ער איז דערגאַנגען איצט, נאַר־וואָס, צו זיין אומגליק און אומקום...

נאָר די טירן הינטער אים האָט ער נישט באַמערקט און קיין וועג אויף צוריק האָט ער נישט געהאַט. אינעם צעחושטן קאָפּ האָבן זיך גע־מישט בילדער פון זיין חתונה־געהאַט־לעבן און אויך בילדער פון זיין לעבן ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל פון דרייצן־פערצן יאָר; אין די פאַרטערט־פאַרוויינטע אויגן, אינעם געזאַלצן געוואָרן מויל מיט בלוט,

טרערן און גאַוועד, האָט ער דערפילט און דערשמעקט יענעם שוין פון לאַנג אויסגעוועפּטן טעם און ריח פון דעם ווייסל־טייך, ביי די ברעגן פון וואַרשע: עס איז געווען אין אַ שבת אַ שפּעט־זומערדיקן; ער, דניאל, האָט דעמאָלט אָפּגענאַרט דעם טאַטן מיט דער מאַמען און געלאָפן צום טייך זיך באָדן. שווימען האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געקענט. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אַ נאַקעטער פונעם ברעג און מיט מורא און מיט ציטער־ניש געגאַנגען אַלץ טיפער אין וואַסער אַריין. דער גרונט אונטערן וואַסער ציט אים אַריין צו זיך אויף נישט אַרויסצולאָזן מער — ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט טויט־שרעק און מיטן גאַנצן כוח. מיט אַלע ייִנגלשע כּו־חות האָט ער זיך געריסן אויף צוריק צום ברעג, נאָר די כוואַליעס האָבן נישט געלאָזן אַז ער זאָל זיך צוריקקערן, האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט געוויין צום הימל איבער זיין קאָפּ: „מאַמע, מאַמע, שמע ישראל!" און ער האָט אַ שפּרונג געטאָן און — באַלד האָט אים דער זומפּ אָפּגעלאָזן און די כוואַליעס זענען שוין צוריק געווען ביי זיין נאָפּל...

און אַז ער האָט זיך געלאָזן צוריק צו דער יבשה האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אויף אים צו האָגלען מיט קליינע, שפּיציקע און שאַרפע קיזל־שטיינדלעך; די שטיינדלעך זענען אים געפלויגן אין קאָפּ אַריין, אין פּנים אַריין, אין דער ברוסט און אין די אָרעמס אַריין. ער האָט באַשיצט די אויגן, זיך פאַרשטעלט מיט די עלנבויגנס דאָס גאַנצע פּנים און דורך די פאַרזשמורעטע וויעס האָט ער דערזען ווי אויף דער יבשה שטייען אַ באַנדע שקצימלעך — האָבן זיי געשיפּעט, געוואָלדעוועט, געכיכיקעט, גע־שטשירעט מיט די מערדערישע צורות און געוואָלדעוועט אויפן פוילישן לשון: „מוכי... מוכי... מוכי פּאַליטישנעי!" — „פּאַליטישע פליגן" זענען דאָס... זיי, די ייִנגלעך, די שקצימלעך, מיט בלאָנדע און פלאַקסענע האָר, מיט גרינע שלאַנגע אויגן, געטובלטע מיט יעזוסעס הייליק קריסטלעך וואַסער, האָבן זיי אים, דניאלן, דעם יידישן ייִנגל, צוריק געוואָלט אַרייִנ־טרייבן אין זומפּיקן קעסל־גרוב אַריין... אָבער אין געציילטע רגעס איז ער שוין געשטאַנען אויף דער יבשה און אין אַ צווייטער רגע האָט ער באַוויזן פון דעם זאַמד־ברעג אַרויסצורייסן אַ שווערן שטיין, אַ באַוואַק־סענעם מיט מאָך — דאָס איז געווען דער שווערסטער שטיין, וואָס ער האָט אויפגעהויבן אין דער גאַנצער צייט וואָס ער לעבט ביז היינט צו טאָג — האָט ער, פּונקט ווי אַ שמשון הגיבור, אויפגעהויבן דעם שטיין הויך איבער זיין קאָפּ און זיך געלאָזן אויף די שקצים. די קליינע כולי־

גאַנטשיקעס זענען זיך צעלאָפן מיט פּחדנישן שרעק און עס איז אים אַנטקעגנגעלאָפן אַ געשטופּלטע שיקסע מיט אַ קאָפּ אָפּגעבליאַקעוועטע, אָפּגעצוואָגענע האָר, ווי אַ פאַררעגנט־פאַרנעצטער פערדישער עק; אַזאַ פּיטש־נאַסע, וואָס זי האָט זיך געבאָדן דאָ נישט ווייט, אין אַ געל־לייוונט העמד — האָט די מויד פאַרבראָכן מיט רחמנות די הענט און ווילד גע־שריגן מיט אַזעלכע אויפגעריסענע אויגן פון התפעלות, באַוואונדערונג און באַדויערונג: „יאַק דזשעלני יעסטעש, כלאָפּטשיקו קאָכאַני!"*) האָט זי מיטן זוים פון איר העמד אים אָרומגעווישט דאָס בלוט פון זיין פּנים, פון דער ברוסט און פונעם גאַנצן לייב. די שיקסע האָט אים נאָך געוואָלט אויסווישן די טרערן פון די אויגן, האָט ער נישט געלאָזט, און —

און איצט? ווער וועט אים איצטער אויסווישן די טרערן פון די אויגן און אָפּווישן דאָס בלוט פון פּנים? איצט האָט ער נישט קיינעם אויף דער וועלט וואָס זאָל עס טאָן. מיגעליטאָ איז נאָך אַזוי קליין... אָ, איצט זעט ער איין, אַז פון חלומות טאָר מען נישט לאַכן! מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט ער געהאַט אַ חלום, אַז זיין קאַטאַלינאַ, זיין ווייב זיצט אויף די קניען פון אַ פעד־שוואַרצן נעגער, אַזאַ שוואַרצער און ריזיקער גלית, און אין איינעם פון זיינע גרויסן נאַזלעכער האָט אים געשטעקט אַ בלוט־רויטע רויז; איז געזעסן זיין ווייבעלע אויף דער שויס פון דעם שוואַרצן ריז און האָט געקושט דעם שוואַרצן מאַנספּאַרשוין אין די גראָבע ליפּן אַריין מיט איר גאַנצער ווייבערשער תאווה, האָט זי אים געביסן אין די קאַנטיקע אַקסלען אַריין... איז עס דאָך טאַקע געוועזן אמת, גאָט אין הימל! נאָר ער פאַרשטייט נישט וואָס דעמאָלט אין יענעם חלום איז ער גאָרנישט בייז געווען אויף קאַטאַלינאַן. עס האָט אין אים נישט געברענט קיין שום אייפערזוכט און ער האָט נישט אויפגעהויבן די הענט ווען צו וועלן שלאָגן... נאָר ווען האָט דען געקענט איינפאַלן, אַז דער, דער נעגער פונעם חלום זאָל דאָס זיין אָסקאַר, דער זעלבער אָסקאַר, אָט דער חבר, אָט דער פאַרשיוועער הונט, דער אומגעטרייער הונט, וועמען ער, דניאל האָט געהאָלפן און געמאַכט פאַר אַ סוחר און אַריינגעפירט אין בריליאַנטן מסחר, אים אויסגעלערנט האַלטן אַ שטיינדל אין די הענט... געהאָלפן אים זיך שטעלן אויף די פיס און ווערן אַ לייט... נאָר ס'מאַכט נישט, עס וועט שוין גוט זיין! דער אָסקאַר מעג זיך שוין באַצייטנס אָפּ־

---

*) ווי העלדיש דו ביסט, יינגל ליבערן

געזעגענען מיטן ברילׅיאַנטן מסחר. די יידישע ברילׅיאַנטן־סוחרים זענען זייער ערלעכע און אפילו פרומע לייט און זיי מאַכן נישט קיין געשעפטן מיט אויסוואורפן און זשוליקעס. זי, קאַטאַלינאַ, וועט ביי אים, ביי איר געליבטן, קיין האַניק נישט לעקן! אַזאַ זיס לעבן איז דאָך קיין מאָל צווישן אים און קאַטאַלינאַן נישט געווען. וויפל נעכט אין זייער פאַרהייראַט לעבן, זענען זיי געליגן איינס נעבן אַנדערן אָן שום באַגער און אָן רייץ... וויפל מאָל האָט געטראָפן, אַז אַזוי נאָענט, ביי דער זייט פון זיין ווייב, אין גרויסן און ברייטן בעט, האָט ער, יאָ ער, דניאל, געחלומט און גע־גאַרט נאָך יענער נעלידאַ, דאָס נישט־יידישע סעניאָריטעלע... ער האָט נעלידאַן געגעבן אַ נישטיקע מתנה, אַ שטיינדל אַ קליינס — האָט דאָס געהאַט מער קוילן ווי וואָס עס איז — האָט אים נעלידאַ אַזוי אָנגעצונדן דאָס בלוט... אַ שאָד, וואָס נעלידאַ האָט שוין פון לאַנג חתונה געהאַט. ער וואָלט זי נאָך היינט אויפגעזוכט... זאָל די וועלט זען צו וואָס מען האָט אים דערפירט, צו דעם וואָס קאַטאַלינאַ האָט אים דערפירט — זי די אומגעטרייע, די... צעברעכן זיך די פיס געמעגט, איידער ער איז צום ערשטן מאָל אַריין צו איר טאַטן, דאָן סימאָן, דער זייגערמאַכער, דער אַלטער שווינדלער, דער גנב, דער אַלטער בעל־עברהניק, דער הונט אָן ציינער... — טפו זאָל ער ווערן! — גיט דניאל, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַ שפּיי אויס אויפן דיל פון זיין אייגענער שטוב, טפו...

דאָס ביסעלע זונענשיין האָט אויסגעברענט אויפן פענצטער פאַר־האַנגל. שוואַרצע שאָטנס צעלייגן זיך איבערן קיך־צימער. נאָר אויף די שייבלעך גרויעט נאָך אַביסעלע ליכטיקייט — דער לעצטער רעשט פון אַ פאַרשווונדענעם טאָג. אַלדאָס ווייסע אין דעם קיך־צימער ווערט אַש־גרוי, פאַרשאָטנט און פאַרטונקלט.

דניאל גיט זיך ראַפּטום אַ לאָז אַריין אין דעם קיך־צימער און פאַלט צו צום מעשענעם וואַסער־קראַן, בויגט ער אָן דעם קאָפּ, לייגט צו דאָס מויל און הייבט אָן דורשטיק צו טרינקען. אָסקאַר און קאַטאַלינאַ שפּרינ־גען אויף קאַמפּס־גרייטע און לויערנדיקע, דערוועקט זיך אין זיי אַ חשד, אַז דניאל וועט זיך באַלד וואַרפן אויף זיי מיט אַלע זיינע כוחות... נאָר דניאל זויפט דאָס וואַסער ווי אַ דורשטיקער פון אַ מדבר אַרויס: עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז דניאל וועט שוין קיינמאָל נישט שטילן דעם דורשט, אָדער אפשר וויל ער זיך דערטרינקען? קאַטאַלינאַ, שוין פון לאַנג אַן אָפּגעטריקנטע, גיט אַ קוועטש אויף דאָס עלעקטרישע ליכט און זעצט

זיך שוין אַוועק אויף אַ בענקעלע אַנטקעגן איר געליבטן און אָסקאַר גיט זיך אַ שטעל אויף און שפּאַרט אָן די פּלייצע אין דער טיר פון עלעקטרישן אייז־קאַסטן און קוקט שוין זיכער אויפן סופיט. אָסקאַר טוט זיך אָן אַ סך כוח נישט צו גענעצן, ווייל עס פּייניקט אים שוין זייער לאַנג אַ שווער־רע מידקייט. ער וואָלט איצט אַוועקגעגעבן אַ בריליאַנטל, אַ שטיינדל, מען זאָל אים לאָזן אַוועקגיין פון דעם הויז און ער זאָל קענען כאַפּן אַ דרימל...

און דניאל טרינקט און טרינקט. מען הערט ווי דאָס וואַסער פּליצט אַריין אין זיין מויל אַריין, בלייבט שטיין אַ ווײַלע אין מויל און לאָזט זיך אַראָפּ דורך דער קעל אין האַלדז אַריין. ענדלעך, ענדלעך, גיט זיך דניאל אַ דריי אויס מיטן פּנים צו זיין ווייב און איר געליבטן און — עס איז שוין נישט דער זעלבער דניאל, וואָס פון אַ שעה צוריק: עס שטייט אַ געבראָכענער מענטש מיט פאַרוויינטע אויגן, מיט טרערן און בלוט אָנגעלאָפענע אויגן און מיט גרויסע טרערן־זעק אונטער די וויעס; די דיקע ליפּן ציטערן ווי פון קעלט און די דיקע און שיינע, קאַשטאַן־קאָלירטע וואָנסעס, זענען די וואָנסעס־האָר אויפגעשטעלט און צעשויבערט, ווי די האָר אויף דער האַריקער פּעל פון אַ געפּייניקטער אַנגאָראַ־קאַץ; זיין ברייטע געשנאָבלטע נאָז איז אויפגעשווילט און פאַרבלוטיקט און דער נידעריקער שטערן אַ געקאַרבטער מיט טיפע קנייטשן; דער קאָלנער פון זיין העמד, דאָס ווייס־געפּרעסטע העמד מיטן העל־בלויען קראַוואַט איז פאַרפלעקט מיט רויטע בלוט־טראָפּנס. זיין העל־גרוי זומערדיק אַלפּאַקן־אַנצוג איז צעקנייטשט און צעקנאָדערט, ווי מען וואָלט דאָס מלבוש קיינ־מאָל נישט אויסגעפּרעסט. זיין אַביסל געהויקערטע פּלייצע איז שמאָלער און איינגעהויקערטער געוואָרן און זיינע קאַנטיקע אַקסלען זענען ווי מיט־אַמאָל אַראָפּגעדריקט געוואָרן דורך אַ פּאָר מעכטיקע נישט־געזעענע הענט — הייבט דניאל אויף אַ פּאָר ווייסע הענט, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט אין זיך קיין טראָפּן בלוט — אַזעלכע אַלטע, אַדערדיקע, קאַנוול־סיוו־ציטערדיקע הענט — לייגט ער צו די הענט צו זיינע שלייפן און זאָגט צו אָסקאַרן מיט אַ הייזעריק, פרעמד און געענדערט קול:

— סעניאָר, דאָן אָסקאַר, דאָס האָסו מיר אָפּגעצאָלט פאַר אַלץ, פאַרן שלעכטס, וואָס איך האָב דיר אַלע יאָרן געטאָן?... ווען דו ביסט געקומען אָן הויזן קיין בוענאָס איירעס, האָב איך דיר שלעכט געהאָלפן...

האָז דײַנע פונדיקעס, דײַנע גאָוטשאָס, באַצאָלן אויך אַזוי, האָז גוט, זײער גוט! בעסער האָסטו מיר נישט געקענט באַצאָלן האָז!

אָסקאַר ענטפערט נישט, קוקט איבער דניאלס קאָפּ אַריבער און פאַרזשמורעט די אויגן. דניאל שטרעקט אויס אַ האַנט און רעדט ווײַטער:

— אוודאי, איך וואָלט איצט דיר געדאַרפט באַצאָלן, ווי עס באַצאָלט אַ שפּאַניער, אַן איטאַליענער, אַ גאַוטש... בין איך דאָך אַ „רוסאָ", אַ ייד... — האָב איך נישט קיין האַרץ צו דעם און האָב נישט קיין בלוט אויף דעם... קוק מיך כאָטש גוט אָן... — צענעמט דניאל בײדע הענט, ווי אַ פויגל צענעמט די פליגל — קראַנקע פאַרווונדעטע פליגל — פאַרלייגט דניאל דעם קאָפּ אויף אַ זייט, זעט ער שוין אויס ווי אַ מענטש, וואָס איז אין שנעלן פאַרן אַראָפּגעפאַלן פון אַ וואָגן און איז אויפגעשטאַנען פונעם אַראָפּפאַל מיט צעבראָכענע גלידער, פאַרקרעקט זיך זײַן קול — קוק מיך גוט אָן ברודערקע, אָסקאַרסיטאָ... — בלײַבן אים שטיין אײַנגעפאַסט צוויי גרויסע טרערן ווי גרויסע בריליאַנטן אין די אויגן־ווינקלען.

— זי, קאַטאַלינאַ, וואָלט שוין סײַ־ווי־סײַ מיט דיר לאַנג נישט געלעבט אונטער איין דאַך. — גיט אָסקאַר אַ צי־אײַן די אַקסלען און פאַרפרעסט די ליפּן מיט פאַראַכטונג און גלייכגילטיקייט — אַט זאָל זי דיר אַליין זאָגן... — טײַטלט ער צו קאַטאַלינאַן און ווענדט אָפּ די בליקן פון דניאלס פּנים.

— אמת! איך שווער בײַ גאָט! בעסער וועל איך אַוועקגיין און לעבן מיט אַ מיסטקלײַבער, מיט אַ נעגער אפילו — נאָר מיט דיר אונטער איין דאַך וועל איך מער נישט זײַן! — גיט קאַטאַלינאַ אַ געשריי אַרויס מיטן גאַנצן שוין פון יאָרן אָנגעזאַמלטן האַס, ווייטיק און עקל — איך וואָלט בעסער געוואָרן אײנע פון די אויסגעלאַסענע... נאָר מיט דיר, דניאל, נישט! ווען אפילו מען זאָל מיר געבן אַלע רײַכטימער פון דער וועלט...

— פאַרקריצט זי מיט פרעכקייט די ווייס־פּערלדיקע צײנדלעך און עס גיט איר אַ באַפאַל אַ קאַלטער שוידער און אַ ציטערניש פון אויפרעגונג. הילט זי זיך ענגער אײַן אין איר באָד־מאַנטל — דו, אויסוואורף, עקלהאָפּטיקער אַזאַרט־שפּילער!

— דיר, נאָר דיר דאַנק איך פאַר אַלץ, פאַר אַלע גוטע זאַכן וואָס דו האָסט מיר געטאָן און פאַר אַלע גוטע ווערטער וואָס איך הער פון דיר...
— ענטפערט דניאל אָסקאַרן, ווי אָסקאַר וואָלט גאָר צו אים גערעדט

און נישט קאַטאַלינאַ, זיין פרוי — קוקט ער אפילו נישט אין איר זייט אַריין, ווי זי וואָלט צו אים נישט גערעדט און ווי זי וואָלט איצט נישט געווען אין קיך־צימער.

— באַסטאַ, גענוג! — גיט אַסקאַר אַ טופּע מיטן פוס אַ צערייצטער מיט חוצפּה און צביעות — טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! צי בין איך שולדיק וואָס דו האָסט זיך שלעכט אויסגעבעט דיין געלעגער? בין איך שולדיק וואָס קאַטאַלינאַ האָט דיך מער נישט ליב? טשע, דו, לאָז מיך צורו, באַס־טאַ! — נעמט ער זיך קאָרטשען אויפן בענקל ווי ער וואָלט געזעסן אויף שפּילקעס.

— גוט, זייער גוט, אַסקאַרסיטאָ. איצטער ווייס איך, אַז דו ביסט נעבעך נישט שולדיק... גוט, טייערער פריינט — ענטפערט דניאל מיט גאַליקן שפּאָט, דרייט ער אויס דעם קאָפּ צום ווייב, זאָגט ער צו איר שוין שטילער, מיט אַ ווייך און ממש צאַרט קול — מאָרגן — געדענקט ער נישט אין זיין צערודערטקייט אַז מאָרגן איז שבת — שוין, מאָרגן, גטן מיר זיך. גוט אַזוי? — שטעלט ער אָן אויף איר דאָס פּנים מיט דער אָנגע־שוואָלענער רויטער נאָז.

— גוט אַזוי. ביסט אָן אמתער קאַוואַליר! גראַסיאַס, אַ דאַנק דיר, דניאל... — לויכטן אויף אירע אויגן מיט האָפענונג און פריידיקער אי־בערראַשונג, כאַפּט זי אַ זייטיקן קוק אויפן געליבטן.

— און וואָס וועט איצטער זיין מיט אונדזער קינד, מיט אונדזער מיגעליטאָן? — גיט זיך ביי דניאלן אַ צעגאָווער דאָס מויל.

— מיגעליטאָ? דו ביסט זיין טאַטע און איך בין זיין מאַמע!... אָרעם קינדעלע מיינס, אוצרל... — נידערט ביי קאַטאַלינאַן אַראָפּ דאָס קול אין איר קעל אַריין, ווערן איר די אויגן גלאַנציק פאַרנעפּלט, הייבט איר בר־זעם זיך אָן צו הייבן, ווי כוואַליעס וואָלטן אויפגעפּלייצט און אָפּגע־פּלייצט אונטער אירע ברוסטן, ווערט איר פּנים אַלבאַסטער בלאַס און איר אַביסל פאַררייסן נעזל ווערט דין אויסגעשאַרפט, זאָגט זי מיט האַרץ — איך בין טאַקע, וואָס איך בין! נאָר אַ טאַטן פון זיין קינד וועל איך נישט פאַרטרייבן... דער טאַטע וועט קענען זען זיין מיגעליטאָ, ווען נאָר זיין האַרץ וועט גלוסטן... אַביסל וועט מיגעליטאָ זיין מיט דער מאַמען און אַביסל מיט זיין טאַטן... און, און — האָט זי נישט פאַרענדיקט די פראַזע, ווייל אַ שאַרפער און לאַנגער קלונג האָט זיך אַריינגעשניטן אין אירע ווערטער אַריין.

— מיגעליטאַ איז שוין געקומען פונעם שפּאַציר! — האָט ז'ניאַל אַנגעשטעלט די בליקן אויף דער טיר.

— איך, איך וועל עפענען. — האָט זיך קאַטאַלינאַ אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און אַ דריי געטאָן דעם שלאָס — פּעפּיטאַ איז שוין געקומען מיטן קינד — האָט קאַטאַלינאַ אויפגעפּראַלט די טיר.

אין דער ראַם פון דער טיר, אויף דער שוועל, זענען שטיין געבליבן פּעפּיטאַ, דאָס זעכצן־יאָריקע דינסטמיידל, און דער קליינער זעקס־יאָריקער מיגעליטאָ איז געזעסן אויף זיין נידעריק ביציקלעטל מיט די קליינע רעדלעך און רויטלעכע גומענע לופט־רייפן; דאָס ייִנגעלע האָט אַראָפּגעבויגן זיין קעפּל מיט די קאַשטאַן־קאָלירטע און גלאַנציקע האָר און נעט־פּאַרקעמטן שרונטל אויף אַ זייט — האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבערן ביציקלעטן־רודער און אַריינגעבליקט אין דער קיך אַריין מיט זיין קינדערשן פאַרגעפיל און אויפגעטויכטן אומרו.

אין איין רגע האָט מיגעליטאָ באַמערקט ווי די מאַמע איז אַרומגעהילט אין איר באָד־מאַנטל און שטייט מיט נאַקעט־באָרוועסע פיס אויפן דיל; מיגעליטאָס שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אַנגעשפּיגלט אין דעם פרעמדן סעניאָר אָסקאַר, דער מענטש מיטן פאַלשן און שלעכטן פּנים, אויף וועמען ער איז שוין פון לאַנג אייפערזיכטיק און בייז, ווייל ער האָט אַ סך מאָל באַמערקט, אַז ווען די מאַמיטאַ איז מיט אים געגאַנגען זוכן צום קאַפע־הויז דעם פּאַפּיטאַ, איז ער תמיד אויסגעוואַקסן און די מאַמע האָט צו דעם מאַן געשמייכלט מיט אַזאַ ליבן שמייכל, אַז פון דער מאַמיטאַס שמייכל איז ער שטענדיק בייז געוואָרן און שפּעטער נישט געוואָלט טרינקען די מילך... און באַלד שפּיגלט זיך אין מיגעליטאָס שוואַרצאַפּלען אָפּ דער פּאַפּיטאַ, ער שטייט ווי אַ פרעמדערביים וואַסער־קראַן, ווי אַ געשלאָגענער, מיט אַזעלכע פאַרוויינטע אויגן, צעשויבערטן קאָפּ האָר און אויפגעשוואָלענע רויטע נאָז — יאָ, דער שלעכטער סעניאָר האָט זיכער געשלאָגן דעם טאַטן, דעם פּאַפּיטאַ!.. אין איינציק געציילטע רגעס איז ביים קינד, ביי מיגעליטאָן געבליבן הענגען צו איינציקע און גרויסע בריליאַנטן, גרויסע קרישטאָלענע טרערן אויף די לאַנגע און טונקעלע וויעס און טראָפּעלעך שוויס האָבן דעם קינד אַרויסגעזעצט אויפן שיינעם און הויכן שטערנדל — ווי דער מאַמעס שטערן, — איז דאָס קינד מאָמענטאַל דערשיטערט געוואָרן און אַנגעהויבן צאַפּלען: דאָס קליינע קינדערשע הערצל, דאָס קינדערשע מוחל און דאָס זעקס־יאָריקע נשמהלע האָט

אויפגעכאַפּט און אויפגעגרוילט, דערפילט אין זיך יענע קלעפּ, וואָס זיין פאָטער, זיין פּאַפּיטאַ האָט באַקומען, וואָס מען האָט אים איצט געשלאָגן... זיין, מיגעליטאָס טאַטע, דער ריזיק־שטאַרקער טאַטע איז געשלאָגן געוואָרן און ער שטייט אַ הילפלאָזער און שוואַכער, שוואַך ווי אַ קליין קינד — איז מיגעליטאַ אַראָפּגעשפּרונגען פונעם ביציקלעטל, צוגעשפּרונגען צום פאָטער, אים אַרומגעכאַפּט און זיך אַרומגעקלאַמערט אינעם טאַטנס פיס, איינגעגנורעט דאָס קעפּל צווישן פאָטערס קניען און דיכן — האָט מיגעליטאַ אָנגעהויבן יאָמערלעך צו שרייען, צאַפּלען און טופּען מיט די פיסלעך:

— פּאַפּאַ, פּאַפּיטאַ ליבער... פּאַפּיטאַ שיינער... פאַרוואָס האָסטו דיך געלאָזט שלאָגן, פּאַפּאַ? — האָט דאָס קינד אים געקושט אין די הויזן, אין די דיכן אַריין — שלאָג צוריק! שלאָג אים! — האָט מיגעליטאַ געיאָמערט און געצאַפּלט מיט קינדערשן געבעט און באַפעל.

— קיינער, קיינער האָט נישט געשלאָגן דיין פּאַפּיטאַ. קיינער האָט אים קיין שלעכטס נישט געטאָן, נאַרעלע, אוצרל מיינס — האָט די מוטער געוואָלט אַפּרייסן דאָס זונדעלע פונעם פאָטער — שריי נישט אַזוי, נאַרעלע... — האָט קאַטאַלינאַ אַ גלעט געטאָן איר קינד איבערן קעפּל, איז איר דאָס קול אַרויס האַרט־גרילציק, אָן אַ שום ביסל מאַמישער צאַרטקייט.

— אַוועק, שלעכטע... ריר מיך נישט אָן... נאַדיר! — האָט זיך מיגעליטאַ האַסטיק אויסגעדרייט צו דער מוטער און אין איין קלאַפּ מיט זיינע ביידע הענטלעך איר דערלאַנגט מיטן גאַנצן כוח אַ פּראַסק איבער דער האַנט און שנעל צוגעלאָפן צו פּעפּיטאָן, דאָס דינסטמיידל, האָט ער זי אָנגעהויבן רייסן ביים קליידל אַזאַ צעווילדעוועטער, ווי דעמאָלט פאַראַיאָרן, ווען ער איז קראַנק געווען און געהאַט פערציק גראַד היץ, האָט ער געוואָלט אַראָפּגיין פונעם בעטל און די מאַמיטאַ און דער פּאַפּיטאַ האָבן אים צוגעהאַלטן — קוויטשעט ער מיט אַלע זיינע כוחות און מיט אַ הענטל וויזט ער אָן אויפן מאָדנעם גאַסט, אויף אָסקאַרן, וואָס זיצט ווי פאַרגליווערט.

— וואַרף אים, פּעפּיטאַ, וואַרף אים אַרויס פון דאַנען! שליידער אַרויס פון אונדזער שטוב דעם שלעכטן מענטשן... וואַרף אים אַרויס פון אונדזער שטוב! — באַפעלט ער דעם דינסטמיידל און טופּעט מיט די פיס. זי, פּעפּאַ, די אומדערשראָקענע און געוואַגטע, פון דאָרט, פון די

קאַרדאַבער בערג, האָט די פּעפּאַ פאַר קיינעם קיין מורא נישט... און אַז זי שפּאַצירט מיט אים, מיט מיגעליטאָן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, גענענט זי גאָר נאָענט צו די שטייגן פון די לייבן, טיגערן און בערן... און אַז די וועכטער זענען נישטאָ, קריכט פּעפּאַ פלינק אַריבער די פּאַרצוי־מונגען און שטעקט אַריין אָן מורא אַ פינגער צו די חיות אין די געקראַ־טעוועטע שטייגן אַריין... פּעפּאַ קען קלעטערן אויף הויכע בערג, שווימען אונטערן וואַסער, רייטן אויף נישט געצוימטע פערד און — אַז זי שפּאַ־צירט איבער די בוענאָס איירעסער גאַסן, ענטפערט זי אָפּ אַ געוואַגטע אַלע יונגען און מענער וועלכע פּאַרטשעפּען זיך מיט איר. אָ, פּעפּיטאַ איז שטאַרק און העלדיש! מיגעליטאָ ווייסט דאָס! ער האָט אַ סך מאָל באַוווּנדערט אירע העלדישקייטן, צאַפּלט זיך דאָס קינד מיט ווייסן שוים אויף די ליפּלעך:

— שלאָג אים! וואַרף אים אַרויס פון שטוב! — טופּעט מיגעליטאָ מיט די פיסלעך און זיינע אויגן ברענען מיט ווילדער משוגעת פון שנאה.

— איך וועל שוין גיין. איך גיי שוין... — שטעלט זיך אויף אָסקאַר פונעם אָרט אַזאַ דערפרייטער און דערלייזטער, וואָס ער האָט שוין אַ גע־לעגנהייט אַרויסצוקריכן פון דעם טומל אַרויס, גיט ער אַ קוק צו קאַטאַ־לינאַן, צי זי דערלויבט אים אַוועקצוגיין.

— גיי, גיי. גוט, קאָנסט גיין. — גיט אים קאַטאַלינאַ אַ טיפן קוק אַריין אין די אויגן און ווענדט שנעל אָפּ דעם בליק.

— גייט, סעניאָר, גייט! אַ בליץ זאָל אייך צעשפּאַלטן! — גיט פּע־פּיטאַ אַ פּראַל־אויף די טיר מיט אַ טראַסק, גיט זי אַ ווילדן בליץ־אַריין מיט אירע קויל־שוואַרצע אויגן אין אָסקאַרס פּנים אַריין, ווערט איר גע־זיכט פון מילך־קאַווע קאָליר אַזש גרוי, פּאַרקריצט זי מיט די שיינע ציין — מיסעראַבלע! — בייגט זי צו נאָענט דעם קאָפּ צו דעם שלעכטן גאַסט ווי צו די ווילדע חיות אין די שטייגן דאָרט אינעם זאָאָלאָגישן גאָרטן.

אָסקאַר גיט אַ שנעלן און פּחדנישן שפּרייז דורך, שפּאַנט אַריבער מיט זיינע לאַנגע פיס איבערן קינדס ביציקלעטל, וואָס ליגט אויפן וועג ביי דער שוועל. פּעפּיטאַ גיט נאָכן אַרויסגעגאַנגענעם אַזאַ הילכיקן פּאַר־קלאַפּ מיט דער טיר, אַז די שייבלעך אינעם פענצטערל און דאָס גאַנצע קיך־געשיר אין דער קיך־שאַפּקע הייבן אָן ציטערן און וויברירן מיט גע־רויש און זשום ווי נאָכגעלאָזטע סטרונעס.

— טשע, דו, ראַצערן, וואָס האָסטו געטאָן? — גיט קאַטאַלינאַ מיט דראַאונג אַ טריט צו נענטער צו איר דינסטמיידל.

— וואָס דו זעסט, ליבינקע — „דוצט״ שוין אויך פּעפּיטאַ איר באַ־לעבאָסטע מיט חוצפּה און אַרויסרוף און פאַרלייגט אַ דעצידירטע די הענט נעבן אירע אָפּשטייענדיקע ברוסטלעך — איך בלייב דאָ נישט, מיט דיר, קיין איין מינוט מער! אוצרל דער מאַמעס... הייליק ווייבעלע... — לאַכט פּעפּיטאַ מיט פאַראַכטונג דער באַלעבאָסטע אין די אויגן אַריין, הייבט זיך אָן אויף איר ביוסטל צו הייבן דאָס גאָלדענע צלמל, ווי אַ שיפל אויף אומרואיקע כוואַליעס.

קאַטאַלינאַ פאַרביילט אַ פויסט און מעסט אָפּ מיט אַנטוישונג און פאַרווירונג איר דינסטמיידל, ווערט זי איצט באַגאָסן מיט אַ רויטקייט. טראָגט זי צו די פויסט צו אירע ליפּן און גיט זיך אַ ביס. באַלד גיט זי אַ שפּיי צו פּעפּיטאָס פיס און לאָזט זיך שנעל אַריינגיין דורכן קאָרי־דאָרל צו זיך אין שלאָפצימער אַריין, שרייט זי פון דאָרטן אַרויס ווי מיט אַ געבריל: — אומדאַנקבאַרע! פאַלשע צויג! אַרויס פון מיין שטוב! — גיט זי דאָרטן אַ פאַרקלאַפּ מיט דער טיר.

פּעפּיטאַ פאַרביילט די פויסטן און שווייגט אָפּ. מיגעליטאַ גיט זיך אַ וואָרף צום פאָטער, ציט זיך אַרויף אויף זיין ברוסט און טוליעט צו זיין פּנימל צום טאַטנס באַק. מיט די שפּיצן פינגערלעך באַטאַפּט ער דעם טאַטנס נאָז, די ליפּן; ער פאַרקעמט מיט אַ פינגערל דעם פּאַפּיטאָס וואָנסעס און קוקט אַריין פאַרשנדיק און אומרואיק אין טאַטנס רויט־פאַרוויינטע אויגן אַריין — העשעט נאָך מיגעליטאַ מיט אַ שנעלן און שווערן אָטעם.

דריקט אים דער פאָטער צו צו דער ברוסט, וואַכט ער אויף פון זיין דערשלאָגנקייט און פאַרשטאַרטקייט, הייבט ער אָן צו קושן זיין זונדעלע אין די הענטלעך אַריין און אַ שמייכל שוועבט אַרויף אויף זיינע ליפּן צו־זאַמען מיט אַ פרישן געוויין, וואָס פּלייצט אָן אין אים ווי פון אַן אויפגע־גראָבענעם קוואַל — ראַנגלט זיך דניאל מיט אַלע זיינע כוחות נישט מצער צו זיין זיין קינד מיט געוויין און טרערן, גיט ער דעם קינד אַ צאַרט־טאַטישן קוש אין נעזל אַריין:

— מיגעליטאַ, שיין פּנימל מיינס... ניין, קאַפּיטאַן מיגעליטאַ, שוין מאָרגן, קאַפּיטאַן מיינער, קויף איך דיר אַ גרויסע און אמתע שיף, וועלן מיר פאָרן אויפן ים און דו וועסט מאַנעווורירן ביים רודער... ווילסט? —

קושט אים דער פאָטער זאַפטיק און הייס אין די אייגעלעך אַריין און זעצט זיך אַוועק ביים טישל מיט מיגעליטאַן אויף דער שויס.

— אָרעמער, אומגליקלעכער דאָן דאַניעל... — צעשלוכצט זיך פלור־צים פעפּיטאַ און בלייבט זיצן אויפן זעלביקן אָרט, ווו עס איז פריער געזעסן דער אָסקאַר. — ווי נאָבל און איידל דו ביסט, קינד — קוקט פע־פּיטאַ מיט פאַרטערטע אויגן און מיט באַוואונדערונג אויף מיגעליטאַן.

— און דו ביסט דאָס נאָבלסטע מיידל אויף דער וועלט! — לאָזט דניאל אַראָפּ מיגעליטאַן פון זיינע קניען, שטייט ער האַסטיק אויף און גענענט צו זיין דינסטמיידל, בייגט ער זיך אָן און גיט איר אַ קוש אין קאָפּ אַריין — ביסט ווערט מער ווי אַלע בריליאַנטן אויף דער וועלט!
— גיט ער איר נאָך פאַר אַ צולאָג אַ גלעט איבערן קאָפּ מיטביידע הענט.

— איך קען דאָ, דאָן דאַניעל, נישט בלייבן מער אין דעם הויז. — פאַרקוקט זיך דאָס מיידל אַ פאַרזאָרגט־געוואָרענע אויפן עלעקטרישן לעמפל אויפן סופיט, זאָגט זי שטיל: — איך וויל איר זאָלט מיך אָפּפירן קיין בעלגראַנאַ צו מיין מומע. איך וועל גיין איינפּאַקן מיינע זאַכן — לאָזט זי אַראָפּ דעם בליק אויפן דיל.

— ניין, פּאַפּאַ, פּאַפּיטאַ. — נעמט מיגעליטאַ ציען דעם פאָטער ביים קראַוואַט — בעט פעפּיטאַן, אַז זי זאָל נישט אַוועקגיין, — גיט מי־געליטאַ פלינק אַ לויף און שפּאַרט אָן דאָס שמאָלע פּלייצעלע אין דער טיר — איך וועל נישט לאָזן.

— ניין, מיגעליטאַ. איך מוז גיין פונדאַנען. — דרייט אויס פעפּי־טאַ אַ מעלאַנכאָליש און דעצידירט פּנים צום קינד.

— וועסט נישט קענען לעבן אָן מיר, וועסט זען! — האָסטו מיר אַזוי געזאָגט, געדענקסט? — דראָעט מיגעליטאַ מיט אַ פינגערל אין פע־פּיטאַס אויגן אַריין, שמייכלט מיטן לויטערן קינדערשן שמייכל און עס קומען אים צוריק אויף די פון שרעק־אַנטלאָפענע חן־גריבעלעך אין די בעקעלעך און אין דער גאָמבעטשקע, קלינגט שוין זיין שטימעלע ווי אַ זילבערן גלעקל — וועסט נישט קענען לעבן אָן מיר. איך פאַרזיכער דיר, אַז וועסט נישט קענען. ניין! אמת?

— אוודאי, אוודאי, וועסט נישט קענען. איך בין זיכער אַז וועסט נישט קענען... מיגעליטאַ האָט געזאָגט אָן אמת! — שמייכלט טרויעריק און צעווייטיקט דניאל, גיט ער צו פעפּיטאַן אַ שנעל־גנבהשן ווונק מיט

אַן אויג, בעט ער ביים דינסטמיידל, אַז זי זאָל נאָכגעבן אויף דערוויילּ און נישט צערייצן און מצער זיין דאָס קינד.

— יאָ, אוודאי, איך וועל טאַקע בענקען, וועל נישט קענען לעבן אָן מיין מיגעליטאָן... ביסט גערעכט. איך וועל בשום אופן נישט איבערלאָזן מיין מיגעליטאָן! — ברעכט זיך איין ביי פּעפּיטאַן איר קול.

— שווער ביי גאָט, אַז דו וועסט נישט אַוועקגיין פונדאַנען... — קוקט צו איר מיגעליטאָ אומצוטרוילעך און טרעט נישט אָפּ פון דער טיר.

— איך שווער ביי דער הייליקער בתולה... — צלמט זיך פּעפּיטאָ און גיט אַ קוש דעם נאָגל פון איר גראָבן פינגער.

— איצט גלויב איך דיר — טרעט מיגעליטאָ אָפּ פון דער טיר — איך וועל בעטן דעם פּאַפּיטאָ, אַז ער זאָל דיר שענקען אַ פינגערל מיט אַזאַ גרינעם שטיין ווי דיר געפעלט — גיט איר מיגעליטאָ אַ פריילעך־געוואָרענער אַ פּאַטש אין די קניען אַריין.

— איך וועל דיר שענקען דעם שענסטן שטיין פון ים־וואַסער־קאָליר. ערן וואָרט! — קוקט אויף איר דער באַלעבאָס מיט דאַנקבאַרע אויגן, כאַפּט ער זיך אַן ביים קאָפּ און גיט אַ ביטערן קרעכץ.

— איך וועל מאַכן פאַרן קינד און פאַרן סעניאָר עפּעס צום עסן

— שטעלט זיך אויף פּעפּיטאָ און גייט צו צום עלעקטרישן אייזקאַסטן

— זעץ דיך צום טיש, מיגעליטאָ — באַפעלט פּעפּיטאָ.

— מאַך פאַרן קינד און פאַר דיר — איך בין שוין זאַט! — זאָגט דער באַלעבאָס צווייפלדייטיק, טוט ער זיך אויס אַ מידער דאָס רעקל, לייגט דאָס אַוועק ביי זיך אויף די קניען, אָט ווי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אַ פרעמדער שטוב, לייגט ער אַוועק ביידע הענט אויפן טישל, שפּאַרט ער אַן דעם קאָפּ און הייבט אָן צו דרימלען. פּעפּאָ בלייבט אַפּהענטיק, שאַרט זי זיך אויף די שפּיץ־פינגער. דניאל הייבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט:

— שטער זיך נישט, פּעפּיטאָ. גיב אים אָפּצועסן און לייג אים שלאָפן. — גראָבט ער צוריק איין דעם קאָפּ אין די הענט אַריין — איך שלאָף נישט.

— זשור־זשור־זשו, רע־רע־רע! — הייבט אָן מיגעליטאָ מאַניפּולירן מיט אַ הענטל איבערן טיש, מאַכט ער נאָך אַן אַוויאָן וואָס מאַכט אַקראָ־באַטישע קונצן אין דער לופטן: אָט פּיקט דער אַוויאָן אַרויף אין די

וואַלקנס אַריין, און באַלד קערט ער זיך איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, פּיקט אַראָפּ צוריק אויף דער ערד, נידערט אַראָפּ אויפן פלי־פעלד און בלייבט שטיין מיט צעזשומעט־צערוישטע מאָטאָרן — ציטערן אַנגעבלאָזענע מי־געליטאָס ליפּעלעך — זשר־זשר־זשו!

— שטילער, מיגעליטאָ. דעם פּאַפּיטאָ טוט ווי דער קאָפּ, באַסטאָ!

— ווייזט דאָס דינסטמיידל מיטן בליק אויפן פּאַטערס אַנגעשפּאַרטן קאָפּ — שטעלט זי אַוועק נעבן מיגעליטאָן אַ גלאָז קאַלטע קאַקאָאָ מיט עט־לעכע פאַרברוינטע ביסקוויטן — עס און טרינק און מאַך נישט אַן קיין טומל. עס איז שוין שפּעט — באַפעלט זי מיט אַ בייזן קוק.

— ווייסט, פּעפּיטאָ, איך וועל בעסער בעטן דעם פּאַפּיטאָ ער זאָל מיר קויפן, אַנשטאָט אַ שיף, אַזאַ גרויסן עראָפּלאַן. אַזוי די גרויס! — צענעמט מיגעליטאָ די הענטלעך ווי פליגל און רירט זיך נישט צו צום גלאָז — וועלן מיר אַלע פליען: איך, דו — און דער פּאַפּיטאָ. די מאַמי־טאָ וועל איך נישט מיטנעמען — מיט איר בין איך ברוגז! איך וועל מיט איר זיין ברוגז שטענדיק: היינט, מאָרגן, איבערמאָרגן... איך וועל מיך מיט איר נישט איבערבעטן אַזוי שנעל. ווערסט זען, פּעפּיטאָ... — ווערט מיגעליטאָ, אַנגעבלאָזן ברוגז און קוקט אַ בייזער אין קאָרידאָרל אַריין.

— באַסטאָ, פּלאַפּלער! — גיט אים פּעפּיטאָ לייכט אַ פּעטשל אין קעפּל אַריין — טרינק! — דערלאַנגט זי אים דאָס געטראַנק צום מויל.

מיגעליטאָ דערשרעקט זיך און נעמט זופּן פונעם גלאָז. ער פאַר־מאַכט די אייגעלעך און די בייזקייט טרעט נישט אָפּ פון זיין הערצל; וויפל מאָל ער איז מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען געוועזן אויף התו־נות און בעלער, האָט אים די מאַמע שטענדיק בייז און וויינענדיק גע־מאַכט, ווען ער האָט נאָר געזען ווי זי טאַנצט מיט פרעמדע און אומבאַ־קאַנטע מענער; ער, מיגעליטאָ האָט פיינט און קען נישט פאַרליידן, אַז די מאַמיטאָ לייגט אַרויף אַ האַנט צו אַ פרעמדן סעניאָר אויפן אַקסל, אַז אַ פרעמדער אַרמט אום אינעם טאַנצן די מוטער, און זי, זיין מאַמיטאָ, קוקט דעם פרעמדן סעניאָר אַזוי שמייכלענדיק אין די אויגן אַריין און זיי טוליען זיך צונויף אַזוי נאָענט... און אַז די מאַמיטאָ טאַנצט אַמאָל מיטן פּאַפּיטאָ איז ער נישט בייז און עס געפעלט אים! ווען מען איז געוועזן אין מאַר דעל פּלאַטאָ, האָט די מאַמאָ יעדן טאָג אין דעם האָטעל גע־טאַנצט מיט פרעמדע מענטשן... און היינט האָט זי דערלאָזט אַז דער

פרעמדער מענטש, דער שלעכטער, זאָל שלאָגן דעם פּאַפּאַ! אַז מיגעליטאַ וועט נאָר ווערן אַ גרויסער מענטש, וועט ער גלייך ווערן אַ פּאָליציימאַן און — און אַז ער וועט אָנטרעפן דעם שלעכטן מענטשן, וועט ער אים אַרעסטירן, אַוועקפירן אין דער קאָמיסאַריע און אים איינשפּאַרן אין אַ פינצטערן צימער! סי סעניאָר, אַזוי וועט מיגעליטאַ טאָן!

— טרינק אויס, שנעל! די האָנט טוט מיר שוין ווי פון האַלטן דאָס גלאָז. מיגעליטאַ טייערער... — בעט און באַפעלט פּעפּיטאַ, קוקט זי אויפן דרימלענדיקן באַלעבאָס, טראַכט זי, אַז איר פאָטער, דאָן ראַמאָן, דער שטיינהאַקער פון די קאַלך־גרובן, דאָרטן אין „סאַנטאַ טערעסיטאַ", וואָלט ער אַזאַ מחבל, אַזאַ פאַרעטערישן פּריינט ווי דעם אָסקאַר, נישט געוווען אַרויסגעלאָזט מיטן לעבן פון שטוב אַרויס... עס איז נישט צום פאַרשטיין און צו באַגרייפן, אַז אַזאַ פאַרפאַלק ווי אירע באַלעבאָטים זאָלן לעבן צווישן זיך אַזוי מיאוס און אַזוי שלעכט, ווען זיי זענען אַזוי רייך! און אירע עלטערן, וואָס זענען אַזוי שרעקלעך אָרעם, לעבן זיי אַזוי שיין און אַזוי ערלעך, ווי צוויי אמתע טויבן! און פון אייביק אָן איז אין פּע־פּאַס היים קיין איבעריקע פּעזע נישט פאַראַן. און דער טאַטיטאַ האָט קיינמאָל נישט דערלויבט, אַז די מאַמע זאָל גיין אַרבעטן ווי אַ דינסט אין די רייכע האָטעלן אַריין. און אַז די מאַמע נעמט אַמאָל אַרויס פון די האָטעלן אַביסל וועש צום וואַשן און פּרעסן, וואָס זי נעמט אָן ביי די טוריסטן־געסט — שטעלט זיך דער טאַטע אַליין אַוועק וואַשן דאָס וועש און שעפּט אַליין אַרויס דאָס וואַסער פונעם טיפן ברונעם אַרויס; און אָפטמאָל, ווען פון ברונעם איז דאָס וואַסער מוטנע — טראָגט דער טאַטע אַוועק דאָס וועש צום טייכל, און ביים שיין פון דער לבנה, וואַשט ער דאָס וועש. דאָס טוט ער נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן ביים קאַלך, ווייל בייטאָג קען מען דאָס פרעמדע וועש ביים טייכל נישט וואַשן. אומעטום שפּאַצירן אום די טוריסטן־געסט. — וואַשט דער טאַטע דאָס וועש ביז די זון גייט אויף הינטער די בערג־שפּיצן...

דערנאָך אין קילבלעכן מאָרגנווינט פון די בערג, טראָגט דער טאַטע אַהיים דאָס נאַסע וועש, וואָס איז דעמאָלט שווערער ווי בליי... דער טאַ־טע האָט ליב חוזק צו מאַכן פון זיך אַליין און גלעט דער מוטער איבערן קאָפּ, לאַכט אָפּ פונעם ווייב, וואָס זי האָט זיך פאַרליבט אין אַזאַ בריה... די מאַמע קען אַזעלכע וויצן נישט פאַרליידן; זי גיט דעמאָלט אַ צי אויס איר דאַרע, נאָר געזונטע האַנט און גיט אים אַזאַ פליאַסק אין חלק

אַריין, אַז דער טאַטע גיט אַ שפּרונג־אָפּ אויף אַ צען שריט, וואַקלט זיך ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אומפאַלן, האַלט ער שוין זיינע אויסגעאַר־בעטע הענט אויפן אַנגעפּאַטשטן אָרט, און ווי אַן אָפּגעשמיסן קינד, מאַכט ער זיך ווי ער וויינט... דער טאַטע באַקלאָגט זיך אויפן הויכן קול, שרייט אַז עס איז אַן אומדערהערטער און באַרבאַרישער מנהג, אַז מען זאָל אַזוי שלאָגן אַן אייגענעם מאַן, אַן אייגענעם חבר... דעמאָלט לאָזט זיך אַוועק די מאַמע אין אַ שטיפערישן געיעג נאָכן טאַטן. אַז וועמען דען זאָל זי שלאָגן, אויב נישט דעם אייגענעם קאָמפּאַניערא... אַ פרעמדער וועט בשום אופן ניט דערלויבן, אַז מען זאָל אים שלאָגן! — יאָגט זיך די מאַמע נאָך דעם טאַטן. לויפן זיי אין אַ שווינדלדיק גרויסן ראָד. און דער טאַטע אַנטלויפט און שפּרינגט פלינק ווי אַ צעפלאָשעט און נישט געצוימט פערד; און אינעם געלויף באַווייזט ער נאָך אויסצעשפּרונגען אַלע טאַנ־צנדיקע שריט און פיגורן פון „פּעריקאַנעס", „מאַלאַמבאַס" און „טאַנ־גאָס"; די מאַמע קען דעם טאַטן נישט דעריאָגן און אַלע קינדער שרייען און געוואַלדעווען און פויקן אויס אין אַ כאָר דעם גאַוטשישן קריגס־רוף: „טאַ־טאַ — ראַ־טאַ־טאַ!", גיבן זיי צו מוט דער מאַמען, זי זאָל נישט אָפּ־שטיין אין איר געיעג, זאָל זי אים כאַפּן און דערלאַנגען, דערלאַנגען דעם „וויעכאָ". דעם אַלטן... זאָל זי אים געבן אַ פּאָר קלעפּ, מסתמא האָט ער פאַרדינט און — — —

— — — פאַרוואָס עסטו נישט עפּעס? — הייבט דאָן דניאל אויף דעם קאָפּ, גיט ער אויף איר אַ קוק ווי מיט פאַרשלאָפענע אויגן, גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער, ווי עס וואָלט אים געשווידערט פון קעלט.

— איך בין נישט הונגעריק, סעניאָר. איך האָב נישט קיין אַפּעטיט. — לאָזט פּעפּיטאַ מיט אויפגעוואַכטער בענקשאַפט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— זשאַ — שוין! — שטופּט מיגעליטאַ אָפּ דאָס גלאָז פונעם מויל — איך וועל אַריינגיין צו דער מאַמיטאַ, זי זאָל מיך שוין איבערבעטן — לאָזט ער פאַרשעמט און פאַרדויטלט אַראָפּ זיין קעפּל — טו איך גוט אַזוי? — דערוועגט זיך קוים מיגעליטאַ אַ קוק צו טאָן דאָ אויפן פאָטער און דאָ אויף פּעפּיטאַ.

— טוסט זייער גוט, מיגעליטאַ! נאָר דו דאַרפסט און מוזסט אי־בערבעטן דיין מאַמיטאַ. דו זאָלסט זי איבערבעטן... — גיט אים פּעפּיטאַ

אַ צאַרטן קוש אין קעפּל אַריין און גיט אַ שנעלן ווונק מיט די אויגן צום באַלעבאָס.

— יאָ, יאָ, — גיט דאַן דניאל אַ מורמל און לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד.

מיגעליטאַ גיט זיך אַ וויש־אָפּ די הענטלעך אין די הויזלעך און לויפט שנעל אַריין אין קאָרידאָרל צום שלאָפצימער. מיגעליטאַ לאָזט אַ ווײַלע אָפן די טיר און עס גיט אַ בלענד־אַריין אַ העלע ליכטיקייט. אין אַלע אײַנגעווייניקסטע צימערן איז ליכטיק. פונעם עס־צימער שוועבט אַריין דאָס טרעלערן פון אַ קאַנאַריקל, וואָס מען האָט דאָס איבערגעוועקט און מיינט אַז עס איז שוין צוריק טאָג געוואָרן.

— די סעניאָראַ האָט שוין אַרײַנגענומען דעם קאַנאַריק פונעם באַלקאָן — זאָגט פּעפּיטאַ צום באַלעבאָס — אַרעמינקער, ווער ווייסט, צי זי האָט דעם פייגעלע געגעבן אַביסל פרישע וואַסער.

— מסתמא האָט זי געגעבן, — דרייט דניאל אויס דעם קאָפּ צום קאָרידאָר און קוקט אַהין מיט אַ פינצטערן בליק און פאַרביסענע ליפּן.

— איך גיי שוין שלאָפן. מאָרגן וועל איך אויפשטיין זייער פרי און פאַרפּאַקן מיין וואַליזקע. איך וועל אַוועקפאָרן צו מיין מומען. זי וווינט אין בעלגראַנאָ.

— גוט, וואָס קען איך מיר העלפן... — גיט איר דניאל אַ גלעט איבער אַ האַנט, ברעכט זיך איין זיין קול און ער פאַרברעכט מיט שרעק און געפּאַלנקייט די הענט — מיגעליטאַ וועט בענקען. איך האָב מורא, אַז דאָס קינד זאָל נישט קראַנק ווערן פון בענקשאַפט. — קוקט ער צו איר מיט פּחד אין די אויגן.

— ניין, אַרעמינקער, הייליקע מאַריאַ — פאַרלויפן פּעפּיטאַס אויגן ווי מיט אַ נעפּל — איך וועל קראַנק ווערן פון בענקשאַפט. איך... — צעכליפּעט זיך דאָס דינסטמיידל און נעמט אַ נערוועזישע אַריין דאָס גאָלדענע קייטעלע פונעם האַלדז אין מויל אַריין — איך מוז דאָך אַוועקגיין פון דאַנען... איך וועל אַוועקגיין באַלד אינדערפרי, ווען מיגעליטאַ וועט שלאָפן... איך בעט מיר אָנגרייטן מיין געלט. עס קומט מיר פאַר אַ חודש מיט פיר טעג — לאָזט פּעפּיטאַ אַראָפּ דעם קאָפּ אַ פאַרוויינטע און אַ פאַרשעמטע.

— אָט האָסטו שוין דיין געלט, פּעפּיטאַ טייערע... — גיט דניאל אַ שטעק־אַריין די האַנט אין דער הויזן־קעשענע, נעמט ער אַרויס אַ פּאַר־

קנייטשט פעקל געלט, זוכט ער אויס דעם בלוילעכן פינף־הונדערטער, וואָס ער האָט היינט, מיטיקצייט, אָפּגעוווּנען — דאָס האָט ער היינט, פונקט היינט „אַרויסגעריסן אַ באַק־צאָן“ ביים הויכן איטשע — גיט ער דאָס געלט אַ שטעק אַריין צום דינסטמיידל אין די הענט אַריין — דאָ האָסטו דיין געלט. — שטעלט ער זיך אויף, פאַרוואַרפט זיין רעקל אויפן אַקסל און וויל זיך לאָזן צו דער טיר, וואָס פירט אַרויס אין פּאָדער־הויז אַריין.

— עס קומט מיר ווייניקער. איר מאַכט אַ טעות. דאָן דאַניעל... — וויל אים פּעפּיטאָ צוריקגעבן דאָס געלט־פּאַפּירל.

— באַהאַלט און — שווייג! — פאַרמאַכט איר דניאל די האַנט צו־זאַמען מיטן באַנקנאָט — שיק אַ מתנה דיינע עלטערן. — דרייט ער אָוועק דעם קאָפּ.

— גאָט זאָל אייך... — ווערט דאָס דינסטמיידל צעטומלט און הייבט אָן פלאָנטערן מיט דער צונג — גאָט זאָל אייך באַצאָלן!

— גאָט האָט מיר שוין באַצאָלט, קינד... — הייבט דאָן דניאל אָן שווער צו אָטעמען און גיט אַ קוק־אַרויף צום סופיט, כאַפּט אַ קוק צו דעם, וואָס זאָל אים האָבן באַצאָלט — עס עפּעס, קינד... — זאָגט ער צו איר מיט געטריישאַפט.

— אַ דאַנק. איך בין נישט הונגעריק, — גייט פּעפּיטאָ אַריין אין קאָרידאָרל אַריין, צו איר צימערל, וואָס גרענעצט זיך מיטן באָד־צימער — אַדיאָס, סעניאָר... — טוט זי צום לעצטן מאָל אַ בליק אויפן באַלע־באָס.

דניאל בלייבט שטיין נעבן דער טיר ווי אַ פאַרשטאַרטער. באַלד נעמט ער פאַרקעמען מיט די פינגער די האָר פונעם צעשויבערטן קאָפּ. אינמיטן דעם פאַרקעמען פאַלט זיין בליק אויפן ביסל קאַקאָאַ, וואָס מי־געליטאָ האָט איבערגעלאָזן אינעם גלאָז און נישט אויסגעטרונקען. גיט דניאל אַ כאַפּ דאָס גלאָז און טרינקט אויס מיט איין שלוק. דערנאָך טוט ער זיך אָן דאָס רעקל און עפנט שטיל אויף די טיר, וואָס פירט אַרויס אין פאָדער־הויז, צו דער ווינדע, גייט ער שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, ווי אַ גנב, וואָס שאַרט זיך אַרויס פון אַ פרעמדער שטוב מיט פּחד און האַרץ־קלאַפּעניש — שטעלט ער שטילע טריט נישט צו מאַכן דעם מינדסטן גערויש, שלייכט ער פאַרביי אינעם פינצטערלעכן פאָדער־הויז נעבן די

טירן פון די צוויי שכנותדיקע דעפּאַרטאַמענטן און בלייבט, ענדלעך, שטיין אין דער ווינדע, וואָס פירט אים אַראָפּ צו דער גאַס.

אַז דניאל איז שטיין געבליבן אונטערן פרייען הימל, איז ער שנעל אַריבערגעגאַנגען אויפן צווייטן טראָטואַר, אַנטקעגן זיין הויז. ער האָט געגעבן אַ קרעכץ און אָנגעהויבן שנעל שפּרייזן. אַז ער איז נאָר אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט ער זיך שנעל אויסגעקערעוועט אויף צוריק, אָנגעהויבן אונטערלויפן און בשעת־מעשה פאַריסן הויך דעם קאָפּ צו די פענצטער פון זיין וווינונג. עס האָט זיך אים געדוכט אַז אַנטקעגן אין דער הויך, אין די צימערן פון זיין הויז, לויכט איצט די עלעקטרישע באַלייכטונג פיל ליכטיקער ווי אַלע מאָל ביז איצט... די ליכטיקייט איז אָבער געווען פון אַ פרעמדן קאָליר, אַזאַ אומהיימלעכע און ווייטע ליכטיקייט, ווי ער וואָלט געשפּאַנט ביים ברעג פון אַ גרויסן און פחדימדיקן ים, און דאָרטן, פון יענעם ים־ברעג, פון טויזנטער מיילן די ווייט, זעט ער זיין היים, זיין הויז — אויף אייביק שוין אַ נישט־דערגרייכבאַרע, אויף תמיד אַן אָפּגעשיידטע פון אים...

אוי, ווען מען זאָל אפילו שווימען און שווימען יאָרן און יאָרן, טעג און נעכט אַן אויפהער, וועט מען שוין צו די ליכטיקע פענצטער מיט די באַלקאָנדלעך נישט דערשווימען און נישט דערלאַנגען... דניאל האָט אָנגעהויבן לויפן שנעלער און האַסטיקער, דערלאָפן ביזן ראָג גאַס, האָט ער אָנגעהויבן פאַרלאַנגזאַמערן זיינע טריט. באַלד איז ער שטיין געבליבן און פאַרבראָכן מיט די הענט. עס האָט אים גענומען שוידערן, אַ קאַלטער שטראָם איז אומגעלאָפן אין זיין חוט־השדרה. ער האָט פאַרקנעפּלט זיין רעקל און באַהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און געשפּרייזט אַלץ ווייטער און ווייטער. ווהין ער גייט איצט — האָט ער נישט געוווּסט. עס איז אָנגעפאָרן אַן אַלט־אָפּגעפּאַרענער טראַמוויי־וואַגאָן מיט אַ טראַמאַס־קעריי, סקריפּעריי און רוישעריי; די עלעקטרישע קאַבלען האָבן נאָך צוגעזשומעט, צוגעצישעט און הייזעריק געזרוישט — איז דער טראַמוויי געפאָרן זייער לאַנגזאַם, ווי טויט־מיד פון אַ גאַנצן טאָג מיט פופציק יאָר פאַר אַ צולאָג, אַרומערדלען, אַרומוואַנדלען און אַרומהאָצקען, טעג און נעכט איבער דער אייביק־וואַקסנדיקער און אויסגעשפּרייטער שטאָט. דניאל האָט פּלוצלינג אַ פלינקן שפּרונג־אַרויף געטאָן אויפן טראַמוויי־טרעפּל, אַריינגעשפּרייזט אין וואַגאָן אַריין און געבליבן זיצן נעבן ערשטן לייידיקן פּלאַץ, אַ באַקוועם אָנגעשפּאַרטער אין דער ראַם פונעם ברייט־צע־

עפנטן פענצטער. עס האָט אים נאָך אַלץ געשווינדערט, ווי ער וואָלט גע־וועזן לייכט באַקליידט אין אַ האַרבסטיקער נאַכט, האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט אַרויסגעשפּיגן דורכן פענצטער אויף דער גאַס אַרויס, געוואָלט פון זיך אַרויסשפּייען די אויסטערלישע קעלט — האָט ער אַראָפּגערוקט דאָס פענצטער־שויב מיט אַ הילכיקן טראַמאַסק. די עטלעכע פּאַסאַזשירן, אַזעלכע מיד־דרימלענדיקע און פאַרשמאַכטע פון דער היץ, דער מאָטאָרמאַן און דער בילעטער, האָבן מאָמענטאַל אויסגע־דרייט די קעפּ און באַטראַכט דעם מאָדנעם פּאַסאַזשיר מיט טראַציקן בייגיר. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן די פּאַסאַזשירן אָנגעהויבן צווישן זיך אי־בערצווינקען מיט די אויגן אויף שטום־לשון, אַז דער נאַר־וואָס איינגע־שטיגענער פּאַסאַזשיר, דער סוביעקט איז נישט מיט אַלעמען... עס פעלט אים אַ שרייפל...

איינער פון די פּאַסאַזשירן, אַ פאַרשווין אָן אַ רעקל, מיט אַ צעכראַס־טעטער, האָריק־באַוואַקסענער ברוסט, מיט שטעקשיך אויף די באָרוועסע פיס — איינער פון די פילע בוענאָס אײַרעסער אייגוויינער, וואָס שטייגן איין אין די הייסע, לופטלאָזע און שלאָפלאָזע נעכט אין אַ טראַמוויי אַריין, און פאַר אַ פּאָר נישטיקע סענטן וואָס עס קאָסט, פאַרט מען אָפּ דעם גאַנצן קיילעכדיקן מאַרשרוט, — פאַרט אַזאַ איינער אָפּ אַ שעה און צוויי און קילט זיך אָפּ מיט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ דורכן פענצטער און „כאַפּט אַביסל לופט”... — אָט דער פּאַסאַזשיר האָט צוגעלייגט אַ פינ־גער צו דער שלייף, געוויזן אַז דער מאַן, וואָס האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער, אַז דעם־אַ פעלט עפּעס... גוט־ברודעריש אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן צום בילעטער און זיך באַלד צעכאַכאַטשעט מיט אַ שפּאַטיש און הפקרדיק געלעכטער. דער בילעטער האָט אָפּגעקערט דעם בליק און דעם גאַנצן קאָפּ זײַנעם פון דעם פאַרשוין, דעם הפקר־יונג, וואָס זוכט מסתמא אַ געלעגנהייט צו פּראָוואָצירן אַ מענטשן — האָט זיך דער בילעטער אָנ־געשפּאַרט אינעם בריקל פון דער הינטערשטער טראַמוויי־פּלאַטפאָרמע, אָנגענומען אַ פול מויל מיט שפּייעכץ און אַרויסגעשפּיגן אויפן ברוק אַרויס.

דניאל האָט זיך געמאַכט נישט־הערנדיק. ער האָט פאַרשלאָסן די אויגן־לעדלעך, געוואָלט אַנטדרימלט ווערן און נישט געקאָנט. דער גע־זשום פון טראַמוויי־מאָטאָר, דאָס שאַרף שניידיק גרילצעריי פון די רע־דער אויף די שינעס און דאָס סקריפּנדיקע שאָקלעניש פונעם גאַנצן טראַמ־

ווײ־קאַסטן מיט די צעפּאָרענע װענט, אַז אָט, אַז די װענט װעלן זיך צע־נעמען און דער דאַך װעט אַראָפּפאַלן אויף די קעפּ — האָט אים גערייצט און געראַצט אין די געהירן. איצט האָט ער שוין געפילט, אַז ער איז אַזוי אָפּגעשװאַכט, אַז ער האָט אפילו נישט קיין כוח זיך אויפצוהייבן פונעם אָרט: װען מען זאָל מיר געבן אַ קאָקנדיקן טויזנטער, אַז איך זאָל מיך איצט אויפהייבן פונעם אָרט — נעם איך נישט — האָט ער ביי זיך אָפּ־געמאַכט.

דניאל גיט אַ שװערן זיפץ־אָפּ, ציט אויס די פיס אונטער דער צװײ־טער באַנק אַרונטער און פילט זיך װי איינער, װאָס האָט אָפּגעשפּאַנט צװאַנציק מײלן צופוס. אַ מיליאָן פּעזעס איז װערט אָט דאָס אָרט אין דעם טראַמװײ... אוודאי, קיין בעסער אָרט װו צו זיצן און טראַכטן איצט — האָט ער נישט געקענט געפינען אויף דער גאַנצער װעלט... באַלד איז פון אים די קעלט אָפּגעטראָטן און אַ װאַרעמקייט האָט אים אָנגעהויבן אונטערװאַרעמען. פונעם טראַמװײ־געדויש יאָגט אויף אים אָן די װאַ־רעמקייט. עס פאַרװיגט אים. די גאַנצע װעלט װיגט זיך...

דניאל איז אַנטדרימלט געװאָרן. ער װיגט זיך אַ פאַרדרימלטער און גאַנצע שטיקער לעבן װיגן זיך אויף אונטער זיינע אַראָפּגעלאָזטע װיעס: די סעניאָריטאַ קאַטאַלינאַ זיצט אָן איבערגעבױגענע איבערן קרישטאָלע־נעם שרײבטיש, דאָרטן, אין דער ביוראָ־אָפּטיילונג פונעם גרויסן און אַריסטאָקראַטישן צירונגס־געשעפט פון דעם איטאַליענער לענאַרדיני — דאָס קאָלאָסאַלע געשעפט, די לוקסוסיעזע „קאַסאַ לענאַרדיני״; אַלעמאָל װען ער ברענגט אַ פאַרטיע בריליאַנטן, באַראַט זיך דער באַלעבאָס מיט זיין קאַסירערין, — מיט דעם „שיקסל״ קאַטאַלינאַ; קאַטאַלינאַ זאָגט מבי־נות אויף די שטיינער און דער אַלטער באַלעבאָס, דאָן פּאַסקואַלע, װאָס לאָזט אויף אַ רגע נישט אַרויס פונעם מויל די שטינקענדיקע טאָסקאַנאַ ציגאַרן, קוקט דעם שיקסל מיטן גאַנצן פאַרטרויאונג אין די אויגן אַריין, אין מײלעכל אַריין... אַז קאַטאַלינאַ זאָגט אַז די בריליאַנטן געפעלן איר — הייסט דאָן פּאַסקואַלע אויסשרייבן אַ טשעק און באַצאָלט דעם פולן פרייז!

אַמאָל, אין אַ געװיסן טאָג, האָט דניאל באַמערקט, אַז ביים „שיקסל״, ביי קאַטאַלינאַן, באַמבלט זיך אויף דער ברוסט אַ גאָלדן מגן־דודל. אוי, די קאַטאַלינאַ איז דאָך אַ יידישע טאָכטער, אַ יידיש מיידל! גיי װייס, אַז דאָס מיידל איז אַ טאָכטער פון דעם אַלטן ביליאַרד־שפּי־

לער, דאָן סימאָן, דעם קיעווער זייגערמאַכער! דניאל האָט דעם אַלטן זייגערמאַכער געקאָנט פונעם „טיגרע־באַר“, ווו דער אַלטער, דער אַלמן, פלעגט אַפּליגן גאַנצע נעכט און שפּילן מיט יונגע בחורימלעך פּאַרטיעס ביליאַרד ביז אין די ווייסע פּאַרטאָגן אַריין, וועןמען פלעגט אים פּשוט אַרויסטרייבן פונעם לאָקאַל. און ער, דאָן סימאָן, דער אַלטער ייד, כאָטש ער האָט געקאָנט זיין די בחורימלעכס אַ זיידע, האָט ער די יונגע צוצי־קעס, די זיבעצן און אַכצן יאָריקע יאַטן, דערציילט „גרינע מעשיות“ און פּאָרנאָגראַפישע וויצן, אַז די יונגעלייטלעך האָבן זיך אַזש געצאַפּלט, גע־פּיבערט און גערויטלט... דער קיעווער זייגערמאַכער האָט נישט געהאַט קיין גוטן נאָמען. זייער אָפט האָבן דעם אַלטן סימאָן פּאַסירט, נעבעך, גאָר גרויסע אומגליקן: יעדן חודש, אָדער אַ פּופצן מאָל אינעם יאָר, האָט מען אים געשלעפּט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אַריין. מענטשן, קליענטן, וואָס האָבן אים אָוועקגעגעבן צו פאַריכטן בראַנדזן־באַגילדעטע זייגערס, האָבן צוריקפאַרלאַנגט גאָלדענע אַכצן קילאַטיקע... נאָר דער אַלטער סי־מאָן, מיטן גרייז־גרויען קאָפּ האָר, מיט זיין ציינלאָז מויל און מיט זיינע „גרינע געשיכטעס“ און מיט אַ קליין אַדרעסן־ביכעלע פון אַלערליי סאָרטן נקבות — פראַנצויזקעס, דייטשקעס, בראַזיליאַנערקעס און... — האָבן אים די געשיכטעס און די אַדרעסן אָפּגעראַטעוועט, מציל געווען און באַשירעמט פון אַלדאָס בייז...

עס איז שוין באַלד אַ צוויי יאָר ווי דער אַלטער אַרבעט נישט מער. דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרט און אַזוי שווער פאַרהאָרעוועט געלט האָט ער אָוועקגעגעבן אויף פראַצענט און גאַנצע טעג און נעכט וואַנדלט ער אום אין די ביליקע און פאַרדעכטיקטע טאַנץ־לאָקאַלן און קאַבאַרעטלעך; ער טראָגט ווי עפּעס אַ שילד אַ רויט נעגל־בלימל אין לאַץ, און טראָגט עס אָפּט אונטער צו די געפּודערטע נעזער פון די טענצערינס, די שיקסעס, אַז זיי זאָלן אַ שמעק טאָן צום בלימעלע. דער אַלטער רעדט צו זיי גראָבע ריידעלעך און לערנט זיי אויס ריידן אויף יידיש און רוסיש אַלע מיאוס־נבזהדיקע ווערטלעך, וואָס האָבן זיך צו אים צוגעקלעפּט אויפן גאַנצן לעבן. אָפטמאָל פאַרקויפט ער נאָך די נקבות אַ זייגערל, אַ פינגערל, אַ קייטעלע אָדער אַ בראַסלעטל; ער פאַרקויפט זיי אויף אויסצוצאָלן און מיט טעג שפּעטער קויפט ער ביי זיי צוריק אָט די זעלבע מציאות. אָפּט־מאָל און זייער אָפט ווערט דער אַלטער גאָר פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג און נעכט פון שטוב. שכנים גיבן צו וויסן קאַטאַלינאַן, אַז דער טאַטע איז

ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן, אויסגעטריקנט... דעמאָלט נעמט די טאָכטער טעלעפאָנירן אין אַלע קאָמיסאַריעס, אין אַלע שפּיטעלער. נאָר מען געפינט אים נישט אפילו מיט ליכט. און אַז ער באַווייזט זיך, קומט צוריק, בייזערט ער זיך אויף דער טאָכטער, דערוויזט איר, אַז אַ לעבעדיקע זאַך, אַן עסנדיקע זאַך, ווערט קיינמאָל נישט פאַרפאַלן...

און קאַטאַלינאַ, די טאָכטער, האָט ליב איר אַלטן פאָטער ביז משוגעת. זי איז צו יעדער מינוט גרייט אָוועקצוגעבן דעם טאַטן דאָס גאַנצע האַרץ מיט דער נשמה צוזאַמען! ווי און ווינד וואָלט געוועזן צו עמיצן, ווען ער זאָגט פאַר איר אַ שלעכט וואָרט אויף איר אַלטן... די אויגן קען זי אויסדראַפּען! אָפּטמאָל האָט זי אָנגעפּאַטשט דעם קליינעם זון אירן, מיגעליטאָן, ווייל ער האָט נישט ליב דעם זיידן. מיגעליטאָ קען אפילו דעם זיידנס ריח נישט פאַרליידן. מען מוז אים צווינגען אַז ער זאָל דעם זיידן אַמאָל אַ קוש טאָן. מיט דעם איינגעבוירענעם ווידערווילן צום זיידן גערעט מיגעליטאָ אַריין אין אים, אין דניאלן אַריין, אינעם טאַטן אַריין...

אויך ער, דניאל, האָט פון תמיד אָן געהאַסט דעם שווער. ווען עס האָט געהאַלטן פאַר דער חתונה מיט זיין קאַטאַלינאַן, האָט ער, דער אַלטער כלב, געוואָלט צונישט מאַכן דעם שידוך. דער אַלטער סימאָן האָט געגאַרט, אַז זיין איינונאיינציקע טאָכטער זאָל נאָר גיין צו דער חופּה מיט אַזאַ יידישן יונגנמאַן, „וואָס זאָל זיך אַמאָל אַריינכאַפּן אין אַ שיל אַריין און זאָל זיין אַ היים־זיצער”... דער אַלטער צבועק האָט געהאַט גרויס חשק, אַז זיין טעכטערל זאָל כאָטש חתונה האָבן מיט אַ רב...

און ער, דניאל, איז אין קאַטאַלינאַן נישט געוועזן אַזוי שטאַרק פאַרליבט, אַזוי שטאַרק פאַרברענט... דניאל האָט אין יענע יאָרן גאָר געהאַט אויפן אויג אַ קריסטלעך מיידל, דאָס שיקסעלע מאַריאַ לואיסא, דאָן כעסוס' טעכטערל, דעם רייכן בעקערס יינגסטע טאָכטער; זיינע עלטערן — טאַטע־מאַמע ע"ה — האָבן נאָך געלעבט דאַרטן, אין דער אַלטער היים און זיי וואָלטן נישט איבערגעלעבט אַזאַ חתונה... נאָר די חתונה מיט מאַריאַ־לוסיא וואָלט אלצאיינס קיינמאָל נישט צושטאַנדגעקומען, ווייל די פאַנאַטישע מאַריאַ־לואיסאַ האָט נאָר געוואָלט חתונה האָבן אין דער קירכע פון „סאַן כאָסע דע פלאָרעס”, ביים זעלביקן אַלטאַר ווו עס האָט חתונה געהאַט איר באָבע און איר מוטער! זי, מאַריאַ־לואיסאַ, האָט אים געוואָלט טאָן די טובה, אַז זי האָט נישט דאַקעגן אַז ער, דניאל זאָל בלייבן אַ ייד, בלייבן אַ „רוסאָ”, נאָר ביים אַלטאַר זאָל ער מיט איר

שטיין... אוודאי האָט ער איר געשיקט זי זאָל גיין זיך באָדן! נאָר פאַר דעם חוצפּהדיקן פאָרשלאָג איז דאָס שיקסל אים גלייך פאַרמיאוסט געוואָרן! נאָר מאַריאַ לואיסאַ האָט אים מסתמא, אָפּגעטאָן עפּעס אַ כישוף, אָדער אפשר האָט זי אים עפּעס אַריינגעטאָן אין דער מאַטע אַריין? אַז באַלד אין אַ דריי חדשים אַרום נאָך זיין חתונה מיט קאַטאַלינאַן, קומט אים מאַריאַ־לואיסאַ אויף די געדאַנקען פּונקט דעמאָלט, ווען ער איז אַזוי נאָענט מיט זיין ווייב... וויפל ער האָט מאַריאַ־לואיסאַס שאָטן געוואָלט אָפּטרייבן, פּרובירט אַרויסטרייבן פון זיך אַרויס, איז זי געבליבן איינגעוואָקסן אין אים, איינגעגעגלט אין אים! און ווען ער ליגט נאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן, חלומט ער נאָר פון מאַריאַ־לואיסאַ און ער פילט נאָר איר ריח, איר שוויס ממש... אין די אינטימסטע מאָמענטן פון זיין לעבן ביז איצט, שטעלט זי זיך אַוועק פאַר אים, נישט אָפּצוטרייבן, מאַריאַס געשטאַלט; זי איז אין אים אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט, אַזאַ אייביק שווין נישט דערגרייכבאַרע. אַז ער קוקט אַמאָל אויף דער לבנה טראַכט ער, אַז די ווייטע לבנה, ווען ער זאָל נאָר שטאַרק וועלן — וואָלט ער מסתמא דערגרייכט, און מאַריאַ־לואיסאַ, אַזאַ אַריינגעגאָסענע אין אים אַריין — וועט ער שוין נישט דערגרייכן מיט קיין שום כוח און מיט קיין שום קראַפט... וואָס עס טוט זיך אויף דער לבנה קען ער נישט הערן און אַז עס ריזלט מאַריאַ־לואיסאַס בלוט און אַז עס קלאַפּט איר האַרץ — הערט ער אַזוי קלאָר, דייטלעך און בולט! עס קען גאָר גוט געמאָלט זיין, און אפשר איז עס טאַקע אַזוי, אַז אַלע, אַלע מענער פון דער גאַנצער וועלט, אַז אַלע טראַכטן אַזוי־אַ און יעדער אייגער חלומט און גאַרט צו דער איינער, צו וועלכער מען האָט קיינמאָל נישט געקענט גרייכן... אפשר פּאַסירט אַזוי מיט יעדן מענטשן, האַ?

דניאל מאַכט אויף זיינע אויגן. ער קוקט זיך אַרום מיט אַן אָפּגעקוועטשט האַלב פּנים, מיט רויט־אויפגעדראָלענע און בלוי־בלאָע פּליאַמעס און שראַמען אויף דער לינקער באַק; דער טראַמוויי פאָרט זייער שנעל אויף אַ טונקעלער הינטערשטאָטישער גאַס. דורך די פענצטער פון אַלע זייטן יאָגן פאַרביי טונקל־פאַרשאָטנטע ביימער און טעלעגראַף־סלופּעס. די גאַס לויפט אַנטקעגן ווי אַ פינצטערער טונעל באַזעצט מיט שטאַמען. עס זעט אויס ווי אַ טונעל אין אַ געדיכטן וואַלד אַריינגעשניטן. אין כמעט־ליידיקן טראַמוויי־וואַגאָן זיצן איצט בלויז צוויי פּאַסאַזשירן: ער, דניאל, און יענער פאַרשוין — דער וואָס האָט פון אים אַזוי וואָלגאַר

אָפּגעהוזקט; דער פּאַרשוין ליגט איצט אויסגעצויגן אויף דער באַנק מיט אַן אַריבערגעוואָרפענעם קאָפּ איבער די אַקסלען אַריבער, ווי אַ געשאָכ־טענער, כראָפּעט ער מיט אַן אָפן מויל; — הלוואי זאָל דער טראַמוויי פּלוצים בלייבן שטיין, גיבן האַסטיק אַ טאָרמאָזיר, אַז אַזאַ כוליגאַן, אַזאַ גאַסן־יונג זאָל גיבן אַ פּאַל אויף צוריק און זאָל זיך אַרויסהאַקן אַלע ציין פונעם פּיסק אַרויס! — טראַכט דניאל מיט נקמה־לוסט, ווערט אים אַזוי אַנגענעם וואַרעם און עס שמעקן אין אים אויף די ריחות פון מאַריאַ־לואיזאַ, פון פריש געבאַקן ברויט, פונעם שיפּרע־פּודער, געמישט מיטן אַראָמאַט פון עקאַליפּטן און פלאַטאַן־ביימער, צווישן וועלכע דער טראַמוויי יאָגט און שוועבט, ווי אין אַ קאָרידאָר פון איינס אינעם אַנדערן אייַנגעפלאָכטענע, באַבלעטערטע צווייגן. דניאל וויל צוריק אַרויפרוקן די שויב און אַז די ראַם גיט נישט נאָך — זעצט ער זיך אַריבער אויף דער ערשטער באַנק, נאָענט נעבן מאָטאָרמאַן, ביי דער פאָדערשטער פּלאַטפאָרם.

פון צווייגן־געפלעכט, פון צווישן די בלעטער אַרויס איז אַנגעפלויגן אַ ברוין־שוואַרצער שמעטערלינג, אַרייַנגעפלויגן דורך אַ טראַמוויי־פענצטער, באַלד צוריק אַרויסגעפלויגן אויף דער פינצטערער גאַס אַרויס, און באַלד דורך אַ צווייט פענצטער צוריק אַרייַנגעפלויגן אין טראַמוויי־וואַגאַן אַריין. דער שמעטערלינג האָט אַנגעהויבן רונד אַרומצופלאַטערן אַרום די עלעקטרישע לעמפּלעך אין אַ קרייז, איבערגעפלויגן פון איין לעמפּל צום צווייטן, געוואָלט אַרומקרייזן איבער אַלע לעמפּלעך אין איין מאָל, נישט געקענט און פאַרשווינדלט די אויגן פון דעם גאַפנדיקן, אייַנציק וואַכנדיקן פּאַסאַזשיר און פון דעם בילעטער. דעם בילעטער איז דאָס דערעסן געוואָרן, האָט ער פאַרוואָרפן די ניקלנע בילעטן־מאַשינקע אויפן אַקסל, צוגעשפּרייזט צו דער פאָדערשטער פּלאַטפאָרם און זיך אָוועקגעשטעלט זייטיק נעבן חבר, דעם קאָנדוקטאָר, וואָס האָט שטייענדיק מאַנעווּרירט, ווי אַ פאַרשטאַרטער, ווי אַ ראָבאָט.

באַלד האָט דער בילעטער אַרויסגענומען זיין פּעקל מיט ציגאַרעטן, גענומען אַ פּאַפּיראָס צווישן די ליפּן, אָן ווערטער, אַרייַנגעשטופּט דעם מאָטאָרמאַן אַ צווייטן פּאַפּיראָס אין מויל אַריין. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, פאַררויכערט, און דערנאָך צוגעטראָגן דעם אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס צום חברס מויל. ביידע האָבן שוין געבלאָזן פון זיך וואָלקנדלעך מיט רויך. ביידע ריידן נישט אויס קיין וואָרט. דער בילעטער קוקט פאַר

זיך אין דער פינצטערניש אַרויס, קוקט זיך אויס די אויגן, צי עס וואַרט נישט ביי די ראָגן פון דער גאַס אַן אינספּעקטאָר, איילן זיך שוין ביידע מיטן רויכערן און באַהאַלטן די אָנגעצונדענע ציגאַרעטן אין די אַרבל אַריין. באַלד שטעלט זיך דער טראַמוויי אָפּ. עס שטייגט אַרויף אויף דער פאָדערשטער פּלאַטפאָרם אַן עלטערער מאַן אין אַ גרויען אוניפאָרם־אַנצוג, אויך אַ מאָטאָרמאַן, וואָס האָט שוין, משמעות, אָפּגעאַרבעט זיין טאָג; ער האַלט זיין היטל מיט דעם גלאַנציקן דאַשעק ווי אַ פּעכערל, פּעכלט ער זיין פּנים און לאַכט, זשמורעט ער מיט זיינע גוטמוטיקע און קלוגע אויגן, גיט ער, דעם מאָטאָרמאַן וואָס אינעם דינסט אַ פריינטלעכן גלעט אין דער פּלייצע אַריין:

— גוטע נאַכט, פּעדריטאָ — רעדט ער אים אַריין אין רעכטן אויער אַריין — האָסט שוין באַלד אָפּגעאַרבעט דיין צייט. וועסט ווערן אַ פריי פייגעלע ביז מאָרגן נאָכמיטיק און שוין! נישט אמת? — איז ביי אים דאָס פּנים פול מיט צופרידנקייט און פרייד.

פּעדריטאָ שווייגט און ענטפערט נישט. דער בילעטער רופט זיך אָפּ און וואָרנט אים מיט אַ פינגער:

— רייד נישט צו אים, אַנטאָניטאָ. לאָז אים צורו, ווייל דו וועסט באַלד פליען פון דאַנען... מען קען איצט מיט אים אַ וואָרט נישט אויסריידן. ער איז היינט אַזוי אויפגערעגט אַז — מענטשן וואָלט ער פאַרציקט! — וואַרפט דער בילעטער אַוועק דאָס טליענדיקע פיצל פּאַפּיראָס אויף דער גאַס אַרויס, וואַרט ער נישט אויף קיין ענטפער, גייט ער צוריק אַראָפּ צו דער הינטערשטער פּלאַטפאָרם.

דער אַלטער מאָטאָרמאַן, אַנטאָניאָ, רוקט זיך צו גאָר נאָענט צום יינגערן חבר, לייגט אים אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל, שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער און שרייט אים אַריין אין די אויערן:

— טשע, פּעדראָ, זון, וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר? איך, דיין פריינט אַנטאָניאָ, איך רעד צו דיר, באַגריס דיך, און דו? — דו ענטפערסט מיר נישט! אַזוי באַהאַנדלט מען אַן אַלטן פריינט? אַזוי באַהאַנדלט מען אַן אַלטן חבר? אזוי באַהאנדלט מען אַ זיידן, וואָס האָט שוין אַן אייניקל פון צוואַנציק יאָר? שעמסט זיך נישט? נו, גוט... איך וועל זען; גוטע נאַכט, פּעדריטאָ... — באַגריסט אים דער אַלטער נאָך אַמאָל און קוקט אים אַזוי זייטיק מיט עקשנות אין פּנים אַריין.

דער קאָנדוקטאָר פּעדראָ דרייט לאַנגזאַם אויס זיין פּנים צום על־

טערן חבר און קוקט אים אָן מיט קאַלטקייט, גלייכגילטיקייט און פאַרבי־טערטקייט און גיט אפילו נישט קיין פינטל מיט די אויגן.

אַנאַניאַס פּנים ווערט פאַרוואָלקנט מיט צער און בושה. דאָך גיט ער אַ צעחושטער אַ פּאַטש מיט די הענט און בעט זיך:

— נו, שוין. נאָך אַמאָל: אַ גוטע נאַכט! פעדראָ ליבער... — פינטלט ער מיט די אויגן.

פעדראָ צענעמט ברייט די פיס און ענטפערט מיט אַן אומהיימלעך קול:

— איך הייס נישט פעדראָ... מאַכסט אַ טעות, פריינט — לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און נעמט זיך שאָקלען אויף רעכטס און אויף לינקס — נײַין, מיך רופט מען נישט פעדראָ. ביסט זיך טועה! — דרייט ער אויס דעם קאָפּ און קוקט אים אָן פון אונטן אויף אַרויף.

— אַלזאָ, אַלזאָ... איז ווי אַזוי רופט מען דיך? — צעגעמט אַנטאָ־ניאָ אַ מבולבל געוואָרענער ביידע הענט — אין אַלע הייליקע אַריין!... — גיט ער זיך האַסטיק אַ זעץ־אַרויף דאָס היטל אויפן קאָפּ און ער פאַר־זשמעניעט אַלע פינגער פון דער רעכטער האַנט, בייגט ער זיך איין ווי אַ גרויסער פרעג־צייכן — אין דער מאַדאָנאַ אַריין! ווי אַזוי רופט מען דיך? — גיט אַנטאָניאָ אַ געשריי ווי אַ באַפעל.

— הורישער זון איז מיין נאָמען!... אַזוי רופט מיך די גאַנצע וועלט. אַט־אַזוי: הורישער זון... — דרייט זיך צו אים אויס דער יונגער חבר, גיט אים אַ שנעלן קוק אין די אויגן אַריין און עס ווערט ביי אים אַ קנופּ אינעם גאָרגל.

— איי, איי, אָרעמער מענטש... אָרעמער חבר מיינער... דערצייל מיר, זון, וואָס עס האָט מיט דיר פּאַסירט — ווערט דעם אַלטן פאַר־שטענדלעך און קלאָר, אַז עפּעס דריקט זיין יונגן חבר אויפן האַרצן און אַז עפּעס ברענט אים אין דער נשמה, לייגט ער אים אַוועק אַ האַנט אויפן קאַרק מיט זיין גאַנצער ליבשאַפט און געטריישאַפט — דערצייל מיר, פעדריטאָ, דיינע אַלע צרות — האָט ער זיך ביי אים געגומען בעטן, אָט ווי אַ טאַטע בעט זיך אַמאָל ביי אַ קראַנק קינד, וואָס וויל נישט איינגע־מען אַ רפואה — דערצייל...

פעדריטאָ האָט זיך אַ רייב געטאָן דעם שטערן, געוואָלט אַראָפּנע־מען פון קאָפּ אַראָפּ דעם אָנגעזאַמלטן פיין, אָנגעזאַמלטע בזיונות, האָט ער אַרויסגעקוקט פאַרויס פאַר זיך און אָנגעהויבן ריידן מיט אַ צעוויי־

טיקט קול פון שפיכות־דמים; האָט ער שוין געדעדט מיט ביטערער פאַר־אַכטונג. אַזוי וואָלט, מן־הסתם גערעדט אַ שטומע און געפּייניקטע חיה, ווען זי וואָלט אָנגעהויבן צו ריידן מיט מענטשלעכע לעפּצן און אויפן מענטשלעכן לשון:

— איך האָב אַרויסגענומען פון דער רעמיזיע דעם וואַגאָן — אַנטאָ־ניאָ טייערער — איז געווען אַרום פינף מיט אַכט; אין צען מינוט אַרום איז דער קאַטש אַזוי פול געוואָרן, אַז איך האָב געמיינט, אַז דער קאַטש וועט פּלאַצן. בוענאָ, גוט.

אויף אַ ראָג־גאַס האָט אָפּגעשטעלט דעם טראַמוויי אַן עלטערע פרוי; זי די פרוי, איז פּשוט געשטאַנען אינמיטן, אויף די שינעס, און נישט דורכגעלאָזן דעם טראַמוויי. האָב איך געמוזט בלייבן שטיין. גוט! האָט זי אָנגעהויבן אַרויפלייגן פונעם טראָטואַר אויף דער פּלאַטפאָרם אַרויף איין וואַליזע נאָך אַ וואַליזע און — נאָך אַ גרעסערע וואַליזע... גוט! איך האָב געמיינט, אַז שוין — הייבט זיך נישט אָן! זי לייגט אַרויף אַן איינגע־ראָלטן מאַטראַץ, אַ גרויסן, אַ שמוציקן, אַ פאַרוואַנצטן און... — איך שטאַרב אַוועק פון דעם עקלהאַפטיקן ריח! איך האָב דעם מאַטראַץ צו־ריק אַראָפּגעטראָגן אויפן טראָטואַר אַראָפּ — עס איז קעגן סאַניטאַרישן רעגלאַמענט, מען וועט מיך אָפּזאָגן פון פּאָסטן, איך וועל פאַרלירן מיין ברויט... — האָב איך געזאָגט דער גוטער פרוי, דער ווירדיקער סעניאָראַ; און די צייט לויפט און דער טראַמוויי איז איבערפולט און עס בלייבט דאָך נישט קיין פריי אָרט אויף דער פּלאַטפאָרם, אַז פּאַסאַזשירן זאָלן קע־נען אָפּשטייגן... גוט.

אַלזאָ, די אַלטע פרוי איז איינגעשפּאַרט; זי שטייט שוין אויף דער פּלאַטפאָרם, זי שפּרינגט מיר אין די אויגן אַריין, שפּייט מיר אין פּנים אַריין — דו הורישער זון! הורישער זון! אין דיין מאַמען, וואָס האָט דיך געבוירן!...

גוט, זייער גוט! די פּאַסאַזשירן טומלען, שרייען און חוזקן פון מיר: בעסטיע, ריר זיך, מיר וועלן פאַרשפּעטיקן! ממזר...

ענדלעך פאָר איך ווייטער. אויף גאַאַנאַ־גאַס מוז איך פאָרן נאָרמאַל, ממש לאַנגזאַם. פּאַרויס, פאָר מיר, פאָרט אַן אַכציק־ניין. דער טראַמוויי פאָרט לאַנגזאַם, ווי אַ טשערעפּאַכע. ענדלעך פאַרקירעוועט דער טראַמ־וויי. איך בייט די שינעס און פאָר אַביסל שנעלער און — מאַמע ליבינ־קע! — עס גיט מיר אַ קרייץ־איבער אַ ריזיקער לאַסט־אויטאָ, שנעל ווי

אַ פיילו איין סעקונדע, איין סענטימעטער בלויז — און עס וואָלט געוואָרן אַ יאַטקע, אַ שעכטהויז... דער טראַמוויי און דער לאַסט־אויטאָ, אַלץ וואָלט צעשמעטערט געוואָרן! גוט, געלויבט זאָל זיין דער הייליקער גאָט! איך האָב פאַר גרויס פרייד מיר געקושט אין די אייגענע הענט אַריין. זיי, די הענט מיינע האָבן מיך נישט פאַרלאָזט אין אַ רגע פון נויט...

גוט, זייער גוט. אָבער דער שאָפער פון לאַסט־אויטאָ, אַזאַ געוויסנלאָזער פאַרשוין... אַ בלינדער האָט אויך געקענט זען, אַז ער האָט געקרייצט די גאַס אויף גאַנצע זיבעציק! יענע מאַשין איז געשטאַנען פאַרן טראַמוויי ווי אַ קרומע מויער. איז דער שאָפער אַרויס פון דער מאַשין און לאָזט זיך צו מיר מיט די פויסטן: הורישער זון! טויזנט מאָל האָט ער מיר געזאָגט די ווערטער...

גוט, זייער גוט... האָסט פאַרשטאַנען? אַלזאָ, אַנטאָניטאָ, זיידעלע... אַלזאָ, איך ווייס אַליין נישט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזוי פיל קאָלט בלוט... איך האָב מיר געווישט די אַנגסטן און געענטפערט דעם בריהדיקן פאַרשוין: אַ דאַנק דיר, קאַוואַליר, פאַר די קאָמפּלימענטן און גריס זייער פריינטלעך דיין הייליקע מוטער...

אַלזאָ, איך פאַר ווייטער. קאַראַמבאַ... ווייטער גייט עס שוין אַזוי: אַ באַחנטע סעניאָריטאַ, דערמאָנט זיך אין דער לעצטער רגע, אַז דאָ־אָ מוז זי און דאַרף אויסשטייגן; זי באַפעלט מיר חוצפּהדיק און איך טו איר צוליב און טאָרמאָזיר נאָרמאַל. איך האָב דאָך געזען אַז טאָמער וואָלט זי געפאָרן נאָך אַ פּאָר מעטער וועט זי, אָרימינקע, אויסגיין...

זי האָט זיך אָבער נישט אָנגעהאַלטן, געשטאַנען איז זי ווי אַ קוקלע, האָט די בחורטע געגעבן אַ פאַל אויף צוריק און זיך געגעבן אַ פיינעם קלאַפּ אין די קליבעס. אוודאי בין איך ביי איר דער שולדיקער! זי איז מיך גלייך באַפאַלן מיט די באַקאַנטע ווערטער: הורנזון און הורנזון! זי האָט מיר נאָך געוואָלט דערלאַנגען מיט איר האַנט־בייטל אין פּנים אַריין... אַלזאָ, איך האָב שוין נישט אַזוי פיל האָר אויפן קאָפּ, וויפל מאָל מען האָט מיר שוין היינט געזאָגט די שיינע ווערטער! אַלזאָ, פאַרשטייסט, שוין, פריינט מיינער, אַז מיך דאַרף מען מער נישט רופן פעדראָ. זעסט דאָך...

— איז איבער דעם, זון מיינער — ווי צו מיר — איז איבער דעם, מאַכסטו זיך אַזוי פיל בייז בלוט? — פאַרלייגט אַנטאָניאָ איין האַנטפלאַך צו דער צווייטער ווי בשעת אין אַ קירכע און שפּייט אויס מיט אַ

געלעכטער צו די אייגענע פיס — אַלע די כלבים, די חזרים, זענען דיינס אַ נאָגל נישט ווערט! פוטשאַ קאַראַמבאַ... איך פאָר שוין מיט דיר צו־ריק דעם גאַנצן מאַרשרוט און דערנאָך וועלן מיר מאַכן אַ כוסה — גיט אים שוין דער חבר האַפּערדיק און מיט רחמנות אַ לייג־אַרויף אַ האַנט אויפן היטל אַרויף — זאָלסט טאָן אַזוי ווי איך טו אין אַזאַ פאַל: אַז עמי־צער רעדט נישט צו מיר ווי קיין מענטש, ווער איך ווי טויב און יענער רעדט צו אַ טויבער פלייצע... איך טראַכט אין מיר, אַז יענער איז צו קליין מיך צו קענען באַליידיקן. פאַרשטאַנען?

— ביסט גערעכט. איך וועל שוין אַזוי טאָן. — גיט פעדראָ פלוצים אַ טאַרמאַזיר דעם טראַמוויי און באַפעלט ממש דעם עלטערן חבר — שטייג אַפּ, אַנטאָניטאָ. גוטע נאַכט, טשאַו; זי, דיין אַלטע, וואַרט שוין אויף דיר. רו זיך אויס און גיב איבער פון מיר אין דיין הויז אַ ליבן גרוס; וואַמאָס, געגאַנגען זאָל ווערן! — וואַרט פעדראָ אַן אומגעדולדיקער, אַז דער חבר זאָל אַפּשטייגן.

— אַז דו צווינגסט, אַלזאָ... גוט — שטייגט אַנטאָניאָ נישט ניחא־דיק און אַן חשק אַראָפּ אויפן ברוק — מאָרגן וועל איך דיך אָפּוואַרטן. אַדיאָס פעדריטאָ, פעדריטאָ, פעדראָ.... — שטעקט ער צוריק אַריין דעם קאָפּ אין טראַמוויי אַריין און זיינע אויגן לויכטן מיט גרויסער מענטש־לעכער פרייד וואָס ער האָט געטרייסט דעם חבר. — גיט ער אַ געשריי צום חבר איין צעזילביקט וואָרט ווי אַ געזאַנג, ווי אַ הערלעך ליד פון פרייד און דערהויבענער עקשנות: פעד־רי־טאָ! — כאַפּט ער שנעל אַרויס דעם קאָפּ און ווערט פאַרשווונדן צווישן פינצטערע שאָטנס אויפן טראָטואַר.

פעדריטאָ, דער מאָטאָרמאַן, האָט אויפגעלעבט: פון זיין דערשלאָגנ־קייט איז מער קיין שפור נישט געבליבן. ער האָט אַ ווײלע אָוועקגעכאַפּט די הענט פון די קאָלבעס, געריבן איין האַנט־פלאַך אין דער צווייטער און אָנגעהויבן אויסצופייפן אַ פריילעכן פאַקס און צוגעטופּעט מיט אַ פוס.

דניאל האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ דורכן פענצטער, אַריינגעשטאַכן די בליקן אין דער פינצטערניש און געוואָלט אַ נייגעריקער וויסן אין וועל־כער ריכטונג דער אַלטער מאָטאָרמאַן האָט פאַרקערעוועט. ער האָט אָנ־געהויבן קוקן מיט קנאה אויף דעם פעדריטאָס פלייצע. בלויז אין דער שיין־מענערישער פלייצע האָט מען געקענט דערקענען, אַז דער מענטש איז געוואָרן האַפּערדיק און פריילעך. איצט איז געשטאַנען און מאַניפּו־

לירט מיט די מאַטאַר־קאַלבעס אַ גליקלעכער מענטש, וואָס פאַרכלינעט זיך מיט זיין ווירדיקער און טאָג־טעגלעכער פּראַצע און דערפאַר פליען אים אַנטקעגן קרישקעלעך ברויט, קרישקעלעך דאַך־איבערן־קאָפּ, פיצע־לעך פון אַלע מענטשלעכע באַדערפענישן, אויסגעמישטע מיט די פאַר־דינטע פריידן און האָפענונגען אַן וועלכע אַ לעבעדיק וועזן קען נישט אויסקומען... דניאל האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן און דאַך איז נאָך פאַר אים געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון דעם געטרייען אַנטאָניאָ; אַז וויל איז צו דעם פּעדריטאָ, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ איבערגעגעבענעם פריינט! דער אַנטאָניאָ וואָלט מיר נישט אָפּגעטאָן אַזאַ שרעקלעכע זאַך, ווי דער אָסקאַר דער מנובל, וואָס האָט מיר אַזוי אָפּגעטאָן — האָט ער געטראַכט און מיט זיך אַליין גערעדט — ווען איך זאָל האָבן אַזאַ גע־טרייען פריינט ווי דער אַנטאָניאָ איז, וואָלט מיר גרינגער געווען איבער־צולעבן אַזאַ שווערן קלאַפּ, אַזאַ שווערע בושה אין פּנים, אַזאַ מעסער־שטאָך אין האַרצן, אַזאַ שפּיי אין דער נשמה אַריין...

ערשט איצטער איז אין דניאלן צוריק אויפגעגאַנגען דער ווייטיק, ווי מען וואָלט אים, אין איין רגע, אַרויסגעריסן עטלעכע ציינער, און אַז די אַנעסטעזע הייבט אָן אָפּצוגיין, צעשמאַרצן די ווונדן; ערשט איצטער דערפילט ער דעם ווייטיק ווי פון אַרויסגעריסענע ציין, נאָר עס איז גאָר ווי מען וואָלט אים אַריינגעקלאַפּט אַ גרויסן טשוואָק ביים האַרץ־לעפעלע. דער טשוואָק זיצט פעסט אינעם לעבעדיקן פלייש און פאַר אַ צולאָג האָט אים אויך אויפגעברענט אַ היץ אין פּנים. ער האָט דאָס פיינלעכע געפיל, אַז עס האָט אים יענער, אָפּגעזענגט דאָס פּרצוף מיט אַ גהינומדיקן שטור־קאַץ און דער ברי אין פּנים שמאַרצט נאָך שטאַרקער ווי דאַרטן ביים לע־פעלע — דאָס איז די שוידערלעכע בושה! די וועלט — די וועלט האָט אויגן, די וועלט האָט אויערן, די וועלט האָט אַ מויל... און מען קען פאַר דער וועלט גאָרנישט אויסבאַהאַלטן און גאָרנישט פאַרדעקן. מסתם ווייסט שוין זי, די אייביק שפּאָטישע וועלט, אַז אפשר נאָך מיט אַ יאָר אָדער מיט צוויי צוריק, אַז זיין ווייב, קאַטאַלינאַ און אָסקאַר, האָבן אים, דעם יאָלד, דעם טיפּש, צעטראָטן און צעמאַרזשעט, אויסגעחוזקט און באַ־שפּיגן, אין זיין אייגענער היים און אויף זיין בעט זיי עס געטאָן... און ער, דניאל, דער אָפּגענאַרטער מאַן איז געבליבן שטיין ווי אַ בהמה, אַ לעקיש און אַ פּחדן... יאָ, ער איז נישט קיין מענטש, קיין מאַן. ער האָט געיאָמערט ווי אַ שוואַכע פרוי, אַ יידענע, ווי יענע אומגליקלעכע און

שוואַכע מאַרק־הענדלערין, וואָס ער האָט אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק באַגעגנט אין דער אַלטער היים; אַמאָל, שוין זייער לאַנג, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, האָט ער צוגעזען ווי אַ פּוילישער פּאָליציאַנט האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַן אָרעמער יידישער עפּל־פאַרקויפערין; דער פּאָליציאַנט האָט אַרויסגעריסן פון דער הענדלערקעס הענט דאָס קויבערל מיטן ביסל גרינע און רויטע עפּעלעך, אויסגעשאָטן דאָס ביסל אויבס אויפן טראָטואַר און די עפּעלעך צעטראָטן מיט די פּאָליצייסקע שטיוול — איז די אָרעמע פרוי געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע מיט אַרויסגעזעצטע צעשראָקענע אויגן, זיך איינגעביסן די אייגענע אויסגעדאַרטע פינגער ביזן בלוט; און אַז דער אוממענטש האָט מיט יעדן טראָט צעטראָטן עטלעכע עפּעלעך — האָט די פרוי אַלץ שטאַרקער געביסן די פינגער און געשריגן מיט יאָמערלעכע געשרייען, געשריגן מיט טויט־אַנגסטן. אַזוי שרייען מאַמעס וואָס מען האָט פאַר זיי אין די אויגן צעטראָטן זייערע קינדער... אָט אַזוי, פּונקט אַזוי איז ער היינט געשטאַנען און געשריגן, געיאָמערט און גאָרנישט געטאָן. גאָרנישט!

דניאל האָט איינגעביסן זיינע פינגער, און באַלד מיט די איינגעביסענע פינגער געוואָלט אָפּווישן די היץ פונעם פּנים. דאָס פּנים זיינס איז אָבער געווען קילבלעך, ווייל די היץ איז געווען אין אים. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטערוויילעכץ און פאַרמאַכט די אויגן. דער גיגאַנטישער נעגער פון זיינע אויסטערלישע חלומות איז אויסגעוואקסן פאַר אים. ניין, פון די עלעקטרישע טראַמוויי־לעמפּלעך לויכטן אַרויס זיינע אויגן. די לעמפּלעך ווערן פאַרטונקלט. עס ווערט אַ נעפּל. אינעם נעפּל לויכטן די ווייסע נעגער ציין מיט פאָספאָר־ליכט.

אין נעפּל שוועבט אום קאַטאַלינאַ, אַן איינגעהילטע אין אַ דורכזיכטיקן בלויען טול־שלייער; זי, קאַטאַלינאַ, וויל אַרויפפליען אויפן נעגערשן קאָפּ, נאָר דער שוואַרצער מאַן בלאָזט זי פון זיך אַוועק מיט זיין מעכטיקן אָטעם, מיט זיין גרויסן מויל און מיט די ריזיק־צעשפּרייטע נאָזלעכער. אָבער באַלד איז קאַטאַלינאַ גובר: זי בלייבט אויף אים הענגען, בייסט זיך איין מיט אירע ציין אין נעגערס אויער אַריין און צאַפּלט זיך פון תענוג, געניוס... ניין! — גיט דניאל אַן עפן־אויף די אויגן, קוקט ער מיט שטוינונג אין די עלעקטרישע לעמפּלעך אַריין — אוודאי, אַזוי איז דאָס טאַקע און אַזוי האָט זיך דאָס געמוזט ענדיקן! עס האָט נישט געטויגט! עס האָט נישט געקענט גוט זיין, אַז מען איז מיט דער אייגענער

פרוי און מען טראַכט און מען גאַרט נאָך אַ צווייטער פרוי... די זינדיקע געדאַנקען האָבן געבראַכט דאָס אומגליק... זיין שפּילערײַ איז נאָר אַן אויסריַיד!

אין דניאלס קאָפּ און אין די געהירן זשומעט און רוישט ווי אַ מחנה פאַרסמטע פליגן, וואָס ליגן שוין מיט די פיסלעך אויף אַרויף און זשר־מען נאָך אַלץ מיט די פליגלעך דעם לעצטן גסיסה־זשום, רעדט אים דער זשום אין דער נשמה אַריין: האָסט געשפּילט און געשפּילט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט... האָסט געמיינט אַז אַ ווײַב קען אייביק ליגן אַ וואַכ־דיקע אין איר בעט און וואַרטן? ניין, זעסט דאָך, אייביק וואַרט מען נישט! אַ פרוי דערפילט און דערזעט דעם מאַנס חלומות. אַ פרוי נעמט איבער דעם מאַנס חלומות, זי נעמט זיי אַריין אין זיך און ווערט פאַרשיכורט. זי, קאַטאַלינאַ, האָט געוווסט ווי דו האָסט זי געטראָפן מיטן נעגער אין דער הייל... זי האָט געזען ווי דו שטייסט פונדערווייטנס און ביסט אַפילו נישט אייפערזיכטיק! עס איז דאָך אמת, אַז דו ביסט נישט געווען איי־פערזיכטיק!... אָ, זיכער האָט קאַטאַלינאַ געפילט, אַז דו ביסט גלייכגיל־טיק צו איר און איר נאַקעט לייב האָט דיך מער נישט אויפגעקאָכט. און אַפילו ווען דו האָסט געלעגערט נעבן איר, ביסטו געווען נעבן יענער, נעבן מאַריאַ־לואיסאַ... אָדער נעבן נעלידאַן...

דניאל האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיטן קאָפּ אין ווענטל פון דער באַנק:

— אָבער קאַטאַלינאַ איז דאָך שוין אַ מאַמע פון אַ קינד! אונדזער קינד! אַ מאַמע טאָר דאָך נישט פאַרשעמען איר קינד...

אין דניאלן ריזלען די אייגענע מחשבות מיט שפּאָט, מיט גאַל, מיט סם:

— אוודאי, אוודאי. נאָר די מאַמע דאַרף אין זינען האָבן איר קינד — אַ טאַטע דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגן... אַ טאַטע איז שטענדיק אַ צדיק... ער מעג אַהיימברענגען איבלדיקע קאַפּע־ריחות מיט זיך... סי סעניאָר!

— ס'איז אַ בראָך צו מיין קאָפּ, ס'איז אַ בראָך צו מיינע יאָרן! איך האָב מיר אַליין אָנגעאַרבעט דאָס גאַנצע אומגליק... — גיט ער אַ שפּיי אַרויס דורכן פענצטער אַביסל געזאַלצענע ביטערניש און ער דערפילט, אַז די צונג איז ביי אים טרוקן ווי אַ שטיק לעדער — מענטשן וועלן שוין האָבן פון וואָס צו שפּעטן און לאַכן און זיי וועלן זיין גערעכט אויך! יאָ, דניאלשי, מעגסט זיך שוין באַגראָבן לעבעדיקערהייט!

דניאל גיט נאָך אַמאָל אַ שפּיי אַרויס דורכן פענצטער, נאָר דער גר־

מען איז אים פאַרטריקנט, פאַרשמאַכט, ווי ער וואָלט לאַנג אין אַ מדבר אַרומגעבלאָנקעט. שאָקלט ער זיך אויף דער באַנק, וואַקלט זיך. דער געזשום אינעם קאָפּ האָט זיך איינגעשטילט. קיינער ענטפערט אים מער נישט אָפּ. אין צעפּייניקטן געמיט איז שטיל. באַלד גיט ער גאָר אַ פּאַטש מיט דער האַנט אין דעם געלענדער פונעם פענצטער און מאַכט אַ סוך־רישן חשבון און אַ סך־הכל:

— פאַרפאַלן! דער הונט האָט די ווערט דעם שטעקן! וואָס עס האָט צו זיין — זאָל שוין זיין! איך האָב פאַרשפּילט מיטן גאַנצן קנאַק... ווערט דאָס פאַרברענט! — גיט ער זיך אַ הייב־אויף פונעם אָרט און זעצט זיך באַלד מאַכטלאָז צוריק אַוועק.

ערשט איצט קוקט ער זיך אַרום: דער טראַמוויי שטייט אויפן ראָג פון אַ גאַס, אַנטקעגן, אויף דער צווייטער באַנק זיצט דער מאַטאַרמאַן, ער האַלט פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס, רויכערט אַ פּאַפּיראָס און לאָזט דעם רויך צום סופיט, דער בילעטער שפּאַנט־אום אַהין־און־צוריק, אויף דער פינצטערער גאַס נעבן די טראַמוויי־פענצטער און קוקט יעדע ווײַלע אויפן ציפערבלאַט פון זיין גרויסן ציבעלע־זייגער; דער מאַרשרוט איז געענדיקט און הייבט זיך ווידער אָן. באַלד וועט זיך דער טראַמוויי אַוועקלאָזן צוריק צום צענטער פון דער שטאָט, אַזש ביז דאָרטן, ביים ברעג פון ברייטסטן טייך אין דער וועלט; דער אַנדערער פּאַסאַזשיר, דער צעכראַסטעטער פאַרשוין, האָט זיך שוין אויסגעשלאָפן און שויבערט זיך, געגעצט און באַלד נעמט ער אויספייפן אַ טרויעריקן טאַנגאָ; באַלד גיט דער מאַטאָרמאַן אַ וואָרף־אַוועק דאָס לעצטע פּיצל נישט־אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס און לאָזט זיך גיין צום מאָטאָר. דער טראַמוויי גיט זיך האַסטיק אַ ריס־אָפּ פונעם אָרט און דער בילעטער שפּרינגט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווען דער טראַמוויי איז שוין אין פולן גאַנג; ערשט איצטער גיט ער אַ צי דעם לעדערנעם רימען און גיט די צוויי רעגלאַמענטאַרע קלינג מיטן גלעקל און גייט צו אויפמאַנען ביי די צוויי איבערגעבליבענע פּאַסאַזשירן די עטלעכע מטבעות.

דניאל כאַפּט אַ קוק אויף זיין גאָלדענעם האַנט־זייגער, דעם „אָמעגאַ“; עס איז שוין באַלד צוועלף אַזייגער. אין דער ווייטער און הינטערשטאָטישער געגנט, קען מען מיינען, אַז עס איז שוין אַ שעה פאַר זונען־אויפגאַנג. אַ שאָד, באַדויערט דניאל, וואָס ער האָט זיך נישט פאַרקליבן אין אַזאַ ווייטער פאַרשטאָט. אַ גרויסער שאָד. אפשר, ווען ער וווינט

נישט אַזוי נאָענט, אין דעם קאָכעדיקן צענטער, וואָלט אפשר צו דעם אומ־גליק נישט געקומען. עס קען געמאָלט זיין, אַז ווען ער וואָלט זיך פּלוצ־לינג נישט דערמאָנט, אַז ער האָט פאַרגעסן אַ פּעקעלע שטיינדלעך אין דער קאַסעטקע, דאָס פּעקעלע ברילִיאַנטן, וואָס ער האָט געזאָלט אַוועק־טראָגן אין דער „קאַסאַ אַלפּינאַ" אַריין, וואָלט ער מסתמא היינט און אפשר קיינמאָל נישט געווען זיך דערוויסט פון זיין גאַנצן אומגליק... אַז פאַרברענט זאָלן ווערן אַלע ברילִיאַנטן אויף דער גאַנצער וועלט! עס וואָלט אים געווען בעסער ווען ער דערוויסט זיך נישט... ניין! בעסער וואָלט געווען ווען די גאַנצע מעשה וואָלט געווען אַ פינצטערער חלום, אַ קאָשמאַר. אפשר איז ער אין אַ הינערפּלעט?

דניאל נעמט זיך רייבן דעם שטערן און לייגט צו דעם זייגער צום אויער. ניין, ס׳איז נישט קיין חלום... בעסער אַזוי, וואָס דאָס איז נישט קיין חלום. אַלץ איז געענדיקט. גע־ענ־דיקט! — האַלט ער איין אַ יאָמער־לעכן כריפּ אין גאָרגל.

דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַן עלטערער מאַן האָט זיך קוים מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויפגעהויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער מענטש איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויען און לייוונטענעם אַרבעטס־אַנ־צוג. ביי דער רעכטער קני האָט ער געהאַט אַ געוואַלד־ריס און עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ נאַקעט שטיקל קני. פונעם רעכטן אַקסל ביזן גאַרטל איז ער געווען אַרומגערימלט מיט אַ ברייטן לעדערנעם פּאַסיק, און צווישן פּאַסיק האָבן געשטעקט צוויי גרויע טאָוולען, מאַטריצן־טאָוולען, וואָס מען נוצט אין די צייטונגס־דרוקעריען צום אויספורעמען די רונדע בליי־זייטן פאַר די ראָטאַטיוו־מאַשינען; דער אַלטער מאַן איז געווען אַ צייַ־טונגס־פּאַרקויפער, וואָס איז, ווי יעדע נאַכט אין דער זעלביקער צייט, אַראָפּגעפאָרן אין צענטער אַריין כדי אָפּצונעמען זיין פּעקל מיט די פריי־מאָרגן־צייטונגען. נאָר צוליב זיין שוואַכקייט, די האַלב־געליימטע פיס און כמעט שלאָפלאָזן גוף איז דער מענטש אַראָפּגעפאָרן נאָכן ביסל צייַ־טונגען מיט אַ צוויי שעה פריער; בלייבט ער שטיין, דער אַלטער צייַ־טונגס־פּאַרקויפער אויף דער פּלאַטפאָרם נעבן בילעטער און שאָקלט מיט זיין קאָפּ גרויע האָר, וואָס זענען אים נאָך נאַס פון דער פעט־אַנגעשמיר־טער גאָמין, און טראָפּנס וואַסער רינען אים אַראָפּ פונעם קאָפּ, פונעם קאַרק, פון אונטער די אויערן, גלייך פון האַלדז אין דער פּלייצע אַריין, געגעצט ער, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף. ער

האָט באַצאַלט פאַרן בילעט און זיך באַלד צערעדט מיטן בילעטער, גע־גאָרגלט מיטן הייזעריק אויסגעשריגענעם האַלדז און קראַנקער קעל:

— שטעל־איין אַ פּאָר טאַלער אויף דער שקאַפּע „מאַנאַ־ליזאַ" און וועסט געווינען אַ פּאָר שיינע פּעזעס! איך האָב באַקומען די דאַטע פון יע־נער גוטער קוועלע — האָט דער אַלטער מאַן אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג, ווי ער וואָלט אויסגעזאָגט אַ גרויסן סוד — זאָלסטו מיר אָפּשניידן דעם קאָפּ, אויב דו וועסט פאַרשפּילן! — האָט ער אויסגעצויגן דעם דאַרן האַלדז, אַ גרייטער צו לאָזן זיך שעכטן.

— אַז איך האָב נישט, פריינט, קיין טראָפּעלע מזל צום שפּיל — האָט דער בילעטער אָנגעהויבן קלינגען מיטן ביסל קליינגעלט אין זיין לעדערנעם טאַש — אַז איך שטעל־איין אויף אַ פערד — באַקומט עס שלשול אינמיטן בעסטן געיעג...

— פאָלג מיך, קויף דיר בעסער פאַר דעם געלט אַ גוטע פלאַש וויין. — האָט פלוצים דער מאַטאָרמאַן אויסגעדרייט דעם קאָפּ און הויך פריילעך אַריבערגעשריגן צו דער הינטערשטער פּלאַטפאָרם — שפּיל נישט! זאָלן שפּילן די, וואָס ווילן בלייבן אויף די עלטערע יאָרן אַן אונ־טערוועש... זעסט נישט זייערע גליקן... — האָט ער זיך צוריק אויסגע־דרייט צום מאַטאָר און געקוקט ווייט פאַר זיך — איז דער טראַמוויי שוין געלאָפן אויף אַ גאַס וואָס איז שוין געווען העלער באַלויכטן, נאָר עס האָט זיך אין ערגעץ נישט געזען קיין מענטש, ווי די גאַנצע גאַס, די גאַנצע וועלט וואָלט איינגעשלאָפן.

— טשע, דו, ממזר, גנבֿ! גיב דאָרטן אַכטונג אַז דער טראַמוויי זאָל זיך נישט איבערקערן און שטופּ נישט דיין נאָז אין פרעמדע עסקים! צו דיר האָב איך נישט גערעדט, ממזר, הורנזון! — איז דער צייטונגס־פאַר־קויפער געוואָרן היסטעריש אויפגעקאָכט און זיינע ליפן זענען באַלד פאַר־גאַווערט געוואָרן.

דער מאַטאָרמאַן האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַזאַ מאָמענטאַל געל־זיכטיק געוואָרענער און געזאָגט אויפן גאָר הויכן קול:

— איך גיב דיר, דו, אַלטער פאַרשיווער הונט, איין מינוט צייט: אַנטלויפסטו נישט — מאַך איך דיך קאַלט! — האָט דער מאַטאָרמאַן טאָרמאָזירט ווי ס׳וואָלט זיך ווער אַרונטערגעוואָרפן אונטער די רעדער — איז דער טראַמוויי מאָמענטאַל שטיין געבליבן און די רעדער האָבן אַ שוי־דערלעכן גרילץ געטאָן — אַז די אַלע דריי פאַסאַזשירן מיטן בילעטער זענען

געגעבן אַ פֿאַל הינטער זיך, האָט דער מאַטאַרמאַן אָפּגעטשעפּעט די שטאַ־לענע קאַלבע און זיך געלאָזן לויפֿן צום צייטונגס־פֿאַרקויפֿער. דער בילע־טער איז פֿלינק ווי אַ קאַץ און מיט מסירת־נפש אַנטקעגנגעלאָפֿן דעם חבר. אים פֿאַרהאַלטן, אַרומגעכאַפּט און אים אַרומגעקלאַמערט מיט ביי־דע הענט, האָט ער אומגעדרייט דעם קאָפּ צום אַלטן און זיך צעשריגן מיט סויטשרעק:

— אַנטלויף, אַלטע בהמה! ראַטעווע דיין לעבן! האָסט אַ האַלבע מי־נוט צייט, איין סעקונדע!...

דער צייטונגס־פֿאַרקויפֿער איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער ווי פֿאַר־שטיינערט. נאָר די שוואַרץ־אָפּלען זענען אים אומגעלאָפֿן אין די אויגן־לעכער, ווי טויט־איבערגעשראָקענע קליינע חיהלעך אין קליינטשיקע שטייגלעך; באַלד האָט אים די גרויליקע טויט־שרעק אָפּגעריסן פֿונעם אָרט, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער פּלאַטפֿאָרם ווי אַ פֿאַרפֿאָלגטע חיה. פֿון אימה איז דעם אַלטן באַפֿאַלן אַן אַסמאַטישער כריפּ אינעם מויל, איז ער צוגעפֿאַלן מיט די לעצטע כוחות צו אַ וואַנט פֿון אַ פֿאַר־העמערט הויז און געשריגן צום הימל און צו די טראַמוויי־פֿענצטער מיט געבעט, מיט מורא און געפּאַלנקייט:

—אָבער, אָבער, וואָס אַזוינס האָב איך אים געזאָגט? צי האָב איך אים באַליידיקט? איך האָב אפֿילו נישט געטראַכט דעם מענטשן צו באַ־ליידיקן... דער מענטש האָט דאָך מיך באַליידיקט! און אַז איך האָב נישט און טראָג נישט קיין אונטערוועש איז דאָס וועמענס דאגה?.. און אַז איך בין אַ שפּילער, אמת, פֿאַרשפּיל איך מיין געלט!... ביי גאָט, ווי איך האָב אים נישט באַליידיקט. איך בין אַן אַלטער מאַן, איך בין קראַנק... ראַטע־וועט מיך פֿון דעם משוגענעם. ראַטעוועט מיך פֿון דעם מאַנסטער... — האָט ער צעגומען די הענט און געציטערט פֿאַר דעם שוין פֿון לאַנג שלעכט־פֿאַרשפּילטן לעבן זיינס.

— לאָז מיך אָפּ, אַמעריקאַ, ביי גאָט, לאָז אָפּ! איך מוז דעם כלב געבן איין קלאַפּ, איין קלאַפּ נישט מער! — האָט דער מאַטאָרמאַן זיך געוואָלט אַרויסרייסן פֿון דעם חברס הענט אַרויס, וואָס האָבן אים גע־האַלטן ווי מיט אַ שטאָלענער צוואַנג — זעסט דאָך, חבר, טו מיר די טובה... איין קלאַפּ מוז איך אים דערלאַנגען, ווייל — האָט ער גערע־וועט מיט שוים אויף די ליפּן און שגעון אין די אויגן און זיך פֿאַרמאָסטן מיט דער קאַלבע אויפֿן חבר.

דניאל איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. זיין ביסל מאַנסבילשער מוט און גבורה, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג צעטרענצלט ביי די שפּיל־טיש־לעך, האָט אין אים אויפגעקוואָלט, ווי עס וואָלט דורכגעטריפט דורך די לעכער פון די נישט־געזעענע ווונדן זיינע — האָט ער מיט איבערנאַ־טירלעכן פלינקן כוח אַ ריס־אַרויס געטאָן די מעטאַלענע קאָלבע פון דעם צעיושעטן מענטשנס האַנט אַרויס, זיך באַהאַלטן דאָס שטיק שטאָל הינ־טער זיין פּלייצע און מיט דער אַנדער האַנט האָט ער אָנגעכאַפּט דעם מאַטאָרמאַן ביי אַ לאַץ, האָט ער אַן אומדערשראָקענער און מוטיקער, אַריינגעשריגן יענעם אין פּנים אַריין, אין די מיט שוים פאַרגאָסענע ליפּן אַריין:

— באַסטאַ! רואיק! עס לוינט אייך נישט צוליב אַזאַ נישטיקן פאַר־שוין גיין אויף אייביק אין טורמע אַריין... באַהערשט זיך, מענטש! דער־הרגענען אַן אַלטן מאַן איז דאָך ווי דערהרגענען אַ קינד... — איז דניאלס קול געוואָרן אַזוי קלאָר און קלינגענדיק, ווי מיטיק־צייט, ביים שפּיל־טישל דאָרטן אין „טיגרע־באַר".

— ער קען זיך אַפילו נישט פאַרטיידיקן, דאָס שטיק טינוף! —האָט דער צעכראַסטעטער פּאַסאַזשיר אַרויסגעשפּיגן מיט פאַראַכטונג צום אַלטן צייטונג־פאַרקויפער — שוין, לאָמיר פאָרן. וואַמאָס, באַסטאַ! — האָט ער אַ גלייכגילטיקער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— אַזוי?... ער קען זיך נישט פאַרטיידיקן? — איז דער מאַטאָרמאַן געקומען צו זיך און אַפּגעווישט די שוים פון זיינע ליפּן מיט אַ ברעג פון זיין אַרבל — גוט... — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו דניאלן, ער זאָל אים אָפּגעבן די מאַטאָר־קאָלבע.

דניאל האָט אַריינגעשטעקט די קאָלבע צום מאַטאָרמאַן אין די הענט אַריין און מיט חשד נאָכגעקוקט יענעמס אַלע באַוועגונגען, מורא געהאַט, אַז דער מאַטאָרמאַן וועט זיך נישט באַרואיקן.

— קריך שנעל אַרויף, מ'וועט דיר גאָרנישט טאָן. וואַמאָס... —האָט דער בילעטער אַרויסגעשריגן צום צייטונג־פאַרקויפער -- אָרימער מענטש... — האָט ער אַ זיפץ געטאָן מיט רחמנות און מיט דאַנקבאַרקייט אַ ווונק געטאָן צו דניאלן.

דער מאַטאָרמאַן האָט אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע און פאַרשעמט אַוועקגע־קוקט אין אַ זייט אַריין. דער צייטונג־פאַרקויפער איז צוריק אַרויפגע־קראָכן אויף דער הינטערשטער פּלאַטפאָרם און איז דאָרטן שטיין גע־

בליבן. דער בילעטער האָט אַ צי געטאָן דעם רימען און אָפּגעקלונגען. דער טראַמוויי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אַוועקגעלאָפן איבער די פאַר־שלאָפענע גאַסן.

— בין איך דאָך גאָרנישט אַזאַ פּחדן, ווי איך האָב דאָס געמיינט... ניין! — האָט דניאל אַפילו נישט געפילט ווי ער רעדט צו זיך אַליין. ער האָט זיך דערפילט אויפגעמונטערט און עס איז אים אַ קליין ביסל לייכ־טער געוואָרן אויפן געמיט — אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט פאַר וועמען אַראָפּצורעדן זיך פונעם הארצן... אַז איך האָב אַפילו נישט אָפּגעשפּאָרט אַן אמתן חבר אין די צוואַנציק יאָר וואָס איך בין געקומען קיין אַרגענ־טינע... ביי די טישלעך, וווּ מען שפּילט, אין די שמוציקע קאַפעען איז דאָך קיין חברשאַפט און קיין פריינדשאַפט נישט פאַראַנען. אַז איך זוך ביי יענעם און יענער זוכט ביי מיר נאָר צוצונעמען די פּאָר טאַלער... אפשר זאָל איך איינפּאַקן מיין פּעקל און אַוועקפאָרן אין אַ צווייט לאַנד אַריין? עס איז מיר נאָך גוט, וואָס איך פאַרמאָג אַ פּאָר שיינע טאַלער...

— האָט ער אויפגעהערט רעדן צו זיך אַליין, געקנייטשט זיִעם שטערן און באַלד פאַרשטאַנען, אַז די פּלענער זענען קיין פּלענער נישט. ניין, ער וועט זיין קינד נישט איבערלאָזן און אַרגענטינע... בוענאָס איירעס וועט ער נישט אויסבייטן אויף קיין שום אַנדער שטאָט אין דער וועלט... מען דאַרף זיין פריש און געזונט און משוגע איבערצולאָזן אַזאַ בוענאָס איירעס!...

די רעדער פונעם טראַמוויי האָבן איצטער ריטמיש צוגעקלאַפּט צו זיינע מחשבות. דער אַלטער צייטונג־פאַרקויפער האָט זיך פאַרהוסט און באַלד אָנגעהויבן רעדן צום בילעטער:

— איך בין אַ קראַנקער מענטש. עס בלייבט מיר נאָר, פריינד, אַ פּאָר חדשים צום לעבן... האָסט דאָך אַליין געזען מיט דיינע אויגן, אַז איך האָב נישט קיין מורא פאַרן טויט! גוט, בוענאָ... האָסט זיך זייער נאָבל אויפגעפירט און פאַרטיידיקט אַ פריינד... אַז „מאַנאַ ליזאַ" וועט אַריינלויפן די ערשטע, וועסטו שוין זען, ווי אַזוי איך קען זיך אויפפירן מיט אַ חבר... — האָט ער זיך צו אים נעענטער צוגערוקט און צוגע־טוליעט.

— גיי, גיי... — האָט אים דער בילעטער לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך און אים אַריינגעשטויסן אין וואַגאָן אַריין צו די בענקלעך — זיץ און שווייג! — האָט ער זיך פון אים אָפּגעקערט אַ ברוגזער.

דער אַלטער איז געבליבן זיצן אויף אַן עק בענקל, געפּינטלט מיט די אויגן פון דערשלאָגנקייט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז באַלד וועט אים עמיצער אַראָפּטרייבן פונעם שטיקל עק־באַנק אויף וועלכן ער זיצט.

דניאל האָט צו אים אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אים באַטראַכט מיט חי־דוש: אַזאַ אַלטער נאַר! זיינע אייגענע אויערן הערן נישט וואָס דאָס מויל רעדט! וויפל, מ׳שטיינס געזאָגט, קען אַזאַ פאַרשוין פאַרדינען פונעם ביסל צייטונגען, און וואָס קען ער שוין געווינען, ווען אפילו די „מאַנאַ־ליזאַ“ זאָל אָנקומען די ערשטע? אָ! — האָט זיך פלוצלינג דניאל מיט פרייד אַ פּעטשל געטאָן אין שטערן אַריין — איך האָב דאָך יאָ אַ גוטן פריינט אויף דער וועלט — אין דעם בוענאָס איירעס!... יונה עסטושעס, דער לינאָטיפּיסט; ער, יונה, זיצט נאָך אוודאי איצט ביים לינאָטיפּ, ווו ער ענדיקט אויס די לעצטע נייעסן פון אַ נייעם נומער יידישער צייטונג. אוי, — האָט זיך דניאל געגומען דרייען אַן אומגעדולדיקער אויפן אָרט — איך וועל שוין צופאָרן צו אים און אים אָפּוואַרטן. איך וועל יונהן דערציילן פון מיין גאַנצן אומגליק, וואָס מיך האָט געטראָפן... פאַר אים וועל איך אויסדערציילן מיין צעוויייטיקט האַרץ און מיין שווער געמיט... יונה וועט מיך טרייסטן. נאָר ער קען מיר זאָגן אַ טרייסט־וואָרט און אפשר אויך געבן אַן עצה!

דניאל האָט ווידעראַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אַלטן ציי־טונגס־פאַרקויפער און צו אים האַפערדיק אַ שמייכל געטאָן. אוודאי, צו־ליב דעם אַלטן האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם טייערן פריינט, אין דעם גוטן חבר, יונה, דער לינאָטיפּיסט; אָ... — האָט דניאל אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג, ווי ער וואָלט שוין געהאַט אויפגעעפנט דאָס האַרץ און אַרויסגערעדט, אַרויסגעטריבן דעם גאַנצן ווייטיק, וואָס האָט דאָרטן גע־נעסטיקט.

פאַר דניאלס אויגן האָט שוין אומגעשוועבט יונהס געשטאַלט, דאָס קאַנטיקע און אייביק ערנסטע פנים, אַן אויסגעשמירטס מיט גראַפיט, מיט בליי־שטויב, אַנטימאָניום־סאַזשע און צייטונגס־פאַרב; דניאל האָט ממש דערפילט יונהס אָטעם אויף זיך. דער חבר, דער יונה עסטושעס, האָט שוין מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט געאַרבעט אין איינער פון די יידישע מאָרגן־בלעטער, וואָס דערשיינען אין יידישן בוענאָס איירעס; דניאל האָט זיך באַקענט מיט יונהן אין יידישן שפּיטאָל. דאָס איז געווען מיט אַן אַכצן יאָר צוריק, ווען דניאל איז נאָך געווען כמעט ווי אַ גרינער, אַן

עלנטער; ער, דניאל, האָט דעמאָלט געאַרבעט ביי דאָן כאַקאַבאַ אַזרוצקי אין סטאָלער־וואַרשטאַט. ער איז דעמאָלט געווען אַ לערן־יינגל ביי די לוסטראַדאָרן; האָט ער איין מאָל — אין מיטן דער אַרבעט איז דאָס געווען — באַקומען אַ געפערלעכע אַפּענדיסיטיס אַטאַקע. מען האָט אים אַוועקגעפירט מיט אַ טאַקסי־אויטאָ אין יידישן שפּיטאָל אַריין און — און מען האָט אים דאָרטן איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראַט... עס איז נישט געווען צו פאַרלירן קיין איבעריקע מינוט און מען האָט אים מאָמענטאַל אָפּערירט. ווען מען וואָלט דעמאָלט געווען געוואַרט אַן איבעריקע שעה, וואָלט שוין זיין יונג לעבן געווען פאַרשפּילט און עס וואָלט שוין אַכצן יאָר אויף אים געוואַקסן גראָז...

דאָרטן, אין דעם אַלגעמיינעם זאַל, אַ בעטל נעבן אַ בעטל, איז געלעגן דעמאָלט, יונהס איינציקער און זעקס־יאָריקער יינגעלע, משהלע; יונהס יינגעלע האָט געהאַט מיטגעמאַכט אַ געפערלעכע און שווערע אָפּעראַציע אויף אַן אויערל און דאָס קינד האָט וואָכן לאַנג געשוועבט צווישן לעבן און טויט.

גאַנצע טעג, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, איז יונהס פרוי, די מאַמע, נישט אָפּגעטראָטן פון איר קינד. בלויז אין די גאָר שפּעטע נאַכט־שעהן פלעגט קומען דער טאַטע, יונה, און פלעגט פאַרטרעטן זיין ווייב, וועלכע פלעגט אַהיימפאָרן אויף אַ פּאָר שעה אין שטוב אַריין אויך צו כאַפּן אַ דרימל, אַז זי זאָל קענען מאָרגן אויף־זיין, זיך קענען האַלטן אויף די פיס...

יונה האָט, באַלד פון דער ערשטער רגע אָן, וואָס ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דניאלן, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס יונגע בחורל האָט נישט קיינעם אין דעם לאַנד, ווער עס זאָל אויף אים אַכטונג געבן און „אים זאָגן אַ גוט וואָרט"... און די איינציקע קראַנקנשוועסטער, די איינציקע נאַכט־וועכטערין אין דער גאַנצער סאַלע מיט די דרייסיק שווער־קראַנקע מענטשן, האָט זיך, נעבעך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, כאַטש זיך צעריסן אויף שטיקער... זי, מיטן ווייסן כאַלאַט, האָט טאַקע געאַרבעט ווי אַ רוח און נישט גערוט ווי דער סמבטיון אין דער וואָכן; און יונה האָט צוגעהאָלפן דער קראַנקנשוועסטער מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. די חולאים האָבן אים טאַקע געקרויינט מיטן צונאָמען: „דער גוטער מלאך"... און יונה איז טאַקע צו אים געווען אַ גוטער, ווי פון הימל צוגעשיקטער מלאך! ער האָט אים באַדינט ווי אַ טאַטע, ווי אַ ברו־

דער און האָט זיך פון אים נישט געמיגלט אפילו... און עטלעכע וואָכן נאָך דעם, ווי מען האָט, מיט מזל, אויסגעשריבן דאָס קינד פונעם שפּי־טאָל אַרויס, און ער, דניאל, איז נאָך געבליבן אויף נאָך עטלעכע וואָכן, ווייל עס האָט זיך צו אים געהאַט צוגעטשעפּעט אַ שווערע פאַרקילונג, איז יעדן זונטיק, האָט זיך יונה צו אים ספּעציעל אַראָפּגעכאַפּט אין שפּי־טאָל אַריין, אים געבראַכט פרוכטן, איבערגעלאָזט אים עטלעכע פּעזעס...

יאָ, יאָ, אוודאי, ווען נישט דער יונה, ווי טרויעריק, עלנט און אומ־גליקלעך ער וואָלט דעמאָלט געווען אין דעם בוענאָס איירעסער יידישן שפּיטאָל... און ערשט דערנאָך? דערנאָך, אין וואָכן אַרום, ווען ער דניאל, איז אַרויס פונעם שפּיטאָל און נישט געקענט געפינען אַביסל אַרבעט, האָט אים יונה געשטיצט מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט! און אויסער דעם האָט ער אים, חדשים לאַנג, אַרויסגעבראַכט פון דער דרוקעריי דאָס ערשטע אָפּגעדרוקטע בלאַט, ער זאָל זוכן אין די נאָר־וואָס אָפּגעדרוק־טע אַנאָנסן, אפשר וועט ער אָנטרעפן עפּעס אַ פּאַסיקן אַדרעס וווּ צו גע־פינען אַרבעט און אים מיטגעגעבן טראַמוויי־געלט...

און שפּעטער, ווען דניאל האָט זיך „אָנגעהויבן אַרויפצואַרבעטן“, שוין פאַרמאָגט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל מיט וועלכן ער איז אַרומגע־פאָרן איבער דער לענג און ברייט פון דער גאַנצער אַרגענטינער רעפּוב־ליק, האָט ער געוואָלט אָפּצאָלן יונהן אַלע חובות, האָט זיך יונה באַליי־דיקט און אים גוט אויסגעזידלט. אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט פאַר משה־לען געבראַכט אַ מתנה אַ ביציקלעט, האָט זיך יונה געבייזערט און גע־וואָרטשעט ווי אַ בייזע חיה... אָט דער יונה, דער לינאָטיפּיסט, איז טאַ־קע אַביסל אַ צעדרייטער פאַרשוין: אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל — דאָס גלויבט ער נישט; אַז עס זאָלן זיין רעגירונגען, וואָס זאָלן פירן מיט דער וועלט און פאַרוואַלטן מיט אַלע לענדער — דאָס דאַרף דער מענטש נישט האָבן און מען קאָן זיך גאָר גוט באַגיין אָן זיי; איז ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין? זאָגט יונה, אַז דאָס קען יאָ געמאָלט זיין! עס קען זיין ווי אַ גרויסער אָרקעסטער און — דעם קאַפּעלמייסטער דאַרף מען אויף כפּרות... דערצו האָט ער פיינט מסחר און האַנדל — אַז ער וואָלט אַלע כוחרים אויפגעהאַנגען אויף איין שטריקעלע... אוודאי, ווען דער יונה וואָלט נישט געווען אַביסל משוגע, וואָלט ער שוין היינט געווען אַ ייד אַ גביר: אַ סך מענטשן האָבן אים ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אָנגעבאָטן צו מאַכן אַ שותפות, זיי האָבן געוואָלט אַריינלייגן גרויסע סו־

מעס געלט, זיי האָבן געוואָלט מאַכן אַ גרויסע דרוקעריי, ווייל דער יונה עסטושעס איז אַ גוטער פאַכמאַן און מיט אים וואָלט מען פאַרדינט שטיקער גאָלד. — לאָזט אים אָבער דאָס משוגעת נישט אָפּ — פּלאָגט ער זיך דאָס גאַנצע לעבן, הוסט ער אַרויס שטיקער לונג ביים בליי, ביי דעם לינאָטיפּ. און יונה איז קוים אַלט אַ פופציק יאָר און פאַרעלטערט איז ער ווי אַריבער די זעכציק... נאָר מיט אַלע זיינע חסרונות איז יונה דאָך אַ גוטע נשמה און אַלע מאָל, שטענדיק ווען עס פּאַסירט מיט אים, מיט דניאלן, אַ וויכטיקע זאַך, עפּעס גוטס אָדער שלעכטס, וואַרט ער אָפּ דעם יונה, פרעגט אים אַן עצה און רעדט זיך פאַר אים אַראָפּ פונעם האַרצן...

און איצטער, אין דעם גרויסן אומגליק, האָט ער, דער גרויסער חוש, גאָר פאַרגעסן אין דעם גוטן פריינט, פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַ יונה אויף דער וועלט! זיצט ער שוין אַ צוויי שעה אין אַ טראַמוויי און שאָקלט זיך ווי אַ משוגענער און וואָגלט אַרום איבער דער שטאָט... לאַנג לעבן זאָל דער אַלטער צייטונגס־פאַרקויפער, וואָס צוליב אים האָב איך זיך דערמאָנט אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ יונה אויף דער וועלט!

— אוי, גאָט, מאַך אַז די „מאַנאַ־ליזאַ" זאָל טאַקע אַריין די ערשטע!

— האָט זיך אויף דניאלס פינצטער פנים באַוויזן אַביסל פרייד פון האָפענונג אין זיין דאַנקבאַרן געפיל צום אַלטן, אַרעמער מענטשן, וואָס האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך ערגעץ אַ מענטש וואָס וועט אים שענקען אַ פּאָר טראָפּנס טרייסט, האָט ער זיך גענומען רייבן אַ האַנט אין אַ האַנט

— זאָל „מאַנאַ־ליזאַ" אַריין אין דער מעטע! זאָל זי אַריינשיסן, און איך?

— איך וועל באַלד אָפּוואַרטן מיין יונהן. אים, נאָר אים, וועל איך דערציילן דעם גאַנצן אמת! פאַר אַזאַ מענטשן מעג מען אויסדערציילן דעם גאַנצן אמת... איך וועל אים אויסדערציילן אַלץ ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט!

— באַשליסט דניאל און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן.

דער גאַנצער טראַמוויי־וואַגאָן איז שוין געווען כמעט באַזעצט מיט נייע פּאַסאַזשירן. נעבן דניאלן זיצט אַן עלטערע פרוי מיט אַ פּעקעלע אויף דער שויס. דניאל האָט אפילו נישט געפילט און באַמערקט ווען די פרוי האָט זיך נעבן אים אַוועקגעזעצט. אין דער זעלבער ריי, אויף אַ באַנק דערנעבן, זיצן צוויי פּאָליציילייט און לייענעןביידע פון איין צייטונג אַרויס; אויף אַ באַנק ווייטער אַביסל, זיצט אַ נעגער נעבן אַ בלאָנדער פרוי. דער נעגער האַלט אַ גרויסע פּויק אויף די קניען. אַלע ווייליע גיט ער אַ פּייקל מיט די ווי פון גומי געמאַכטע, ווייסלעכע פינגער־

שפּיצן אינעם אָנגעצויגענעם פּאַרמעט פון דער פּויק, און די בלאָנדע פרוי גיט אים דערפאַר אַ שטורכע מיטן עלנבויגן אין דער אַטלעטישער ברוסט אַריין, כדי ער זאָל נישט פּויקן. נאָר דער נעגער טוט זיך ווייטער דאָס זייניקע און די פרוי טוט ווידער דאָס איריקע; ער פּייקלט ווייטער אויף דער פּויק און זי בוכצעט אים מיטן בייניקן עלנבויגן אין דער ברוסט אַריין; אַלע פּאַסאַזשירן דרייען אויס צו זיי די קעפּ און שמייכלען. אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאַנאַמאַ־הוט, שעלמיש אָנגעטאָן אויף אַ זייט פונעם קאָפּ, שמייכלט נישט; ער זיצט אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער יונגער און בלאָנדער פרוי, קוקט ער איר מיט צינישער און אומפאַרשעמטער חוצפּה אין די אויגן אַריין, שטעכט ער זי דורך מיט זיינע פאַרשייטע אויגן פון אַ כוח־גייער; דניאל דערפילט מיט זיין חוש, אַז ווי נאָר די צוויי פּאָליציייליט וועלן אַרויס פונעם טראַמוויי, וועט ווערן אַ בהלה און אַ געשלעג. ווען ער איז אויפן נעגערס אָרט, דערלאַנגט ער אים שוין, באַצייטנס, מיט דער פּויק איבערן קאָפּ!

דערווייל ווערט אינעם טראַמוויי וואָס אַמאָל ליכטיקער און עס קו־מען אַרויף נאָך פּאַסאַזשירן, וואָס בלייבן שוין שטיין, ווייל עס איז שוין נישט פאַראַן קיין פרייע ערטער צום זיצן. דער טראַמוויי פאַרנעמט זיך מיט דער ברייטער און ליכטיקער קאָרדאָבאַ־גאַס; די גאַס איז איצט באַ־לעבט און רעשנדיק, ווי עס וואָלט נאָר־וואָס נאַכט געוואָרן; אויף די טראָטואַרן, ביי די קאַפעען און רעסטאָראַנען, זיצן נעבן די צעשטעלטע טישלעך אויסגעצוצטע גאַנצע משפּחות: מאַמעס קאָרמענען פּיצלעך קינ־דער מיט אייזקרעם, די מענער זופּן ריזיקע קופלס מיט ביר און די גרע־סערע קינדער יאָגן זיך אַרום אויף די טראָטואַרן און וואַרפן זיך אין די קעפּ אַריין די בלעכענע דעקלעך פון די ביר־פלעשער און לימאָנאַד־פלעש־לעך, פּלאָנטערן זיך די קינדער אום צווישן די פאַרשמייעטע קעלנער, קלע־טערן אַרויף אויף די ניקעלירט־מעטאַלענע קעגן־קלעפּ־רעסאָרן פון די אויטאָמאָבילן, וואָס שטייען מיט צעפּראַלטע טירן נעבן די טראָטואַ־ראַנדן, און אַלטע, שוואַכע לייט, דערקוויקן זיך מיט עפּעס קאַלטס, קראַנק־צעלייגטע אין די ווייכע אויטאָ־פאָטעלן, ווייל אַלע טישלעך זענען שוין באַזעצט. די היץ לאָזט נישט נאָר אויף קיין רגע און קיין נאַכט־ווינטלעך זענען נישט פאַראַן, וועט זיך די צעגליטע נאַכט, די בוענאָס איירעסער וואַך־נאַכט, אָוועקציען אינעם שוין נישט־ווייטן פאַרטאָג אַריין.

ווען דניאל איז אַראָפּגעשטיגן פונעם טראַמוויי און איז שטיין גע־בליבן אויפן טראָטואַר, האָט דאָס האַרץ ביי אים אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי ביי אַ מענטש, וואָס האָט נאָך לאַנגע יאָרן זיין נע־ונד זיך אומגעקערט אין זיין געבוירנשטאָט. ער האָט איצט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט צו־ריקגעקערט פון אַ ווייטער וואַנדערונג איבער פרעמדע שטעט; ער איז אָפּגעגאַנגען די עטלעכע בלאָקן צווישן די פאַרהעמערטע הורט־געשעפטן פון דער קאָמערץ־געגנט, און יעדן שפּאַן וואָס ער האָט געטאָן, איז אים נאָך יעדן טראָט — אַלץ פריילעכער און היימלעכער געוואָרן אויפן גע־מיט. יעדער שטיין דאָ, איז דאָך מיר באַקאַנט און טייער, נאָענט און ליב — האָט ער געטראַכט מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט — עפּעס נאָענ־טערס אויף דער וועלט וועל איך שוין נישט געפינען. נייך, דאָ, אויף די ערטער, וועל איך בלייבן ביז אין מיין טויט אַריין! — האָט ער באַ־שלאָסן און געריידט צו זיך אַליין.

ער איז געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג פון דער יידישער צייטונגס־דרוקעריי. דורך דער ברייטער און אָפענער, אייביק צעפראַלטער טיר, האָט, ווי תמיד אין דער שעה, אַרויסגעזעצט אַ געלבער און האַרבער רויך־נעפּל; דניאלן האָט אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַריין ריחות פון גע־שמעלצטן בליי און אַנטימאָניום, ריחות פון דרוקעריי־פאַרבן געמישטע מיט קעראָסין און אויסגעמישטע מיטן טשאַד פון איבערגעפּוילט נישט צעברענטע געהילצן; אַלע ריחות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן עקבערדיקן זשום פון די סטעראָטיפּ־מאַשינען, מיטן רעש פון די לינאָטיפּן און מיטן גרויליק־שניידיקן, ראַצנדיקן קווימש פון דער מעכאַנישער זעג, וואָס האָט צעשניטן גראָבע בליי שטאַנגען; דאָס רונדע זעג־מעסער האָט געגרילצט מיט אַזאַ קוויטשיקן געוואַלד, ווי עמיצער וואָלט מיט אַ טעמפּער זעג גע־וואָלט איבערזעגן אַ שטאָלענעם קעסל פון אַ לאָקאָמאָטיוו; דניאל האָט זיך פאַרשטאָפּט מיט די שפּיצן פינגער די לעכער פון זיינע אויערן און אָפּגעלאָפן אין דער זייט פון דער טיר. באַלד איז דאָס שווידערלעכע גריל־צעניש אָפּגעהאַקט געוואָרן מיט אַ פייף. עס האָט ווידער אָנגעהויבן גריל־ציק צו בוירן און דאַרטן, דורך די אויסגעבויערטע לעכער, האָט גאַר אָנ־געהויבן צו דונערן און צו העמערן. אין איין רגע אַרום האָט דער גאַנצער גהינומדיקער האַרמידער זיך דערוואָרגן און עס איז פּלוצים, אויף סעקונדן בלויז, אויסטערליש שטיל געוואָרן און ערשט די אויסטערלישע שטיל־קייט האָט געלעכערט מוחות און איינגעבלאָזן פאַרשטאָפּט די אויערן —

פאַרטויבט און פאַרטומלט; באַלד איז דאָס פאַרטויבעניש אָפּגעגאַנגען און אָפּגעפּלאָסן און דער מאַשינען־רעש האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. דניאל האָט צוריקגענענט צו דער שוועל און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער אָפענער טיר, האָט ער שוין דערזען ווי זיין פריינט, יונה דער לינאָטיפּיסט, שטייט אויפן טרעפּל ביים זייטיקן אַריינגאַנג צום לאַוואַטאָריע־צימערל, ווישט ער זיך אָפּ מיט אַ שטיק פּאַפּיר דאָס נאָסע, אָפּגעוואַשענע פּנים. יונהס בליק איז אומגעריכט געפאַלן אויף דניאלן, האָט ער אַוועקגעוואָרפן דאָס שטיק פּאַפּיר און אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט, ווי ער וואָלט אַ שווימענדיקער געלייגט קלאַפּטער אין אַ וואַסער, האָט ער אים אָנגעהויבן רופן, מיט זיין הייזעריקלעכן קול, אַ געשעדיקטס פאַרנעם בליי־שטויב...

— קום אַריין אַהער! מען וועט דיר נישט אָפּבייסן אַ שטיקעלע... וואָס האָסטו זיך דאָרטן אַוועקגעשטעלט ווי אַ בעטלער ביי דער טיר? — האָט ער אויסגעצויגן דעם דאָרן האַלדז.

דניאל האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער דרוקערייִ אַן אומגעצוואַגטער און מוטלאָזער, ווי אַ מענטש וואָס האָט מורא אַז באַלד וועט אים עמיצער אַרויסטרייבן — דערנענטערט ער זיך צו יונהן מיט לאַנגזאַמע און געבראָכענע טריט. יונה האָט אים שוין אָפּגעמאָסטן נאָך פונדערווייטנס מיט אַ שנעלן בליק פון אויבן אויף אַראָפּ און באַלד מיט אַ צווייטן קוק — פון אונטן אויף אַרויף. יונה האָט דערפילט אַז מיט דניאלן האָט פּאַסירט אַן אומגליק — איז ער אים שוין שנעל אַנטקעגנגעלאָפן, אָנגעכאַפּט דניאלן ביי אַן אָרעם און געפרעגט שנעל מיט אַן אָנגעכאַפּטע האַרצקלאַפּעניש:

— דניאל, דניאל, וואָס האָט פּאַסירט? זע נאָר, זע נאָר, זע נאָר ווי דו זעסט אויס... — האָט אים יונה אַ דערשראָקענער אַריינגעקוקט אין מויל אַריין.

— ס'האָט מיך... ס'האָט מיך... ס'האָט מיך אַ גרויס אומגליק געטראָפן... — האָט דניאל אָנגעהויבן שטאַמלען, באַלד זיך גאָר פאַרקרעקט און צום סוף אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער.

— אוי, אוי, אוי, — האָט אים יונה אַרומגעקלאַמערט מיט ביידע הענט און אים צוגעדריקט צום האַרצן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט דער חבר זאָל נישט אומפאַלן אַ געחלשטער — וואָס פאַראַ אומגליק? רעד שוין! — האָט זיך שוין יונה צעצאַפּלט.

— ניין, איך קען דיר נישט דערציילן — האָט דניאל פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף יונהס אַקסל. — איך קען דיר נישט דערציילן... — האָט ער זיך אָנגעהויבן שטיקן מיט געוויין און נישט געקענט צוימען זיין צע־כראַסטעטע געבראָכנקייט און נעבעכדיקייט.

— איז ווער געשטאָרבן? באַהערש דיך... — האָט יונה אַראָפּגע־שאָרט דעם חברס קאָפּ פון זיין אַקסל אַראָפּ און אים אַלץ אונטערגע־האַלטן מיטביידע הענט.

— ניין... ניין... יאָ! איך אַליין בין געשטאָרבן! מען האָט מיך צע־שמעטערט! מיין לעבן האָט מען צעטראָטן מיט די פיס... — האָט דניאל פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף די אייגענע אַקסלען ווי אַ געשאָכטענער.

— נו, נו, אַזוי גאָר... — האָט יונה אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פונעם דערשרעק — שטאַרק זיך נאָר... — האָט ער אים צוגעפירט צו אַ גרויסן האַלב־טאָניקן ראָל צייטונגס־פּאַפּיר, אים אָנגעשפּאַרט ווי אַ פאַרחלשטן — בלייב דאָ זיצן אַ ווײַלע. אין איין מינוט וועל איך מיך איבערטאָן — קום איך גלייך צוריק צו דיר. זאָלסט נישט אַוועקגיין פון דאַנען! איך קום גלייך צוריק... — האָט אים יונה געוואָרנט און געדראָט מיט אַ פינ־גער, איז ער שנעל אַוועקגעלאָפן צום לאַוואַטאָריע־צימערל.

עטלעכע מענטשן, די לינאָטיפּיסטן, מיט די רעקלעך פאַרוואָרפענע אויף די אַקסלען, זענען אַרויסגעגאַנגען פונעם לאַוואַטאָריע־צימערל, אַזעלכע מידע, בלאַסלעכע, מיט שווערע און מידע אַראָפּהענגענדיקע הענט פון דער שווערער אַרבעטס־נאַכט אין דער חמימה און ווען פון די לינאָ־טיפּ־קעסלען זעצט אַ היץ, אַז מען קען פאַרברענט ווערן; זיי, די לינאָ־טיפּיסטן, האָבן זיך איינגעקוקט מיט רחמנות און חידוש אין דעם מאַנס־פאַרשוין מיטן פאַרוויינטן פנים. אוודאי, מסתמא איז עמיצער געשטאָרבן — האָבן זיי געטראַכט — נאָר עס איז שוין שפּעט אַריינצושטעלן אי־נעם בלאַט אַריין אַ נעקראָלאָג־מודעה; די לעצטע זייט איז שוין אויסגע־שלאָסן און אויסגעגאָסן; אַזוי האָבן זיי געמיינט, ווייל זייער אָפּט, כמעט אַלע נעכט, טרעפט מען טאָקע אויף דעם אָרט פאַרוויינטע און פאַר־צווייפלטע מענטשן, וועמענס ליבסטע און טייערסטע האָבן מיט שעהן צוריק געשלאָסן אויף אייביק די אויגן... דניאלן איז באַפאַלן די חרפּה און ער האָט פאַרשטעלט מיטן אַרבל דאָס פּנים.

אין אַ מינוט אַרום איז יונה צוריק אָנגעקומען. ער האָט זיך אין

מיטן גאַנג פאַרקנעפּלט די הויזן און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער נאָכגעשלעפּט זיין רעקל, ווי אַ געקוילעט עוף.

— קום, דניאל, מירן זיך אַוועקזעצן ביי אַ טיש אין קאַפע, וועסט נעמען אַ קאַלטן טרונק, זיך דערמונטערן אַביסל... נו, געגאַנגען זאָל ווערן! — האָט אים יונה אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ, פונקט ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען דניאל איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט אין נעם יידישן שפּיטאָל.

— באַלד, שוין, איך גיי באַלד... — האָט דניאל אַ כליפּע געטאָן און נישט אַוועקגענומען דעם אַרבל פון פּנים — באַלד, שוין...

אויף דער שוועל פון דער דרוקעריי איז שטיין געבליבן חנא, אָן אַ רעקל, מיט אַ צעכראַסטעטער, האַריק־באַוואַקסענער ברוסט מיט הויך אַרויפגעשאַרצטע העמד אַרבל ביז צו די פאַכוועס אויף די פעסט־מוסקו־לירטע אָרעמס; חנא האָט נישט באַמערקט דעם האַלב־פאַרחלשטן דניאלן מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן און האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן:

— טשע יונה, איך וואַרט שוין דאָרטן ביים קאַפע־טישל, אפשר אַ שעה צייט; וואַרט און וואַרט, און דו? — שטייטסט דאָ און קראַצסט זיך...

— צענעמט חנא ברייט ביידע מעכטיקע הענט — דיינע חברים ליגן שוין צעלייגט ביי די קאַפע־טישלעך, ווי ביי זייערע מאַמעס אין די ווייגעלעך־נער, און דו מיין גרויסער אַריינטוער — ביסט נאָך נישט פאַרטיק? — האָט חנא שפּאָטיש פאַרשנאָבלט די נאָז.

— טשע, בלינדער האָצמאַך, זעסט נישט, אַז אַ מענטש, אַ באַ־קאַנטער זיצט דאָ אַ פאַרחלשטער? עפּעס האָט מען אים געטראָפן... עפּעס אַן אומגליק... — האָט יונה פאַרוואָרפן דאָס רעקל אויפן אַקסל און רייבט זיך אָפּ פיצעלעך צוגעקלעפּט פאַפיר פונעם פּנים — אָבער ביז איצטער, ווייס איך נאָך אַלץ נישט וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן — ווערט יונה טרויעריק שטיל.

— יאָ, יאָ, אַ גרויס אומגליק האָט מיך טאַקע געטראָפן! מען האָט אַ תל געמאַכט פון מיין גאַנץ לעבן...

דניאל נעמט אַוועק דעם אַרבל פון פּנים און שטעלט אָן אַ פּאָר רויטע און פאַרטרערטע, פינצטערע אויגן אויף חנאן.

— אוי, אָ! — גיט חנא אַ פּאַטש מיט ביידע הענט, פאַרבייסט מיט די ליפּן און דערפילט מיטן ביס, דערפילט באַלד וואָסער מין אומגליק עס האָט דעם דניאלן געטראָפן — אוי, אוי, אוי! — גיט זיך חנא אַ

כאַפּ אַןביים קאָפּ און עס הייבט אים אָן צו העמערן אין די שלייפן.

— נו, נו, פון דעם שטיין דאָ וועט גאָרנישט אַרויסקומען — נעמט יונה אָן דניאלן ביים אָרעם — האַלט זיך ווי אַ מאַן! שטיי־אויף! — באַפעלט ער אים שטרענג.

—אפשר שטער איך דאָ? — וויל חנא אַוועקגיין און פאַרקוועטשט אויסטערליש די פויסטן.

— ניין, ניין, קומט מיט אונדז, וועט איר אויך וויסן... זאָל די גאַנצע וועלט וויסן פון מיין בראָך... — האָט זיך דניאל ראַפּטום אויפגעשטעלט און אָנגעכאַפּט חנאן ביי אַן אָרעם.

— איר קענט זיך, איר זענט באַקענט? — האָט יונה אָנגעשטעלט די אויגן דאָ אויף דניאלן און דאָ אויף חנאן — איך האָב גאָרנישט געוווסט אַז איר קענט זיך — האָט זיך יונה געחידושט.

— אוודאי. ס'איז דאָך מיינער אַ קונה, אַ קליענט. דניאל קויפט דאָך אַמאָל ביי מיר אַ פּאָר צעטעלעך. איבעריקנס, ווער קען נישט דעם בריליאַנטן־סוחר, דעם פיינעם שפּילער... — ענטפערט חנא מיט אַפשיי און שרעק — קען זיין, אַז ער האָט גאָר היינט פאַרשפּילט זיין גאַנץ פאַרמעגן און ער איז געבליבן אַ גאָלענער... — טראַכט שוין חנא אין זיך און וויל אַוועקטרייבן יענעם שרעקלעכן חשד, וואָס האָט אים שוין אָנגעהויבן צו עקבערן.

אַלע דריי מענער לאָזן זיך גיין מיט לאַנגזאַמע און שטילע טריט צום ראָג־גאַס, צום קאַפע־הויז, צום „טיגרע־באַר"; ביים טישל וואָס חנא האָט רעזערווירט זיצט דער אַלטער שוך־פוצער, דאָן קריסטאָבאַל; ער היט אָפּ דאָס לייִדיקע טישל צוזאַמען מיט חנאס רעקל, וואָס הענגט אויף אַ ווענטל פון אַ שטול.

— עס זענען צוגעקומען דריי סוביעקטן, געוואָלט אויף כוח באַזעצן דאָס טישל — האָב איך זיי געגעבן אַזאַ גאָב, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ טאַקסי און גלייך אָפּגעצויגן — שטרעקט ער אויס די קנאָכיקע און איי־ביק שמוציקע הענט פון דער שוך־פּאָמאַדע, וויזט ער אָן אין וועלכער ריכטונג די לייט זענען אַנטלאָפן.

— ווען דער גענעראַל סאַן מאַרטין וואָלט איצט געלעבט, וואָלט ער דיר געשאָנקען אַ מעדאַל פאַר דיין העלדישקייט! — גיט אים חנא מעשה גוטער חבר אַ פּעטשל אַריין אין דער איינגעהויקערטער פּלייצע.

— דו, מעשוגענע קאָפּ! — גיט דער אַלטער אַ כאַפּ זיין שוך־

קעסטל מיטן בענקעלע — קוש אין ט.... — זאָגט ער אַרויס אויף יידיש דאָס גאַנצע ביסל ווערטל, וואָס מען האָט אים אויסגעלערנט און פאַר־שווינדט צווישן די באַזעצטע טישלעך.

דער קעלנער האָט זיך צוגעשאַרט אַ טויט־מידער. יונה האָט באַ־שטעלט דריי סאָדעס מיט לימענע־זאַפט; אַ לענגערע ווײַלע האָבן אַלע דריי געשוויגן. חנא האָט אַנגעשטרענגט און מיט אַ שווערן פאַרגעפיל גע־קוקט דניאלן אין מויל אַריין; זאָל עס נישט זיין דעם אָסקאַרס בריליאַנטן־מסחר?... — האָט ער געטראַכט.

אַז דער קעלנער איז אַנגעלאָפן מיט די דריי פולע גלעזער, האָט יונה אַראָפּגעכאַפּט אַ גלאָז פונעם קעלנערס טאַץ און צוגעטראָגן צו דניאלס ליפּן, ווי אַ טאַטע טראָגט צו אַ דערקוויקנדיק געטראַנק צום מויל פון אַ קראַנק און פאַרשמאַכט קינד; דניאל האָט קוים אַ זופּ געטאָן פונעם גע־טראַנק. יונה האָט אים מיט דער צווייטער האַנט אַ טאַרע געטאָן. דניאל האָט אָנגעהויבן אויפלעבן: ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס גלאָז פון יונהס האַנט און מיט אַ גיריקן זופּ אויסגעטרונקען ביזן לעצטן טראָפּן.

— האָסט נישט באַדאַרפט אויסטרינקען אַזוי שנעל — ס׳איז דאָך אייז־קאַלט... — האָט זיך יונה מצער געווען מיט געטריישאַפט און זאָרג.

— דער טייוול וועט מיך נישט כאַפּן! — האָט דניאל אָוועקגע־שטעלט דאָס גלאָז מיט אַ טראַמאַסק און זיך אַ גלייכגילטיקער פאַרקוקט דורך די צווייגן פון דיביימער צו די שטערן אין הימל.

— נו, אַלזאָ? — האָט איצט יונה אַ זופּ געטאָן פון זיין גלאָז און זיך פאַרגאַנגען מיט אַ זיפץ.

— יאָ, — האָט דניאל זיך אַרומגעקוקט צי קיין זייטיקע מענטשן הערן זיך נישט אונטער, האָט ער אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען און אַלץ געקוקט צום הימל און שטיל אָנגעהויבן צו דערציילן אַזוי:

— אוי... ס׳איז געווען אַרום פינף אַזייגער. איך בין געזעסן דאָ, אינעווייניק, אין דעם באַר, געשפּילט מיט באַקאַנטע סוחרים אַ דאָמינע... מיטאַמאָל קומט צו מיר צו כעסוס, דער קעלנער, זאָגט ער מיר, אַז מען רופט מיך צום טעלעפאָן. בוענאָ, גוט... אַ קונה האָט מיך גערופן, מיר געלאָזט וויסן, אַז ער וואַרט אויפן ביסל שטיינער, וואָס ער מוז שוין האָבן! שוין, די רגע זאָל איך צו אים אַרויספאָרן! איך האָב איבערגע־לאָזט דאָס שפּילן און גיב אַ לויף אַראָפּ אין „סובטע" אַריין. דאָרטן, אויף די טרעפּ כאַפּ איך אַ קוק ביי מיר אין טייסטערל — אוי, נישט גוט

איז מיר! — איך האָב נישט די שטיינער! דאָס האַרץ האָט זיך מיר שיר נישט אָפּגעשטעלט פון שרעק... ווו האָב איך באַהאַלטן דאָס קאָנ־ווערטעלע מיט די שטיינער? — הלוואי פאַרדינט איר דאָס אַלע ביידע דאָס יאָר, וואָלט איר שוין נישט געדאַרפט מער זאָרגן — ציט דניאל אויס איין האַנט אויף יונהס אַקסל און די צווייטע האַנט אויף חנאס אַקסל, פאַרגעסט ער אויף אַ רגע אין זיין אומגליק און גיט אַ ממזרישן ווונק מיט די רויט־אויסגעוויינטע אויגן — פאַר אַ פערטל מיליאָן וועט איר דאָס נישט קריגן! אַלזאָ, איך האָב געמיינט אַז איך קריג די אַפּאָ־פּלעקסיע אויפן אָרט... — האָט דניאל איינגעביסן אַ פינגער, שנעל אַרויסגעכאַפּט דעם איינגעביסענעם פינגער פון מויל אַרויס און גאָר פאַר־בראָכן מיט די הענט.

— נו, טאַקע פאַרלוירן? — האָט זיך יונהן געשטעלט דאָס ביסל געטראַנק אין דער לינקער קעל.

— ניין, ער האָט נישט פאַרלוירן... — האָט זיך חנא אַ רוק געטאָן מיט דער שטול אויפן טישל אַרויף — אוודאי... — האָט ער גלייך אָפּ־געהאַקט און ס'האָט אים גענאָגטביים האַרצן... — פאַרברענט זאָל ער ווערן... ס'איז יענע מעשה... — איז אים אָסקאַרס געשטאַלט געשטאַנען פאַר די אויגן — דאָס איז עס!...

— ניין... טאַקע נאָך ערגער! אוי, יונה קרוין... — האָט זיך דניאל אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פויסט אין שטערן אַריין און די חרפה האָט אים אויפגעפלאַמט אויף די באַקן — איך האָב זיך גלייך דערמאָנט, אַז עס קען מעגלעך זיין, אַז איך האָב די בריליאַנטן איבערגעלאָזן ביי מיר אין שטוב, אין שלאָפצימער, אין דעם אייזערן קאַסעטקעלע, וואָס איז איינ־געמויערט אין דער וואַנט פון מיין שלאָפצימער; אין פינף מינוטן אַרום בין איך שוין געוועזן ביי מיר אין שטוב. איך האָב שטיל און שנעל אויפ־געשלאָסן די פאַראַדנע טיר פון מיין דעפּאַרטאַמענט; איך בין אַריין אין מיין שלאָפצימער. איך האָב געהערט, אַז מיין קאַטאַלינאַ, מיין ווייב, איז אין באָד־צימער... זי האָט זיך געבאָדן... איך האָב מיט ציטערדיקע הענט אויפגעשלאָסן דאָס קאַסעטקעלע — די בריליאַנטן זענען דאָ! פון פרייד האָב איך שיר נישט געחלשט. איך בין אַריין אין עס־צימער אַריין און זיך אויף אַ ווילע אָוועקגעזעצט ביים טיש. ס'האָט מיר גענומען שווינד־לען פאַר די אויגן און עס האָט מיר פּלוצים אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו

קלאַפּן און זבענקען דאָס האַרץ, אַז איך האָב געמיינט אַז — שוין! אָט וועט מיר דאָס האַרץ פּלאַצן...

— נו? נו? נו? — האָט זיך יונה אַ צעפּלאַמט־געוואָרענער צוגע־רוקט צו דניאלן.

— שוין, איך ווייס שוין... — האָט זיך חנא אַ פאַרגעלט־געוואָרע־נער דווקא אָפּגערוקט אַביסל פונעם טישל.

דניאלס קאָפּ האָט זיך נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט אויף זיין ברוסט. דאָס פּנים און די אויערן האָבן געפלאַמט מיט רויטע פלאַמעס פון חרפה און בושה. ער האָט נאָך שטילער אָוועקגעלייגט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— דערווייל האָט זיך מיר דאָס האַרץ אַביסל איינגעשטילט. איך האָב שוין געמוזט אַוועקגיין. איך קען פאַרלירן דעם בעסטן קונה און ער וואַרט דאָרטן אויף מיר... איך וויל מיך אויפשטעלן, נאָר איך בין שוואַך. זאָל שוין זיין וואָס ס׳האָט צו זיין. איך מוז מיך אָפּרוען אַ פּאָר מינוט. איך האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אינעם טיש און עס איז מיר באַפאַלן אַ דרימל. הונדערט טויזנט פּעזעס וואָלט איך געגעבן מען זאָל מיך לאָזן אָפּשלאָפן אַ פּאָר מינוט. נאָר דער עול טראָגט מיך אויף... דערווייל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער ווי מיין ווייב איז אַרויס פונעם באָד־צימער און דורכן קאָרידאָרל צוריק אַריין אין שלאָפצימער... דערווייל האָבן זיך מיר די אויגן גענומען פאַרקלעפּן, און אַזוי מיט פאַרקלעפּטע אויגן האָט זיך מיר גענומען אויסווייזן, אַז איך הער ווי אַ מאַן וואַרגט מיין פרוי און זי ראַנגלט זיך מיט אים... כאַטש די פיס האָבן זיך מיר גע־בראָכן און ס׳האָט מיר נאָך גוט געשווינדלט פאַר די אויגן, בין איך צו־געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער צום שלאָפצימער און מיטאַמאָל האָב איך געגעבן אַ פּראַל־אויף די טיר און — און... און... כ׳האָב געטראָפן מיין ווייב, מיין קאַטאַלינאַ, מיין פרוי, מיט אַ מאַן... אוי! אוי! — האָט זיך דניאלס פּנים פאַרקרימט פון גרויס ווייטיק, ווי עס וואָלט אים ווער אַריינגעשטאָכן אַ שפּיז אין דער פּלייצע אַריין.

יונה האָט זיך פאַרדרויטלט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און חנא איז גאָר בלאַס געוואָרן, האָט ער געזוכט מיט די פינגער עפּעס אַ זאַך וואָס ער זאָל קענען איבערברעכן, האָט ער נישט געפונען און די ליפּן האָבן ביי אים גענומען ציטערן פון אויפרעגונג.

דניאל האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און ווידער דערציילט און זיך געבראָכן די פינגער:

— אין איין סעקונדע אַרום — איך ווייס אַליין נישט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזוי פיל כוח, נאָכדעם ווי איך בין נאָר־וואָס געוועזן אַזוי אָפּגעשוואַכט — האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די בראָנדזענע ווע־נוס סטאַטוע, וואָס שטייט אין אַ ווינקל נעבן מיין קאַטאַלינאַס מאַרמאָ־רענעם טואַלעט קאָמאָד; דאָס סטאַטועלע האַלט אפשר אַ מעטער די הויך. אַזאַ שמאָל שטיל ליאַלקעלע, וואָס וועגט אַזעלכע אַכציק קילאָ. איך האָב אויפגעהויבן דאָס שטיק בראָנדז איבער זייערעביידנס קעפּ... יאָ, עס האָט געפעלט נישט מער ווי איין אויגנבליק און — איך וואָלט דאָס גע־טאָן! ביידע האָבן זיי אויסגעשטרעקט צו מיר זייערע שמוציקע הענט און געבעטן איך זאָל זיי שענקען דאָס לעבן... קאַטאַלינאַ האָט מיר אָנגע־הויבן צו קושן די שיך און מיט אַ גרויס געוויין האָט זי געבעטן איך זאָל אונדזער קינד נישט מאַכן פאַר קיין יתום. און ער, איר געליבטער? — ער האָט זיך באַהאַלטן הינטער איר פּלייצע, אַז איך האָב געמיינט, אַז ער האָט באַקומען אַ נערוון־אַטאַקע... און עס האָט מיך געעקלט צוצוזען אַזאַ סצענע... פוי!! האָט דניאל אויסגעשפּיגן מיט איבלעניש. — בוענאָ, גוט. איך בין געוואָרן ווייך און גערירט... איך האָב אַוועקגעשטעלט די פיגור צוריק אויפן אָרט און איך האָב זיי בלויז אָנגעשפּיגן אין די פּנימער אַריין. איר, קאַטאַלינאַן, האָב איך קיין וואָרט נישט געזאָגט. בלויז אים. איר געליבטן, מיין געוועזענעם שותף, אָסקאַר הייסט ער, האָב איך גע־זאָגט, אַז ער וועט שוין קומען אויף אַנדערע הענט: עס וועט קומען אַ גוטער גוי און ער וועט אים שוין דערציילן די מעשה! איך האָב נישט גע־וואָלט זיין קיין מערדער. איך האָב דאָס געטאָן צוליב מיין מיגעליטאָן, צוליב מיין קינד... מיין מיגעליטאָ, איז שוין, נעבעך, אַזוי אויך גענוג געשטראָפט געוואָרן פון גאָט און ער וועט זיך שטענדיק דאַרפן שעמען... אַז ווי צו מיין לעבן! — איז דניאל אַנטשוויגן געוואָרן אַ סאַפּנדיקער און זיך ווידער אַמאָל פאַרשטעלט מיט אַן אַרבל דאָס פּנים.

— האָסט גוט געטאָן דניאל! איך בין איצט שטאָלץ מיט דיר! ביסט אַן אמתער מענטש און האָסט טאַקע אַ יידיש האַרץ... וועסט נאָך צוריק זיין גליקלעך אויך. מילא עס פּאַסירן אַזעלכע זאַכן — איז יונה געוואָרן גערירט. טרערן זענען אים שטיין געבליבן אין די אויגן און עס האָט אים

אַנגעהויבן שטיקן אין האַלדז דעם חברס בלוטיקער צער, דעם חברס ברע־נענדיקע בושה.

— אוי, גאַטעניו, וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אויף דער אומגליק־לעכער וועלט... — האָט חנא פֿאַרבראָכן מיט די הענט און אַ טופּע גע־טאָן מיט די פּיס, ווי ער וואָלט צעטראָטן אַ שלאַנג — אַזאַ אויסוואורף!

—האָ, יונה, האָסטו זיך ווען אַמאָל פֿאַרגעשטעלט, אַז מיין קאַטאַ־לינאַ, דאָס שטילע טייבעלע — האָסט זי דאָך אַמאָל, אַ סך מאָל געזען; האָסט מן־הסתם געמיינט, אַז מיין ווייבעלע קאָן קיין צוויי ניט אָפּציילן...
— האָט דניאל אָוועקגענומען דעם אַרבל פֿון פּנים און זיך צוגערוקט נעב־טער צו יונהן און אים טיף אַריינגעקוקט צווייידייטיק אין די אויגן אַריין — האָסטו זיך, יונה, געקענט פֿאַרשטעלן אַז דאָס שטיק נבלה, וואָס גאָט האָט מיר באַשערט, אַז זי, קאַטאַלינאַ, איז נאָך געוועזן אַ זונה, ביי איר מאַמען אין בויך... האָ? — האָט זיך דניאל נאָך גאָר נענטער צוגעבויגן צו יונהן, אַזאַ צעווייקטער פֿון זיבן שווייסן, האָט ער אים אַריינגעהויכט מיטן שווערן אָטעם אין די אויגן אַריין, אין מויל אַריין.

יונה האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן אָפּרוקן פֿון דניאלן. אין איין רגע זענען זיינע אויגן אויסגעטריקנט געוואָרן פֿון די אָנגעקוואָלענע רחמנות־טרערן, וואָס האָבן מיט מינוטן פֿריער אַרויסגעפּינקלט פֿון זיינע מילדע און געטרייע שוואַרצאַפּלען; זיינע שאַרף קאַנטיקע קינבאַקן זענען נאָך שאַרפֿער און קאַנטיקער געוואָרן און אויף די ווינקלען פֿון זיינע ליפּן האָט אויפגעשפּילט אַ פֿאַרסמטער שמייכל ווי פֿון נקמה און שאַדנפֿרייד; יונה האָט פֿאַרשנאַבלט זיין נאָז ווי ביי אַ רויב־פֿויגל — האָט ער זיך צו־זאַמען מיט דער שטול נאָך אַלץ ווייטער אָוועקגערוקט ווי מען דערוויי־טערט זיך פֿון אַ פֿאַרפּעסטעטן, אַ מצורע — און, באַלד איז ער גאָר אויפגעשפּרונגען פֿון דעם אָרט ווי אַ גיפֿטיקע שפּין וואָלט אים אַ פּיק געטאָן, האָט ער זיך צעשריגן אַן אויפגעקאָכטער:

— הער זיך נאָר איין, דניאל: דו, צדיק אין פּעלץ... איך וויל אַזעל־כע שמוציקע ווערטער וועגן דיין ווייב נישט הערן. האָסט פֿאַרשטאַנען? איך האָב דיין פֿרוי געזען אַ פּאָר מאָל און איך קען זי אפֿילו נישט; איינ־מאָל, מיט אַ זעקס יאָר צוריק האָב איך זיך באַקענט מיט איר אין טעאַ־טער ווען דו האָסט זי מיר פֿאַרגעשטעלט. איך האָב נאָך מיט דער פֿרוי קיין דריי ווערטער נישט אויסגערעדט און איך פֿיל, אַז דיין פֿרוי, די קאַ־טאַלינאַ, איז נישט קיין... כ׳מיין וואָס דו זאָגסט!... דיר, דיר דאַרף מען

אָנשפּייען אין פּנים אַריין! דו חיה־רעה, וואָס דו ביסט! אויב דו וועסט נאָך איין מאָל ריידן מיט דעם שמוציקן לשון דיינעם — זאָלסטו בע־סער שוין אַוועקגיין פון דאַנען, פון דעם טישל — און ברעך הענט און פיס! — האָט זיך יונה ברוטאַל אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דניאלן, האָבן זיך די מילדע אויגן זיינע צעברענט מיט קאַלטע, גזלנישע פייערן און די ליפּן זענען אים געוואָרן פאַרשוימט פון פּינע.

— וואָס, וואָס? — וואָס האָב איך דען געזאָגט? — איז דניאל אַריינגעבראָכן געוואָרן אין דער שטול אַריין און די אויגן זענען אים גרויס געוואָרן פון שרעק און פאַרווירונג — וואָס, דאָס זענען דיינע טרייסט־ווערטער צו אַ פריינט?... יונה... —האָט ער אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן און די ליפּן האָבן ביי אים גענומען ציטערן ווי ביי אַ פאַר־זינדיקט קינד, וועלכן דער טאַטע גרייט זיך צו אָפּצושמייסן. — דו, יונה, פאַרטיידיקט די... די... — האָט ער שוין נישט געוואָגט מער אַרויפ־צוברענגען דאָס נידערטרעכטיקע וואָרט אויף די לעפצן אַרויף.

—יאָ, יאָ, יאָ! —האָט זיך יונה צוריק אויסגעדרייט צו דניאלן און אים אַריינגעטייטלט מיט אַ פינגער אין די שוואַרצע אַפּלען אַריין — צו דיר מוז מען ריידן נאָר אַזוי! מען דאַרף נאָך אויסהערן דעם צווייטן צד אויך. ווען איך וואָלט געוועזן אויף דיין קאַטאַלינאַס אָרט, וואָלט איך דיך געשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָר באַלד, אַ וואָך נאָך דער חתונה! דו, ערלעכער מאַנספאַרשוין, וויפל שעה אין טאָג ליגסטו אָפּ אינעווייניק אין דעם־אָ שמוציקע אָרט, אין דער־אָ שמוציקער קנייפּע? — טייטלט יונה אַריין מיט אַ האַנט אינעם לאָקאַל פונעם טיגרע־באַר — איך, איך אָבסערוויר דיר שוין יאָרן. און יאָרן און בין געקומען צום באַשלוס, אַז דו ביסט געוואָרן אַ זשוליק, אַ געמיינער יונג און אַ כוליגאַן. וויפל מאָל בין איך געשטאַנען הינטער דיינע פּלייצעס און זיך צוגעהערט צו די שמוציקע רייד וואָס דו רעדסט בשעתן שפּילן... און איך האָב געהערט, אַ סך מאָל געהערט אַלע דיינע עקלהאַפטיקע באַרימערייען איבער פרויען... ביסט דאָך אפילו נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט דיך!... אויב דיין פרוי איז געוואָרן אויסגעלאַסן איז — ווייל דו האָסט זי זיכער דערפירט צו דעם. לויף שוין אַהיים, פאַל פאַר דיין ווייב צו די פיס זי זאָל דיר מוחל זיין. און אויב זי וועט דיר מוחל זיין — האָסטו נאָך אַ שאַנס צו־ריק צו ווערן אַ מענטש. אוודאי אַזאַ כלב ווי דו האָט כשר פאַרדינט דעם שטעקן! — איז יונה אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן נערוועאיש צי־

טערן פון אויפרעגונג, האָט ער זיך נאָך אַביסל אַלץ ווייטער אַוועקגערוקט פונעם קאַפע־טישל, מיט אַזאַ מינע אויפן פנים, ווי עס עקלט וועמען נאָענט צו זיצן נעבן אַ פּאַרלייזיקטן, האָט ער זיך אינגאַנצן אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דניאלן. פאַרביסן און פאַרקריצט מיט די ציין, האָט ער גענומען קוקן מיט כעס אויף חנאן, ווי ער, חנא וואָלט געוואָרן דניאל.

אַלע דריי מענער זענען אַנטשוויגן געוואָרן און חנא האָט אַראָפּגע־נומען די בליקן פון דניאלן. מיט אַמאָל האָט ער אים לייכט אָנגערירט און אים אַ פרעג געטאָן ווי אַן אויספאָרשער:

— זאָגט מיר, דניאל, ווי האָט איר געזאָגט, ווי הייסט דער געליב־טער פון אייער ווייב? — האָט ער זיך צוגעבויגן צו דניאלן זייער נאָענט און צוגענויגט זיין אויער.

— איר ווייסט ווער ער איז... אָסקאַר הייסט ער. ער איז אַ שטיקל צייט געווען מיין שותף. איך האָב דעם מנובל געמאַכט פאַר אַ מענטש, פאַר אַ סוחר... ער איז אַן אַלטער בחור, ער האָט ביז איצט נישט חתונה געהאַט, ווייל ער זוכט אַ יונג מיידל מיט אַ סך געלט... ער איז אַ קאַר־גער הונט! אוי... — האָט דניאל זיך איינגעקאָרטשעט ווי עס וואָלט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער ווייטיק אין בויך.

— אַז צעשניטן און צעשמעטערט זאָל ער ווערן אויף פּיץ פּיצעלעך!

— האָט חנא אַרויסגעברילט די קללות און אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פויסט אינעם טישל אַריין, אַז די גלעזער האָבן זיך צעקלונגען. ער האָט באַלד האַסטיק זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט:

— מאַסאַ, מאַסאַ, קעלנער! — האָט ער ווי אַ צעחושטער זיך גע־נומען דרייען אויף אַלע זייטן פונעם טראָטואַר — ווו האָט ער זיך באַ־האַלטן, דער קעלנער? — האָט ער זיך אַן אומגעדולדיקער מער נישט געפונען קיין אָרט — יאָ, איך בין שוין מיד און וועל שוין אַהיימפאָרן. איך האָב מיך שוין אויפן נייעם טאָג אָנגעהערט מיט זייער פיינע זאַכן — האָט ער ווי אַ צעמישטער אויסגעטאָן די ברילן, צוריק אָנגעטאָן און צוריק אויסגעטאָן.

— גיי, גיי. היינט דאַרף איך באַצאָלן — האָט יונה אַרויסגענומען אַ האַלבן נישט־אויסגערויכערטן ציגאַר און פאַררויכערט. ער האָט געבלאָזן מיט כעס דעם האַרבן רויך צום הימל:

— וואָס, חנא, וועסט נישט וואַרטן אויף אַ צייטונג? ס׳וועט באַלד

זיין אַ נייע ציַיטונג, — האָט יונה געקוקט מיט געבעט צו חנאן, גע־ווונקען, אַז ער זאָל אים נישט איבערלאָזן אַליין מיט דניאלן.

— לאָזט מיך באַצאָלן. אוי, צו וואָס דאַרף איך נאָך לעבן אויף דער וועלט... — האָט דניאל אַוועקגעלייגט געלט אויפן טיש און זיך איינגע־הויקערט.

— נו, נו... — האָט חנא אַוועקגעקוקט אין אַ זייט אַריין און נישט אין אַכט גענומען יונהס שטילן פאַרלאַנג — נו, האָט מיר, יידן, אַ גוטע נאַכט — האָט ער אַ כאַפּ־אַראָפּ געטאָן זיין רעקל פון דער שטול און שנעל אַוועקגעשפּרייזט.

דעם גאַנצן וועג אַהיים ביז אין זיין צימערל אַריין, האָט חנא גע־שפּאַנט צופוס. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ביי יעדן ראָג־גאַס איז ער שטיין געבליבן, אַרומגעקוקט זיך זייער פאָרזיכטיק. אין דער שפּעטער נאַכט־שעה דאַרף מען זיך פאַר די אויטאָס היטן מער ווי אין מיטן העלן טאָג! ער האָט אַ געדולדיקער דורכגעלאָזן די אויטאָמאָ־בילן, וואָס האָבן אַהיימגעאײַלט פון די נאַכט־לאָקאַלן און פון די הינטער־שטאָטישע שפּאַציר־פּלעצער. די מאַשינען האָבן געשאָרכט, געררוישט און געיאָגט מיט זייער געאײַלטן פאַרטאָגיקן און הפקרדיקן אימפּעט און אָנ־געיאָגט אַ ווינט, זענען זיי דורכגעפלויגן ווי ריזיקע פייגל מיט צונויפגעלייג־טע פליגל, וואָס ציען דורך גאָר נידעריק איבערן פינצטערן שפּיגל־פלאַך פון דער ערד; די אויטאָס טאָרן נישט טרובען אינעם שפּעטן פאַרטאָג, נאָר זיי מעגן בלענדן און פאַרבלענדן די דורכגייער אויף די גאַסן־קרייצן, סיגנאַליזירן זיי מיט קאַנוסן רעפלעקטאָר־שטראַלן, שטעכן זיי אַריין ליכט־פייַלן אין דער גאַסן־פינצטערניש און איילן אַוועק איבער די קילאָ־מעטער־לאַנגע און גרויסע גאַסן — יאָגט אויך פון די אויטאָמאָבילן אַרויס מיט ביטול, גרינגשעצונג און פאַראַכטונג צום פוסגייערס ביסל לעבן...

אויף אַ ראָג גאַס האָט אַ פּאָליציימאַן אָנגעהויבן צו פייפן און פון אַלע דערנעבנדיקע גאַסן האָט מען אים אָפּגעענטפערט מיט די זעלביקע פייפערייען און גאָר ווייט האָבן נאָך שטילערע אָפּקלאַנגען און עכאָס פאַר־נעם פייפעניש אַוועקגעהילכט אין די ווייטענישן אַריין. און ביי חנאן אין געמיט האָבן מיטגעפייפט נישט־געזעענע שדים; זיי האָבן אים געפּויקט אין קאָפּ און אינעם מוח, האָבן געוואַלדעוועט: „חנא, דו האָסט געהאָלפן, — מיט דיין נאַריש מויל האָסטו צוגעהאָלפן — מיט דיינע בלינדע און אידיאָטישע אויגן האָסטו צוגעהאָלפן חרוב מאַכן אַ שטוב... אַ היים...

האָסט מיט דיינע אייגענע הענט איינגעוואָלגערט אַ הויז... אַ יידיש הויז... האָסט צעשיידט אַ פּאָר־פאָלק! זיי האָבן נישט געלעבט „ווי עס באַדאַרף צו זיין", אָבער, דו האָסט צוגעלייגט אַ האַנט..."

חנא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן און קלינגענדיקן פּראַסק אין דער באַק אַריין און דערנאָך האָט ער זיך אַ פעסטן קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין דער ברוסט אַריין און זיך געצאַפּלט אַ באַשלאָגענער מיט אַנגסטן: „איך? זאָל איך אַזוי איינגאַנצן נישט בלינד ווערן, ווי איך האָב פון גאָרנישט אַנגעהויבן צו וויסן! איך זאָל אַזוי מער פון קיין צער נישט וויסן! גאָט, מיין גאָט... ווער האָט גאָר געקענט איינפאַלן אַזאַ זאַך?.." — האָט חנא געהאַלטן אין איין בוכצען אין דער אייגענער ברוסט אַריין און געענטפערט דעם אייגענעם געפייניקטן געוויסן.

די שדים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן חנאן ווי אַן אַרמיי מיט אַנגעגליטע שפּיזן אין די הענט: „אַהאַ! אַהאַ! אַהאַ! אז דו האָסט אים נישט געזען זיצן און שפּילן — פּאַרוואָסזשע, פּאַרוואָסזשע, פּאַר־וואָס האָסטו אָסקאָרן געזאָגט, אַז דניאל זיצט ביי דעם טישל און שפּילט? האָסט אונטערגעפירט... אַהאַ!"

חנא האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין גאַנג און צעגומען מאַכטלאָז די הענט: איך בין דאָך נישט אויסן געווען קיין שום שלעכטס. איך האָב דאָך גאָרנישט חושד געווען! וואָס גייען מיך דען אָן יענעמס שמיציקע געשעפטן?.. איך דאַנק דאָך און לויב זיין ליבן נאָמען, אַז מען לאָזט מיך רואיק אָפּאָטעמען, אַז מען לאָזט מיך רואיק לעבן... בין איך קיין ייד נישט, אויב איך האָב פון עפּעס־וואָס געוווּסט!" — הייבט הנאן אָן צו שטיקן אין האַלדז און ער שלינגט אַראָפּ אַ שלונג מיט ביטערע טרערן.

חנא איז אַריינגעפאַלן אין זיין צימערל אַריין אַ דערשעפּטער, אַן אויסגעמאַטערטער און אַ נאַסער פון שווייס. ער מאַכט ליכטיק און נעמט זיך אויסטאָן. דערנאָך כאַפּט ער אַ האַנטעך און ווישט זיך אָפּ דעם שווייס. אוי, ווי גוט עס איז אים איצט אין דעם קליינעם צימערל: דאָס קליינע חדרל איז אַזוי ווייט און אַזוי הויך איבער דער ערד, אַזוי ווייט אָפּגערוקט און אָפּגעשיידט פון דעם גאַנצן וואָכעדיקן טומל, פון דעם אייביק וואָכעדיקן לעבן, וואָס איז איינגעשמירט אין שמוץ, אין פאַלשקייט און אין חיהשער גיריקייט... אַז אָך און אַז ווי איז צו דעם גאַנצן ביסל ביטערן לעבן, וואָס גערייעט דאָרטן אין יענעם ווינקל פון דער שטאָט... ווי גוט וואָלט אים געווען, חנאן, ווען ער זאָל זיך קענען אויף אייביק

אפשליסן אין דעם צימערל און צו קיינעם נישט דאַרפן אנקומען... נאָר ווי אַזוי קען מען דאָס מאַכן, ווי אַזוי קען מען אַזאַ זאַך אויספירן... ניין, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס, אַז מען זאָל זיך נאָר באַגעגענען מיט די פּאָר גוטע מענטשן, וואָס זענען דאָ, און אויסמיידן די שלעכטע און די פאַר־דאַרבענע... אוי, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? — פאַרברעכט חנא זיינע הענט און וויגט זיך אַזוי ווי אַ קראַנקער אין זיין פיין.

אַ לענגערע ווילע בלייבט ער זיצן אויף זיין בעטל ווי אַן אַנט־דרעמלטער. באַלד דערפילט ער ווי עס יאָגט אויף אים אַ שרעקלעכע היץ און אַ שטיקעניש. עס ווערט אים אַזוי אויסטערליש ענג און ער דער־פילט זיך אַזוי איינגעפּרעסט, ווי גאָר אָפּט, אין די פאַרנאַכטן, ווען ער פאָרט אין דער אונטערגרונטבאַן.

איינמאָל, פּלוצלינג, איז די אונטערגרונט־באַן שטיין געבליבן אי־נעם פינצטערן טונעל מיט אויסגעלאָשענעם ליכט צוליב עפּעס אַ סיבה; צוליב אַ קורצשלוס האָט זיך איבערגעריסן דער עלעקטרישער שטראָם. אַ צען מינוט איז מען געשטאַנען אין דער געדיכט־געפּרעסטער פינצטערניש און פיינלעכער אומדערטרעגלעכער ענגשאַפט. אַ מוטער איז געפאָרן מיט אַ קליין מיידעלע. זי האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף דער שויס. דאָס קינד — אפשר דריי אָדער פיר יאָר אַלט — איז געוואָרן ווילד־משוגע פון שרעק, האָט עס זיך געצאַפּלט און געדריגעט מיט די פיסלעך און געוואַל־דעוועט מיט איבערמענטשלעכע געוויינען און געשרייען, אַז שוין, אַז מען זאָל שוין צוריק מאַכן ליכטיק! שוין זאָל מען מאַכן ליכטיק! — האָט דאָס מיידעלע געשלאָגן און ווילד געביסן דער מוטער. עטלעכע פּאַסאַ־זשירן האָבן אָנגעריבן שוועבעלעך, געלויכטן צום קינד אין פּנימל אַריין, גאָר דאָס קינד האָט זיך נישט באַרואיקט: „מיר וועלן דאָ שוין בלייבן אייביק! אייביק...“ — האָט דאָס קינד געשפּיגן צו די אָנגעצונדענע שווע־בעלעך.

אַ גרויליקער ציטער איז דורכגעלאָפן צווישן דער איינגעפּרעסטער מענטשן־מאַסע און די ענגשאַפט איז געוואָרן נאָך ענגער און די פינצ־טערניש נאָך שוואַרצער, געדיכטער און אימהדיקער; ענדלעך האָבן די מאָטאָרן אונטער די וואַגאָן־דילן אַ ציטער געטאָן, און עס איז מיטאַמאָל, צוריק ליכטיק געוואָרן. נאָר דאָס קינד האָט ערשט דעמאָלט צוריק איינ־געגראָבן דאָס קעפּל אין דער מוטערס ברוסט אַריין, געבעטן, זי זאָל מיט איר שנעל אַרויסגיין פון דעם אָרט, ווייל ס'וועט באַלד צוריק פינצטער

ווערן און מען וועט דאָ מוזן בלייבן אויף אייביק און — — — — —
— — — און חנא פילט איצטער, עס ווייזט זיך אים אויס, אַז די היץ און די ענגשאַפט אַרום אים וואָס דערדריקט, וועט שוין, מסתמא, אייביק נישט אָפּטרעטן פון אים... שטייט ער אויף, לעשט אויס דאָס עלעקטרישע לעמפּל, גענענט ער צוריק צום באַלקאָנדל וואָס פאַר זיין טיר. גיט אַ שפּרונג אַרויף אויף דעם אייזערנעם געלענדערל, כאַפּט אָן מיט די הענט דעם דאַך־קאַרניז און ציט זיך אַרויף אין דער הויך. ער בלייבט שטיין אויפן דאַך מיטן פּנים צום טייך — צום לאַ־פּלאַטאַ־טייך, דער בלייאיק־זילבערנער טייך, דער ברייטסטער טייך אין דער וועלט — קוקט ער צו די טרויעריקע, געלבלעך־בלאַסע פייערלעך, וואָס מיניען פון דעם פּאַרט: דאָרטן אויף די שיפן, אויף די מאַסט־ביימער, וואָס שטייען פאַראַנקערט נעבן אַרגענטינעס ים־ברעג, מיניען זיך רויטע, גריי־נע און מילך־ליכטיקע פייערלעך, רוען זיי זיך אָפּ פון וואָגלען אויף די ימים און מאָרגן, איבערמאָרגן, וועלן זיי ווייטער אַוועקוואָגלען... חנא זיפצט־אָפּ און אָטעמט אַריין פולע לונגען מיט ים־לופט, וואָס אינעם פאַרטאָג האָט עס אַן אַנדערן טעם און ריח; חנא דרייט אויס דעם קאָפּ אין דער מערב־זייט אַריין און באַלד קערט ער זיך אויס מיטן פּנים אין דרום־זייט: אַן אויסגעשפּרייטער העלער רויך־וואָלקן, ווי אַן אָפּגעריסע־נער און אַוועקגעפלויגענער ריזיקער זעגל פון אַן אויסטערליש גרויסער שיף, שפּרייט זיך אויס אין אַ דיאַגאָנאַל־פּאַס איבערן דאַך פון דער שטאָט; ערגעץ, גאָר נישט ווייט, פלאַקערן איצט די שטאָטישע מיסט־אויוונס און דער רויך צוזאַמען מיטן ריח שפּרייט זיך אויס און שוועבט אַוועק אפילו צו די אַריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלן צום מזרח־צפון פון דער שטאָט און גיט זיי אויך אַ רעשט פון דער מעטראָפּאָליעס מיסט־אויוון: נו, זאָל זיי, דאָרטן, אויך שמעקן אַביסל! — גיט חנא אַ שמייכל מיטן שאָדן־פרייד — עס איז נאָך פאַראַן אַביסל הימלישע גערעכטיקייט... — פאַרגעסט ער אויף אַ ווײלע אין אַלע זיינע אויסטערלישע פּאַסירונגען, קוקט ער מיט חידוש ווי דער וואָלקן ציט אַוועק אַ געיאָגטער פונעם מאָרגנווינט.

די שטערן אין הימל האָבן זיך גענומען לעשן און חנא האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג אויף די לעבלעכע דאַך־קאַכלעס; די נאָך נישט אויסגעלאָשענע בלאַסלעכע שטערן בלינצלען אַריין צו חנאן אין די שוואַרץ־אַפּלען ווי שלעכט־בייזע אויגן פון ווילדע חיות־רעות,

שטעכן אים ווי מיט נאָדלען; חנא קאָרטשעט זיך ווי אַ האַלב־צעטראָ־
טענע שלאַנג און זיין פּיין טויכט צוריק אויף: האָסט, חנא, אָנגעאַר־
בעט אַ גרויס אומגליק! אַ מענטש דאַרף היטן די צונג! אַ מענטש מוז
אייביק זיין אַ מענטש... — מוסרט ער זיין פאַר־זיך־אַליין פאַרזינדיקטן
געביין.

ביז די זון איז אויפגעגאַנגען האָט חנא געקוקט צום הימל און גע־
זיפצט. עס האָט אים קיין רגע שלאָף נישט גענומען. און אַז ביים האָרי־
זאָנט אין מזרח־זייט, האָט, ווי פון אַ בלייאיקן הימל אַרויס, אַזאַ הימל
וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט און געוויסערט אויף דער ערד, אַן אויף
אייביק אַן אַראָפּגעפּאַלענער אויף דער ערד אַראָפּ — דער ברייטער לאַ־
פּלאַטאַ־טייך — אַז עס האָט אָנגעהויבן אַרויפטויכן פון די געלבלעך־מוט־
נע און בלייאיק־זילבערנע וואַסערן אַרויס אַ שטיק פייער־רויט זון־ראָד —
די אויפגייענדיקע זון — איז חנא אַראָפּגעקראָכן צוריק אין זיין צימערל
אַריין, האָט פאַרהאַנגען זיין טיר מיט אַן אַלטער קאָלדרע און אַרויפגע־
פאַלן אויף זיין בעטל. דער שלאָף האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט: ער
האָט אָנגעהויבן שווער צו שנאַרכן און אין מיטן שנאַרכן האָט ער עפּעס
אָנגעהויבן ריידן פונעם שלאָף; באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו זיפצן, צוריק
אָנגעהויבן שנאַרכן און אַנטקעגן אים איז געזעסן דניאל און אומאויפ־
הערלעך געוויינט מיטן פאַרשעמטן פּנים; חנא האָט אים געוואָלט טרייסטן
און וויפל מאָל נאָר ער האָט געוואָלט אויסשטרעקן זיינע הענט צו דניאלן
אויף צו גלעטן אים און טרייסטן — האָבן חנאס הענט, די שטאַרקע
הענט, זיך אפילו נישט געקענט אַ ריר טאָן, ווי זיי וואָלטן געווען גע־
ליימט און פאַראַליזירט. יונה, דער לינאָטיפּיסט, זיין גוטער און געטרייער
חבר זיצט אויף אַ קאַנט פונעם בעטל און וויגט אַ קליין און קראַנק קינד
אויף זיינע הענט; דאָס קינד וויינט און קען פון גרויסע יסורים נישט פאַר־
מאַכן די אייגעלעך; אויפן טישל זיצט, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס,
וויקטאָר פּעסין, דער גרויסער יידישער אַקטיאָר; ער וויינט אויס אַ קלאָג־
ליד אַן ווערטער, נאָר, מיט אַ האַרצרייסנדיקן ניגון... ניין, דאָס איז
נישט גלאַט קיין קלאָג־ליד, דאָס זאָגט ער קינות: „גם עליך תעבר כוס
— צו דיר אויך וועט אַריבער דער כוס"... וועסט חנא, אויסטרינקען דעם
כוס פון ביטערניש!.. אוי, ער, דניאל, וועט דאָס נישט אויסהאַלטן... אוי,
ווען ער קען אויסשטרעקן די הענט. אָבער...

...אָבער, עס איז שוין געווען גאָר שפּעט נאָכמיטיק, ווען חנא האָט

זיך איבערגעוועקט און איז אַראָפּגעקראָכן פון זיין בעטל. ער איז געבליבן זיצן ווי איינער, וואָס האָט זיך איבערגעוועקט פון אַ הינערפלעט. ער האָט זיך גענומען שנעל אָנטאָן. עס איז אים באַפאַלן אַן איילעניש און ער האָט אַליין נישט געוווסט צו וואָס און פאַרוואָס ער איילט זיך אַזוי: היינט איז דאָך שבת — האָט ער זיך דערמאָנט — און יעדן שבת נאָכמיטיק טוט ער אָן דעם שענסטן אנצוג וואָס ער האָט און „ער מאַכט זיך יום־טובדיק"; נאָר היינט וועט ער אַזוי נישט טאָן. באַלד שטעקט ער אַרויס דעם קאָפּ דורך דער טיר פון זיין צימערל און כאַפּט אַ קוק צום שטיקל הימל: אוי, ס'איז כמארנע — דערפרייט עס אים — בעסער אַזוי, זאָל שוין טאַקע רעגענען, וועט אפשר נאָכלאָזן די משוגענע היץ... ער כאַפּט אַ קוק אויף זיין האַנט־זייגערל, וואָס ליגט אויפן טישל. אוי, ס'איז שוין צוויי אַזייגער! טפו זאָל דאָס ווערן! — שפּייט ער אַריבער איבער דער שוועל.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז שוין חנא געווען אָנגעטאָן, אָפּגעוואַשן און פאַרקעמט. ער לויפט דורך דעם האָל און כאַפּט אַ קוק צו די פאַרמאַכטע טירן פון די צימערן: די גאַנצע דירה איז ווי אויסגעשטאָרבן. זומער־צייט, יעדן שבת נאָכמיטיק לאָזן זיך די באַלעבאַטים, דאָן הערמאַן און דאָניאַ קלאַראַ, אַוועק אין די פאַרשטעטלעך ביים לאַ־פּלאַטאַ־טייך און זיי קומען צוריק זונטיק, שפּעט ביינאַכט; דער צווייטער סוב־לאָקאַטאָר, חיים־משה כראַפּעט אין זיין צימער און בעט מסתמא ביים רבונו־של־עולם, אַז די קלאַראַ און דער הערמאַן זאָלן נישט דערלעבן צוריקצוקומען... חנא פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און בלייבט שטיין ביי דער ווינדע. אין אַ צען מינוטן אַרום בלייבט ער שוין שטיין אויף דער שוועל פונעם יידישן רעסטאָראַן.

— טשע, חנא, קום נאָר אַהער צו מיר! — גיט אים אַ רוף דער ד"ר משה־דוד אַטלאַס, ווי נאָר ער, חנא, איז שטיין געבליבן אין דער טיר און זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן — קום נאָר אַהער, פריינטעלע, אַמיגאָ... — ציט ער אויס זיין ריזיקע האַנט ווי ער וואָלט געלייגט קלאַפּטערס אין אַ טייך בעתן שווימען — ווענגאַ, קום אַהער!

חנא בלייבט שטיין ביים דאָקטערס טישל מיט אַזאַ אַראָפּגעלאָזטן דערשלאָגענעם קאָפּ:

— וואָס איז, דאָקטער, וואָס? — קוקט אים חנא אַריין מיט באַהאַלטענער שרעק אין די גוטע צעטראָגענע אויגן, און עס ווייזט אים

אויס, אַז מסתמא האָט זיך שוין דער דאָקטער עפּעס דערוווּסט און באַלד וועט ער אים אָפּזידלען, פרעגן אים צי אַזוי־אַ טוט אַן ערלעכער מענטש...

— גאַרנישט איז — גיט אים דער דאָקטער אַ כאַפּ אַן ביים דופּק ווי מיט אַ צוואַנג און גיט אים מיט כוח אַ זעץ־אַראָפּ אויף דער שטול אַנטקעגן אים — זעץ דיך שוין אַוועק און עס אַ שטיקל געפילטע פיש

— ס׳איז גאַרנישט צו באַצאָלן, ווי איך בין אַ יידן! — קוקט אים דער דאָקטער מיט געבעט אין די אויגן אַריין.

— ניין, ניין — ווערט ערשט חנא ביי זיך נאָך מער געפאַלן — אַ שיינעם דאַנק אייך, דאָקטער. איך פיל מיך היינט זייער נישט גוט... אַ גלאָז טיי וועל איך יאָ טרינקען — פאַרענטפערט זיך חנא מיט אַ גע־בראָכן קול — אוי, פיקט עס ביי אים אין מוח — ווען ער, דער דאָקטער זאָל זיך דערוויסן וואָס איך האָב דאָ אָנגעאַרבעט — וואָלט ער מיך אַוועק־געטריבן ווי אַ פאַרשיוון הונט...

— גיי שוין, גיי, מאַך זיך נישט נאַריש. — גיט אים דער דאָקטער לייכט און צאַרט אַ שנעל אין דער נאָז אַריין — דאַרפסט חתונה האָבן, חנא, וועסטו זיך פילן גוט. ביסט אַ געזונטער זשלאָב, אַ געזונטער אָקס...

— צמאָקעט ער שוין אָפּ אַ ביינדל פון אַ חרוב געמאַכטן פיש־קאָפּ.

— פונדעסטוועגן פיל איך מיך נישט גוט... איך בין אויף גרויסע צרות... — ווערט חנאס קול שטיל פאַרקלאָגט און ער דרייט אַוועק דעם קאָפּ.

— נו, גיב־זשע מיר נאָר אַ קוק אין די אויגן אַריין — גיט אים דער דאָקטער אַ שפּאַר־אַרונטער אַ פעט־קלעפּיקן פינגער אונטער דער גאמבע און גיט חנאן אַ פאַרשנדיקן קוק אין די אויגן אַריין — ביסט געזונט ווי אַ בער, — נעמט זיך דער דאָקטער אָפּווישן די פעטע הענט מיט אַ סער־וועטקע.

— אפשר, אפשר... — דרייט חנא עקשנותדיק מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן און פון די נעכטיקע איבערלעבענישן באַפאַלט אים פלוצים אַ צי־טערניש אין די קניען, אַז דאָס טישל הייבט אָן מיטצוציטערן — איך בין אַ מינוט צום שטאַרבן... — ווערן אים די אויגן פייכט און די ברילן שייבלעך פאַרהויכט.

— אויב אַזוי, אַזוי גאָר? — פאַרלירט דער דאָקטער זיין זיכער־קייט און הייבט אָן צו קוקן אויף חנאס הענט — קום מיט מיר שוין אַריין אין דער סאַנאַטאָריע וועל איך דיך באַטראַכטן, וועט מען וויסן ווו

מיר זענען אין דער וועלט — צעגענעצט זיך פּלוצים דער דאָקטער פון זאַטקייט.

— אָ, ניין — איצטער נישט! — ווערט חנא פאַרצאַפּלט אין זיין אייביקער שרעק פאַר דאָקטוירים — היינט נישט. די אַנדערע וואָך וועל איך מיך צו אייך אַריינכאַפּן.

— אַלזאָ? — ווערט דעם דאָקטערס גרויס פּנים ברוגז און בייז — באַשטעל עפּעס.

— אַ טיי, אַ גלאָז טיי! — גיט חנא אַ געשריי צום קעלנער, צו מנשהן, וואָס שטייט ביים בופעט און קלינגט מיט אַ פּולער קעשענע קליינגעלט — ברענג מיר, מנשה, אַ גלעזל טיי, ווייל איך האָב נאָך היינט אין מיין מויל נישט געהאַט... — צענעמט ער הילפלאָז די הענט.

— אוודאי, אַז מען לעבט נישט נאָרמאַל, ווערט די מאַשינקע קאַליע... אַז מען עסט נישט קען מען זיך נישט פילן גוט. פאָלג מיך, חנא, איידער וואָס און איידער ווען, זוכט מען זיך אויס אַ דאַמעטשקע — ווען עסטו פאַרשפּאָרן האָבן צו טאָן מיט די גאָרגל־שניידער... — ווייזט אָן מיט אַ פינגער דער דאָקטער משה־דוד אַטלאַס אויף זיך אַליין — אַ שאָד, אַז אַזאַ מאַן ווי דו ביסט זאָל בלייבן אַליין אויף דער וועלט... אַז עס זענען פאַראַן אַזוי פיל דאַמעטשקעס — בייגט זיך דער דאָקטער אַריבער איבערן טישל צו חנאס פּנים און באַהויכט אים מיט ברודער־לעכער געטריישאַפט.

— אַז איך בין אַ קאַליקע, אַ שלימזל... — פאַרגלאָצט חנא די אויגן און האַלט זיך איין ער זאָל זיך נישט צעכליפּען, אָטעמט ער אין זיך אַריין די־אַ פּשוטע גוטסקייט פון דעם האַרציקן מענטש און עס ווערט אים אַביסל פרייליכער אינעם צעפּייניקטן געמיט.

— ביסט נישט קיין שלימזל — דאָס איז אַן איינריידעניש! פאַר אַזעלכע ווערטער ביסטו ווערט מען זאָל דיך פּאַטשן... עס איז נישט שיין פאַר אַ מענטשן אַזוי צו ריידן. נו, שוין... זאָל איך אפשר בעטן נאָך אַ שטיקל פיש? — הייבט זיך דער דאָקטער פּלוצים אָן צו קראַצן אין קאָפּ אַריין און דרייט אויס נישט דעצידירט דעם קאָפּ צום בופעט — האָ, חנא, זאָל איך עסן אין אַזאַ היץ נאָך אַ שטיקל פיש? — וויל ער אָפּווענדן חנאן פון אַלע טרויעריקע מחשבות.

איידער חנא באַוויזט עפּעס צו ענטפערן, גיט פּלוצים אַ פאַרבלענד ביים טישל אַ ווייס פאַרבלענדעניש: אַ מיידל, אַ יונגיטשקע, אפשר זי־

בעצן יאָר אַלט, אָנגעטאָן אין אַ ווייס, שטייף אָנגעקראָכמאַליעטן כאַלאַט, אין אַ ווייסן קעפּיס, אין ווייסע זאָקן און אין ווייסע גומי־לעטשלעך — אַ סאמאריטאַנערן — בלייבט שטיין נעבן טישל; עס פאַרשמעקט מיט אַדעקאָלאָן, מיט עטער און עס שמעקט מיט אַ יונג לעבן, וואָס איז פול מיט ליכטיקע מיידלשע חלומות — שמייכלט זי מיט אַ האָרץ־פאַרמיק פנימל, זי כישופט מיט די פליישיקע רויזן־ליפּעלעך, כישופט מיט דער ברוינלעכער קאַווע־מיט־מילך הויט און זי וויגט זיך ווי אַ פּאַלמעלע אין אַ ווינטיקן טאָג.

— דאָקטער, אַנטשולדיקט... פּראָפ. אַלקאַרטאַ האָט שוין דריי מאָל געקלונגען. זייער דרינגענד... דאָקטער... — וואַרט זי אַ דינסט־גרייטע, פאַרוויטלט זי זיך מאָמענטאַל צוליב די אַלע מענערשע בליקן, וואָס זע־נען אויף איר אָנגעשטעלט געוואָרן, בויערן זי דורך און טוען איר אויס נאַקעט אין איר גאַנצער מיידלשער פּראַכט, קוקט זי נאָר צום דאָקטער אין די טונקעלע ברילן אַריין און גיט אפילו נישט אַ קוק אין חנאס זייט אַריין, ווי עס וואָלט ביים טישל געזעסן נאָר איין מענטש.

— שוין באַלד, טעכטערל — גיט זיך דער ד״ר משה־דוד אַטלאַס אַ שווערן הייב־אויף פונעם אָרט און לייגט אַרויף אַ האַנט אויפן מיידלס קאָפּ, אויפן ווייסן קעפּיס, ווי אַ טאַטע אויפן קאָפּ פון זיין טאָכטער — גייען מיר, וואַמאָס, קאַראַמבאַ... פּוטשאַ — געגאַנגען זאָל ווערן! — לאָזט ער זיך פּאַרויס מיט זיין צעטראָגנקייט צום אַרויסגאַנג.

— עס ווייזט זיך מיר אויס, דאָקטער, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום, וועט איר שוין פליען מיט אַן אַוויאָן... אַזוי ווייזט זיך מיר אויס, דאָק־טער... — לויפט זי אים נאָך און רעדט אין אים אַריין, ניין, זי זינגט אים אַריין אין אויער אַריין.

— איי, איי, איי! — כאַפּט זיך אָן דער דאָקטער ביים קאָפּ און נעמט נאָך שנעלער שפּרייזן.

— מען וואָלט געקאָנט לעבן... האָ? — איז אָנגעקומען דער קעל־נער מנשה מיטן גלאָז טיי אין דער האַנט, האָט ער ממזריש, ווי אַ יונ־גערמאַנטשיקל, אַ ווונק געטאָן מיט איין אויג און מיטן צווייטן אויג גע־קוקט צו דער טיר דורך וועלכן דאָס מיידל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— ער וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שטיקל סחורה... — האָט אַ דאַרער פאַרשוין מיט אַ גרויסן קנאָפּ אין דאָרן האַלדז זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די סקעלעטישע קניען אַריין.

— עס שמעקט נאָך אַלץ! מען קען פאַרשיכורט ווערן... — האָט אַן עלטערער ייד, אַ קלעזמער אויף אָרעמע חתונות, איינגעשנאָרכט די גרויסע נאַזלעכער און זיך אָפּגעווישט דעם פּליך מיט אַ קויטיק טיכל — איך האָב נאָך אַזאַ שיין כלהלע נישט געהאַט די זכיה צו פירן צו דער חופה... — האָט ער מיט התפעלות פאַרזשמורעט די אויגן.

— און איך? — איך האָב נאָך אַזעלכע ווילדע אינדיאַנער נישט געזען... —האָט חנא זיך אַריבערגעבויגן אַ בייזער איבערן גלאָז טיי.

אין רעסטאָראַן האָט געקאָכט און געזשומעט ווי אין אַ מוראַשניק: שבת נאָכמיטיק, קלייבן זיך צונויף און טרעפן זיך צוזאַמען חברים און לאַנדסלייט, וואָס זענען אַ גאַנצע וואָך אָפּגעריסן פונעם צענטער שטאָט: אפרים און מנשה האָבן שווער און ביטער געאַרבעט. ביידע האָבן געליאַ־רעמט, זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרליידן, וואָס מען רופט זיי אַלע ווילדע פון אַלע זייטן און מען פּאַטשט צו זיי מיט די הענט:

— סעניאָרעס, פון וועלכן הונגער־לאַנד קומט עטץ? — האָט אפרים געוואַלדעוועט.

— קאַבאַזשעראָס, יידעלעך, פון וועלכן קאָנצענטראַציע־לאַגער זענט עטץ אַרויס? וואָס אַפּלאָדירט עטץ? דאָ איז נישט קיין טעאַטער... די ידים וועלן אייך אָנהייבן וויי־צוטאָן... — האָט מנשה געשריגן און געשאָלטן מיט שפּאַניש־אַרגענטינישע קללות.

חנא האָט זיך מחיה געווען מיטן גלאָז טיי. און אַז ער האָט שוין געהאַלטן אין אויסטרינקען דעם לעצטן שליוק, האָט זיך עמיצער, שטייענ־דיקערהייט, געגעבן אַזאַ שפּאַר אָן אינעם טישל און איז שטיין געבליבן מיט עזות ווי אַ וואַנט פאַר חנאס אויגן; חנא האָט אָנגעשטעלט די בליקן אויף דעם מענטשן און האָט אַ צאַפּל געטאָן מיט אַלע זיינע אברים: נעבן אים און איבערגעבויגן איבער אים איז געשטאַנען אָסקאַר — קאַטאַלי־נאַס געליבטער; ער איז געשטאַנען אַזאַ אויסגעפּוצטער אין זיין קלאָר־ווייסן אָנצוג, אַ פרישע אָפּראַזירטער, מיט שפּורן פון פּודער אויף די באַקן, אַ באַשמעקטער מיט פּאַרפיום און אַ רויט רויזעלע האָט געשטעקט אין דער לאַץ; אָסקאַר האָט פאַרצויגן די שוואַרצע וואָנסעלעך ווי צוויי שוואַר־צע שלענגעלעך און דורכגעזייט דורך די ציין זיינע טענות צו חנאן:

— האַ, חנא, האָסט מיר פאַריקט אַ פלאָקן?... איך האָב דיר געגעבן אַזוי פיל געלט צו פאַרדינען, און דו? — האָסט מיר אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין דער זייט אַריין... וואַרט, וואַרט, דו שנאָרער! דו וועסט שוין

ביי מיר קייען די ערד... וועסט שוין ביי מיר שפּייען מיט בלוט! — האָט אָסקאַר פאַרקריצט מיט די ציינער און אים געשטופּט אַ פינגער אין די ברילן אַריין.

חנא איז בלאַס געוואָרן. אונטער דער הויט פון די קינבאַקן האָבן אים אָנגעהויבן אַרומקריכן שטיקעלעך ווילדער כעס ווי ווערעם. פון־דעסטוועגן האָט ער זיך איינגעהאַלטן, אַוועקגעדרייט דאָס פּנים און די ברילן פון אָסקאַרס פינגער אַוועק און געזאָגט מיט אַ געדעמפּט קול:

— גיי אַוועק, מנובל! גיי און ווער פאַרזשאַווערט! האָסט צעשטערט אַ יידיש הויז, און — האָסט נאָך פּרעטענזיעס... גיי אַוועק פון דאַנען! גיי אַוועק, ס'לוינט זיך דיר... — האָט חנא פאַרקוועטשט די פויסטן.

— דו ביסט אַ הינטישער מסור! — האָט אים אָסקאַר אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין.

— אַט האָסטו פון אַ מסור... — האָט זיך חנא נישט אָפּגעווישט דעם שפּיי פון פּנים — האָט ער פלינק אויסגעצויגן די האַנט און מיט דער דלאָניע אַ פּלעם געטאָן צו אָסקאַרן אונטער דער גאָמבע אַרונטער — אַז דער גאַנצער פּראַנט, אָסקאַר, האָט אַ פאַל געטאָן מיט דער פּלייצע אויף אַ טישל אַרויף. ערשט דעמאָלט האָט זיך חנא געגעבן אַ שטעל אויף אין זיין גאַנצער הויך און געוואָלט זיך אַרויפוואַרפן אויף דעם צעחושט־געוואָרענעם אָסקאַר. אין געציילטע רגעס איז שוין פאַר חנאן געשטאַנען אַ וואַנט פון אַ האַלב טוץ מענטשן. דער באַלעבאָס, יאַנקעלע צדיק, האָט היגטנאַרומער צוגעהאַלטן חנאן ווי אין אַ קלעם און אים אַריינגערעדט אַט אין דעם רעכטן אויער און אַט אין דעם לינקן אויער, געסאָפּעט און אַריינגעשריגן ווי אין אַ טעלעפאָן אַריין:

— לאָז אים לויפן דעם אויסוואורף... זאָל ער בעסער פאַלן אויף גוי־אישע הענט... דאָס נחתל, מיט דעם פּנים, האָט צוגענומען ביי אַ יידן ס'ווייב. מילא, זאָל אים ווויל באַקומען! ער וועט שוין ביי דעם ווייבעלע קיין האָניק נישט לעקן... — פאַרליר נישט דעם קאָפּ, חנא! — האָט יאַנקעלע צדיק זיך פאַרקייכט.

חנא האָט זיך אָבער געריסן אַ צעיושעטער און אַ ווילד־געוואָרענער. אַ שוים האָט אים אַרויסגעזעצט אויף די ליפּן און די אויגן זענען אים אַרויס פון די לעכער — האָט ער געררעוועט:

— לאָזט, לאָזט מיך אָפּ! איך וועל אים צעטרעטן ווי אַ וואָרעם! איך וועל אים שוין באַצאָלן פאַר אַלע זיינע באַנדיטישע שטיק... זאָל ער

— נאָר קומען צו מיר און ביי מיר צונעמען אַ ווייב... לאָזט מיך אָפּ! — האָט זיך חנא געראַנגלט מיט אַלעמען, האָט זיך אַראָפּגעבויגן ביז צו דער ערד, אַז דער שווערער און פעטלייביקער יאַנקעלע צדיק איז געבליבן רייטנדיק אויף חנאס פלייצע ווי אַ קינד אויף אַ צעשפּילטן טאַטן; טיש־לעך און בענקעלעך זענען אומגעפאַלן, פלעשלעך און גלעזלעך האָבן זיך צעבראָכן מיט אַ טראַסקעריי און אַ קרישלעריי; מענטשן האָבן געטראָטן אויף גלאָז־שפּליטערס און אפרים און מנשה האָבן דערווייל אַרויסגעפירט אָסקאַרן אַ געאָרעמטן. אָסקאַר האָט זיך געוואָלט אָפּווישן די שוין אָב־געשוואָלענע און פאַרבלוטיקטע ליפּן און נישט געקענט, געוואָלט עפּעס זאָגן און מורא געהאַט. מנשה האָט אים געצויגן צום אַרויסגאַנג און אים אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין:

— גייט, סעניאָר, און גיט אַריין אַ פונט לעכט אין שול אַריין. איר האָט איצט געהאַט אַ גרויסן גאָט אין הימל...

— גייט! און זאָל שוין אַ קליין קינד נאָך אייך הייסן... נאַרישער יאָלד! — האָט אים אפרים געשטופּט ווי אַ שיכורן אויף דער שוועל פון רעסטאָראַן.

אַרום אָסקאַרן האָט זיך אַרומגעשטעלט אַ ראָד מיט נייגעריקע מענטשן. אָסקאַר האָט זיך געווישט די פאַרבלוטיקטע ליפּן, געווישט דאָס פּנים, ווי מען וואָלט אים גאָר אַריינגעשפּיגן אין פּרצוף אַריין... פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען חנאס האַנט, אַזאַ ענלעכע האַנט, אינגאַנצן ווי זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטערס אַ האַנט וואָס האָט אים אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, אַזוי דערלאַנגט און דעמאָלט געפרעגט: „אַזוי טוט אַ ייד? אַזוי דאַרף טאָן אַ ייד?...“ — האָט אָסקאַר אָנגעהויבן אַוועקשפּרייזן און זיך נישט געקענט דערמאָנען, צוליב וואָס איז דאָס דעמאָלט געווען און פאַרוואָס איז דאָס געווען?... באַלד האָט זיך אים גאָר אויסגעוויזן, אַז עס לויפט אים ווער נאָך מיט לויערנדיקע טריט. ער האָט מיט פּחד אויסגע־דרייט דעם קאָפּ. הינטער אים איז געלאָפן אַ מיידעלע. ניין, ס׳איז נישט חנא... מען ווערט זיך מוזן היטן פאַר דעם חנאן: ער איז פיל שטאַרקער ווי מען האָט געקענט מיינען. ברענען זאָל ער!

און חנא האָט טאַקע געברענט מיט פּיבער אין זיין שוידערלעכער אויפרעגונג. זיינע נערוון האָבן אין אים וויברירט ווי אָנגעצויגענע סטרו־נעס. עס האָט אים געזשומעט אין קאָפּ און פון נישט־געשטילטן כעס איז אים באַפאַלן אַ ציטערניש. יאַנקעלע צדיק האָט קוים, מיט אַלע כוחות,

צוריק אַוועקגעזעצט חנאן אויף זיין פריערדיק אָרט און אים נישט געלאָזן זיך צוריק אויפשטעלן:

— חנא, חנאשי, ביסט ווערט אַ מעדאַל! האָסט אים פיין פאַרפאַרן דעם „אַטאַראַנטע״, דעם אויסוווּרף... — האָט זיך יאַנקעלע צדיק גע־קוויקט דאָס האַרץ און געגלעט חנאס פלייצע מיט אָפּשיי און חברשאַפט — אַז דו קענסט געבן אַזאַ פעטשל — ביסטו נאָך אַ פאַלנער מענטש, אַ יונג מיט ביינער... — האָט פונדעסטוועגן יאַנקעלע צדיק נישט געוואַגט צוריקצוגיין צום בופעט און ער האָט נאָך מורא געהאַט, אַז חנא זאָל נישט אַרויסלויפן אויף דער גאַס אַרויס.

אפרים און מנשה האָבן זיך אַלץ נישט אַוועקגערוקט פון דער שוועל, געהיטן די טיר. באַלד האָבן זיי דערזען, אַז דער צעבלוטיקטער אָסקאַר האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי און נעלם געוואָרן, און אַז די אָנגע־לאָפּן־נייגעריקע מענטשן אויפן טראָטואַר, נעבן רעסטאָראַן זענען זיך פונ־נאַנדערגעגאַנגען — ערשט דעמאָלט האָבן זיי גענומען צוריק מאַכן אַן אָרדענונג: אפרים האָט מיט אַ באַרשט צונויפגעקערט דאָס ביסל ברוכ־וואַרג — צעבראָכענע קאַווע־טעפּלעך, טיי־גלעזער און פלעשלעך; מנשה האָט צוריק צונויפגערוקט די טישלעך, אַרומגעשטעלט די בענקלעך און יאַנקעלע צדיק האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן חנאן און געהייסן מען זאָל דערלאַנגען צוויי קופּלס ביר. שפּעטער האָט יאַנקעלע צדיק געזופּט מיט גרויס הנאה זיין קופּל ביר, געקרעכצט פון תענוג און זיך געבעטן:

— טרינק, טרינק ברודערקע, ס׳אַ שאָד, ס׳וועט ווערן וואַרעם... דערקוויק זיך דאָס האַרץ. ביסט בלאַס, ביסט ווייס ווי אַ טויטער... מיט אַזאַ פּנים ווי דו האָסט איצטער — ליגט מען אין דער ערד און מען באַקט בייגל... זיי דיך נישט מצער פון די אַלע רייד, וואָס דער פונדיק האָט דיר געזאָגט... דער נאָכאַלניק איז דיינס אַ נאָגל נישט ווערט... אַזאַ הונט מוז האָבן אַ שוואַרצן סוף... מען ווייסט שוין פון לאַנג, אַז ער האָט דניאלן אָנגעטאָן די הערנער... נאָר ווער איז שולדיק אַז ער אַליין האָט אַריינגעבראַכט דאָס נפש צו זיך אין שטוב אַריין? גיב נאָר אַ קוק, ווע־מען ער האָט אַריבערגעלאָזן צו זיך איבער דער שוועל?... נו, ביי דער אשה וועט ער שוין האָבן קאַלטס און וואַרעמס... נו, טרינק שוין אויס! ס׳ווערט דאָך וואַרעם, אַ שאָד בנאמנות...

חנא האָט אַ זופּ געטאָן פונעם ביר, באַלד אַוועקגענומען די ברילן

פון די אויגן, אויסגעווישט מיט אַ פינגער די וויעס און אַרויפגעלייגט אַ האַנט צום פעטלייביקן יאַנקל אויפן אַקסל:

— ביסט אַ פריינט, יאַנקעלע, אַן אמתער חבר — לאַנג לעבן זאָלסטו! — האָט חנא אַ געטרייסטער געזאָגט — איך וויל דיר באַצאָלן דעם שאָדן, וואָס כ׳האָב אָנגעמאַכט. באַרעכן, וועל איך באַצאָלן — האָט זיך חנא געכאַפּט צום טייסטערל.

— ביסט משוגע? — האָט יאַנקעלע צדיק אויסגעגלאָצט די אויגן אַ באַליידיקטער — רייד נישט קיין נאַרישקייטן און טרינק אויס ס׳ביסל ביר — ס׳ווערט דאָך וואַרעם ווי... — האָט ער אָפּגעהאַקט.

ערשט איצטער האָט זיך חנא מחיה געווען און געשמאַק געזופּט און געקרעכצט. ערשט איצט האָט ער דערפילט אַז זיין געוויסן שווערט שוין נישט אַזוי אויף אַראָפּ... הייסט עס דאָך, אַז די גאַנצע וועלט האָט געוווסט און ווייסט פון דעם ראָמאַן מיט דעם דניאלס ווייבל... און ער, דאָס גרויסע פערד, האָט זיך געפּלאָנטערט אין די לייצעס און פון גאָר־נישט־נישט אָנגעהויבן צו וויסן...

מנשה איז צוגעקומען צום טישל און געבראַכט אַ ביסל נייעס פון־נעם „טיגרע־באַר״:

— דער יאַלד, דער אידיאָט, דער דניאל זיצט שוין צוריק אַנטקעגן, אין „טיגרע־באַר״... ער שפּילט שוין צוריק אויף וואָס די וועלט שטייט און פייפט אויף לייטן... מאָרגן, זונטיק, גט זיך דאָס פּאָרפאָלק ביים רב. ער איז נאָך אַביסל ביים שכל, דער דניאל... — קלינגט שוין מנשה מיט די קעשענעס קליינגעלט.

— אוי, יידן, ס׳איז אַ רחמנות, אַ גאָטס רחמנות ממש צו־צוזען, ווי דניאלס קינד דרייט זיך אַרום אויפן טראָטואַר און קלייבט צו־נויף די שמוציקע בלעכלעך — איז אפרים שטיין געבליבן הינטער יאַנ־קעלע צדיקס פּלייצע און אַרויסגעטייטלט צום אַנטקעגנדיקן טראָטואַר — איר מעגט אָנקוקן אַ קינד — אַ ברילִיאַנט! שיין ווי אַ מלאכל... נעבעך געבליבן אַ לעבעדיקער יתום... אוי... — לאָזט אפרים אַראָפּ דעם אַלטן קאָפּ באַצערט.

— נו, נו, גאָט וועט זיין אַ פאָטער. מילא... — הייבט מנשה אָן צו פּאַטשן מיט די הענט — נו, יאַנקעלע צדיק — יושר? — נעמט ער אים שוין פּעטשלען אין דער פּלייצע אַריין — מיר וועלן דאָ אַרבעטן ווי ביי פּרעהן אין מצרים און איר וועט זיך זיצן ווי ביי דער מאַמען אין וויינ־

גאָרטן... יושר? — האָט אים מנשה מיט חוצפה אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין.

— שוין, קלאַפּ מיר נישט אין טשייניק אַריין! — האָט זיך יאַנקעלע צדיק קוים אויפגעהויבן פונעם אָרט און מיטגענומען מיט זיך זיין לייַדיקן קופל.

— גיט מיר אַ רעשט — האָט חנא אָוועקגעלייגט אַ פּאַפּירל אויפן טישל — איך וועל מיך אַביסל איבערלופטערן — האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

— גיי געזונטערהייט און זאָל דיר גאָט געבן אַ סך כוח! — גיט מנשה אַ באַליידיקטער אַ שאַר צוריק דאָס פּאַפּירל צו הנאן.

— גיי, מאַך זיך נישט נאַריש — גיט יאַנקעלע צדיק אַ פאַרשנורעווע די ליפּן.

אַ פּאַליציימאַן, אַ הויכער יונג, אַן איבערגעוואקסענער, מיט ברייטצעגומענע פלאַט־פיס, מיט נעגער־בלוט אין טונקעלן פּנים, בלייבט שטיין צווישן די טישלעך און קוקט זיך אַרום מיט זיינע דורכנעמענדיקע און פאַרשנדיקע אויגן אויף יעדן רעסטאָראַן־גאַסט, פּאַטשט ער זיך מיט דער רעכטער האַנט אין לעדערנעם שיידל, וווּ עס איז פאַרשטעקט דער רעוואָלווער, גריסט ער די געסט מיט דער לינקער האַנט ביים לעדערנעם דזשעק אויפן מיליטערישן שטייגער:

— סעניאָרעס, קאַבאַזשעראָס, גוטן־אָוונט, גוטן־אָוונט. איך ווייס און זע דאָך, אַז דאָ האָט גאָרנישט פּאַסירט... זיכער האָט דאָ גאָרנישט פּאַסירט! — בלייבט ער שטיין ביים בופעט און פאַרגלאָצט די אויגן צום טופּים.

— סערווירט אַ שנעפּסל! אַ שנעפּסל פאַרן קאַוואַלירו! — באַפעלט יאַנקעלע צדיק טאַקע ווי אַן אמתער באַלעבאָס.

— אָ, זיצט, מאַכט זיך באַקוועם, סעניאָר! — פּאַכעט מנשה אָפּ מיט זיין סערוועטקע אַ שטול — זיצט, סעניאָר — פאַרנויגט ער זיך מיט דרך־ארץ, ווי פאַר יעדן נישט־יידישן קליענט.

חנא איז אַרויס אויף דער גאַס. די זון איז שוין געשטאַנען טיף אַראָפּ אין מערב זייט. דער הימל איבער דער שטאָט איז געווען אַ העל־בלויער און די בלעטער אויף די צווייגן פון דיביימער, האָבן ווי פאַרגלייוערטע, אַן לעבן, זיך נישט קיין ריר געטאָן. די געשעפטן זענען געווען מיט פאַרהעמערטע טירן און אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן. דער מאָרגנדיקער זונטיק

האָט שוין באַצייטנס זיך אויסגעשפּרייט אויף דער גאַס. מענטשן האָבן שוין אַרומגעשפּאַצירט נישט־געאײַלטע, אויסגערוטע, מיט אָפּגעגאַנגענע וואָכעדיקע זאָרגן פון די פּנימער. פאַר די קאַפעען און רעסטאָראַנען, פאַר די פריזיר־אַנשטאַלטן און פאַר די לאָטעריי־ און ציגאַרעטן־געשעפטן, האָבן זיך אויפגעקליבן גרופּקעלעך מיט מענטשן. שיכפּוצער האָבן געאַר־בעט אויף דער גאַנצער פּאַרע און צייטונגס־פאַרקויפער האָבן זיך געאַמ־פּערט מיט די קונים וועגן די מאָרגנדיקע פערד־געיעגן: „פּעריקלעס" האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן! די שקאַפּע האָט נאָר איין מאָל אַריינגעטראָפן, און איצט, שוין צום פינפטן מאָל, מאַכט זי אומגליקלעך מענטשן... פּור־טשאַ, קאַראַמבאַ! אַז „מאַנאַ ליזאַ" וועט מאָרגן אַריינטרעפן — וועט דער גאַנצער היפּאָדראָם זיך איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיטן הינטן אויף אַרויף! און דערווייל פעלט נאָך אַ האַלבע שעה צייט ביז עס וועלן אָנקומען די נאָכמיטיק־צייטונגען, אַז מען זאָל זיך דערוויסן ווער עס איז דער פאַוואָריט פון דער וואָך. פּוטשאַ, קאַראַמבאַ...

חנא לויפט, קרייצט אַריבער די גאַס צום אַנדערן טראָטואַר נעבן „טיגרע־באַר". ערשט איצטער דערמאָנט ער זיך, אַז אין דער פאַרגאַנ־גענער וואָך האָט ער גאָרנישט פאַרדינט, אפילו נישט אויף צו באַצאָלן די פאַר פּעזעס דירה־געלט. עס ליגן ביי אים דאָס ביסל צעטעלעך, וואָס וועלן אויסגעשפּילט ווערן אין דער קומענדיקער וואָך, דעם נעקסטן פריי־טיק, און איצטער, שבת נאָכמיטיק, וואָלט געוועזן אַ יושר אַביסל צוצו־אַרבעטן, ווייל אַז ער וועט וואַרטן אויף זיינע שלימזלדיקע היטלען, וועט ער מוזן באַהאַלטן די ציין אויף אַ פּאָליצע...

חנא שטופּט זיך דורך צווישן עולם, וואָס שטייט אויף דער שוועל און אין דער טיר און פלאַפּלט פון נעכטיקע טעג; דער גרויסער לאָקאַל איז איצטער איבערגעפּאַקט און דאָס געדיכטע אָנרויכעניש און די שווע־רע ריחות זענען געדיכט ממש צו שניידן מיט אַ מעסער — גיט אים דער הו־האַ און דער טומל אַ פאַרדעמפטן שלאַג־אַריין אין דער נאָז אַריין און אין די ברילן אַריין. דער טומלדיקער עולם איז איינגעזעסן און אַריינגע־שפּאַרט אַרום די טישלעך אויף די שטולן, ווי איינגעפּלאַסטערטע קיזל־שטיינער אויף אַלטמאָדיש ברוקירטע גאַסן; חנא קען נישט געפינען כאָטש איין באַקאַנט פּנים. די אַלע מענטשן זעען אים איצטער אויס, ווי ער וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. דער טומל איז אַזוי שטאַרק און פון די ביליאַרד־טישן שיסט עס מיט אַזעלכע קוויטשיק־

ביינערנע קלעפּ, אַז עס באַפאַלט אים אַ פּאַרטויבעניש. צווישן עולם דרענגען זיך און שטופּן זיך קוים דורך די קעלנער, אַזעלכע אויפגעבראַכטע און דענערווירטע, הייבן זיי די ניקעלירטע טאַצן איבער די קעפּ און מיט גראַבע זידלערייען אויף די ליפּן, האַלטן זיי זיך איין ווי מיט צוואַנגען נישט אָוועקצושליידערן די טאַצן אויף די צעיאַכמערטע קעפּ... אין חנאס האַרץ גייט אויף אַ רחמנות צו די קעלנער און צו זיין פריינט כעסוס פּערעז, וואָס פאַרדינט דאָ אַזוי שווער זיין שטיקל ברויט... אָרעמער פּערעז...

חנא שטופּט זיך וואָס טיפער אַריין אין דעם מענטשן־געדראַנג. ער ווייסט, אַז איצטער וועט ער יונהן דאָ נישט באַגעגענען און וויקטאָר האָט שוין לאַנגע יאָרן די שוועל פון דעם לאָקאַל נישט באַטראָטן. עס איז טאַקע אַן עבירה אַריינצוזעצן זיך אין אַזאַ חזיר־זומפּ. פוי זאָל דאָס ווערן! — ווילט זיך אים אַ שפּיי טאָן איבער אַלעמענס קעפּ אַריבער און דער שפּיי זאָל קיינעם נישט טרעפן... ער גיט זיך אַ וויש מיט די פינגער אויף זיין רעכטער באַק און ערשט איצטער דערפילט ער צוריק דעם קלעפּיקן שפּיי, וואָס דער אָסקאַר האָט אים געגעבן גלייך אין פּנים אַריין. אוי — גיט ער אַ פאַרקריץ מיט די ציין — איך בין ווערט מען זאָל מיר אָפּשניידן דעם קאָפּ, וואָס איך האָב אים נישט צעטראָטן ווי אַ וואָרעם! ניין, שולדיק זענען די ווייכע הערצער, שולדיק זענען די גוטע נשמות, וואָס אויף דער וועלט ווימלט אַזוי פיל רשעות... מיט אַן אייזערנער האַנט וואָלט מען דאָס געמיינקייט און נידערטרעכטיקייט יאָ געקאָנט אויסוואָרצלען און פאַרלענדן! איז עס קיין אמתער מענטש נישט — זאָל עס גיין אין דער ערד אַריין! — עסט זיך חנא אָפּ די גאַל און ער שטויסט זיך אַראָפּ, שטופּט זיך אַראָפּ צו די דאָמינע־טישלעך. זיין בליק פאַלט אויף אַ באַקאַנט פּנים. אָ, דאָס איז דאָך דניאל! וואָס, ער איז טאַקע צוריק דאָביים פאַרשאָלטענעם שפּילן? — בלייבט חנא שטיין ביים טישל ווו דניאל זיצט און שפּילט.

דניאל איז מיט אַלע חושים אַריינגעטאָן אינעם שפּילן אַריין. נאָר פּלוצים גיט ער אַ קוק אַרויף צום סופיט און זיין בליק בלייבט שוין אַריינגעשטאָכן אין דער הויך און זיין „שותּף", דער פּאַרטנער פון דער שפּיל, אַ ייד מיט געפּאַלדעוועטע גוידערס אונטער דער גאָמבע, מיט רויטע בראָדעווקעס אויפן געפּאַלדעוועטן קאַרק, געוואַלדעוועט מיט פּאַריבל:

— האָסט דאָרטן, קאַליקע, דעם טאָפּלט פּינף, באַהאַלטסטו דאָס אויף פּורים? אוי, איך האָב דאָך שוין געזען קאַליקעס... — צענעמט דער ייִד די הענט, ווי מען וואָלט אויף אים אָנגעשטעלט און אָנגעצילט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער.

דניאל לאָזט וואַנדערן זיינע בליקן אין די רויד־וואָלקנס, טופּעט נערוועאיש מיט אַ פוס. ברענען אויף זיין פּנים די נאָך פון נעכטן פאַרבליבענע רויטע פלעקן און שוואַרצע פליאַמעס אונטער די אויגן, ענטפערט ער:

— זאָלסט אַזוי וויסן פון דיין לייב און לעבן, ווי דו ווייסט ווי אַזוי מען האַלט אַ שטיין אין דער האַנט! — נעמט ער פּויקן מיט די פינגער אין טישל אַריין.

דער ייִד וויל עפּעס אָפּענטפערן און הייבט אויף אַ דאַמינעביינדל אין דער לופטן, באַלד פאַרגעסט ער וואָס ער האָט אים אָפּצוענטפערן און אַלע זיינע געדאַנקען פאַרוויקלען זיך אינעם ביינדל, צי ער זאָל עס אַראָפּקנאַקן אויפן טיש אָדער אפשר אויסקלייבן עפּעס אַנדערש? ניין, מען מוז גוט אויסרעכענען — בלייבט ער אַלץ מיטן ביינדל אין דער לופטן.

— פּאַפּיטאַ, פּאַפּאַ, — גיט זיך מיגעליטאַ אַ שפּאַר־צו צום פּאַטערס טישל און לענט אָן זיין פאַריאַכמערט קעפּל אויפן פּאַטערס אַקסל

— זע נאַר, פּאַפּיטאַ, וויפל שיינע דעקעלעך איך האָב שוין אויפגעקליבן...

— ווייזט ער אים צוויי פולע זשמענקעלעך מיט די אויפגעקליבענע פּלעשל־דעקלעך.

— וואַרף דאָס אַוועק, מיגעליטאַ, וועסט זיך אינגאַנצן אויסשמירן און אויסשמוצן! — ווישט דניאל, דער פּאַטער, אים אָפּ מיט זיין טיכל דאָס פאַרשוויצטע פּנימל, ווישט אים אָפּ דעם פאַרשוויצטן שטערן אויף וועלכן עס זענען אַרויסגעזעצט טראָפּעלעך קינדערשער שווייס, ווי קליינע טרערעלעך — ווילסט אפשר אַ גלאָז מילך מיט אַ שטיקעלע בודין, אָדער אפשר עפּעס אַנדערש? — איז דניאל שוין אינגאַנצן מפסיק אין דער שפּיל, קוקט ער מיט טאַטעשער געטריישאַפט אין דעם זינדעלעס אויגן אַריין.

— ניין, ניין, פּאַפּיטאַ. איך וויל מיך נאָך שפּילן אַביסל. מיר געפעלט דאָ זייער — וויל זיך מיגעליטאַ אַוועקלאָזן צו די בּיליאַרד־טישן.

— אפשר ווילסטו, טשע, מיט מיר גייען אַביסל שפּאַצירן? — גיט זיך חנא אַ רוק־צו צום ייִנגעלע און גיט אים צאַרט אַ גלעט אין קעפּעלע

אַריין — איך בין דיין טאַטנס פריינט... איך הייס חנא — שטרעקט ער אויס זיין האַנט, בייגט זיך אַראָפּ צו מיגעליטאַן און שמייכלט ווי אַ גר־טער פעטער.

— אָ, מוטשיסימאַ גוסטאָ, סעניאָר חנא — לייגט זיך מיגעליטאָ איבער אַלע זיינע בלעכענע דעקלעך אין דעם לינקן הענטל אַריין און שטרעקט אויס דאָס רעכטע הענטל צו חנאן, ווי דאָס טוט ביי אַזאַ גע־לעגנהייט אַ גרויסער מענטש, אַ בר־דעת — זייער וויל־געפעלן! — גיט ער אַ בייג־צו דאָס צעשמייכלטע פּנימל נאָענט צו חנאס ברילן.

— אָ, חנא — צעשמייכלט זיך דניאל מיט אויפגעקומענעם טרויער אויף די וואָנסעס — איר זעט? איך בין שוין צוריק געוואָרן אַ מענטש...

— גיט ער אַ שאַר אַוועק פון זיך די דאָמינעביינדלעך — איך הייב שוין אָן קומען צו זיך...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּילעניש? — צעשרייען זיך די אַנדע־רע צוויי שפּילער, יידן מיט ברילִיאַנטענע סיגנעטן אויף די סטאַלאַרסקע אויסגעאַרבעטע הענט, נאָר מיט שמוציק פאַרשוויצטע, ווער ווייסט פון וויפל צייט נישט געוואַשענע העמדער — מען לאָזט דאָך נישט לעבן אויף דער וועלט... — זענען זיי גרייט חנאן דורס צו זיין, וואָס ער שטערט זיי דאָס שפּילעניש.

— די צייט לויפט — צייט קאָסט געלט! — פּאַטשט דניאלס שפּיל־שותף אין טישל אַריין — יידן, מען מוז פאַרענדיקן די שפּיל! — שאַרט ער צוריק די ביינדלעך צו דניאלן.

— נו, יידן, איך וועל אייך נישט שטערן — גיט חנא אַ לייג־אַרויף אַ האַנט צו דניאלן אויף דער פּלייצע — איך נעם אייער יינגעלע, אייער מיגעליטאַן אַביסל שפּאַצירן מיט מיר. אין אַ שעה אַרום וועלן מיר זיין צוריק. ס׳איז אַ רחמנות אויפן קינד ס׳זאָל זיך אַרומדרייען אין דעם עיפּוש... איר מעגט מיר, דניאל, געטרויען אייער מיגעליטאַן. איך וועל אים אָפּהיטן ווי מיין לעבן, ווי די אויגן פון מיין קאָפּ... איר מעגט זיין רואיק, דניאל!... — לאָזט חנא נישט אָפּ מיגעליטאָס הענטל און קוקט מיט געבעט אין דניאלס פּנים אַריין.

— ווילסט גיין אַביסל שפּאַצירן מיט דעם סעניאָר, מיגעליטאָ? — שטעלט דער פאָטער אָן די אויגן אויף מיגעליטאַן זיין זינדעלע — דאָס איז מיינס גאָר־גאָר אַ גוטער פריינט — ווייזט ער מיט אַ פינגער אויף חנא — ווילסט? — וואַרט דער פאָטער אויף מיגעליטאָס ענטפער.

— סי פּאַפּיטאָ, סי סעניאָר! — גיט מיגעליטאָ אַ שלעפּ חנאן ביי דער האַנט — וואַמאָס, לאָמיר שוין גיין. דער סעניאָר חנא געפעלט מיר... באַהאַלט מיר די דעקעלעך, נאָר באַהאַלט גוט! — לייגט מיגעליטאָ אַריין די דעקעלעך צום פּאַטער אין די הענט אַריין — וויל שוין מיגעליטאָ וואָס שנעלער אַוועקשלעפּן חנאן פונעם טיש און צאַפּלט שוין פון אומגעדולדיקייט.

— טאָמער קומען מיר אַביסל שפּעטער — זאָלט איר נישט איבערקלערן — לייגט חנא אַרויף זיין פרייע האַנט אויף זיין ברוסט — אייער קינד איז אין גוטע הענט!

— נו, גייט שוין, גייט געזונטערהייט — געגאַנגען זאָל שוין ווערן!
— רייבט דער ייד מיט די גוידערס די הענט פון נחת — ערשט איצטער וועט מען קענען אַ שפּיל טאָן ווי עס געהער צו זיין! אַז מען לאָזט נישט לעבן אויף דער וועלט... — האָט ער אָנגעהויבן אויסצומישן די דאָמינע־ביינדלעך מיטן גאַנצן שפּילערישן ברען.

חנא האָט אַראָפּגעפירט מיגעליטאָן אין טונעל אַריין פון דער אונטערגרונט־באַן. באַלד איז ער צוגעגאַנגען צום שאָקאָלאַד־קיאָסק און געקויפט פאַרן ייִנגעלע אַ טעפּעלע אייז־קרעם; דערנאָך האָט ער זיך מיט מיגעליטאָן אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיינערנער באַנק וואָס אויפן באַןפּלאַטפאָרם. ער האָט זאָרגפעליק אויסגעשפּרייט דאָס פּאַפּירן סערוועטקעלע אונטער מיגעליטאָס גאָמבעלע, האָט ער אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט זייער צאַרט:

— עס מיגעליטאָ. עס לאַנגזאַם, היט זיך זאָלסט נישט אויספלעקן דיין בלוזעלע; אַז דו וועסט אויספלעקן, וועט זיך די מאַמאַ בייזערן — נישט אַזוי? — האָט ער אָנגעשטעלט זיינע בלויע אויגן אויפן קינד, זענען איצטער זיינע שוואַרצאַפּלען פיל העלער און ליכטיקער געוואָרן.

— ביסט גערעכט, סעניאָר חנא — האָט מיגעליטאָ געפּאָלגט און באַלד געפרעגט —און דו, סעניאָר — פּאַרוואָס האָסטו נישט געקויפט אַ טעפּעלע אייזקרעם אויך פאַר דיר? — האָט אים דאָס קינד אויסגעפאָרשט מיט זיינע אומשולדיקע און קלוגע אייגעלעך.

— אָ, איך האָב מיך שוין היינט אָנגעפרעסן מיט אייזקרעם, אַז איך בין פול ווי אַ פאַס! — האָט זיך חנא געפּעטשלט אין בויך אַריין און אָנגעבלאָזן די באַקן.

— טוסט זייער גוט — פון צופיל אייזקרעם, קען מען זיך פאַרקילן — וויגט דאָס קינד מיט די פיסלעך אין דער לופטן.

— עס זשע פאַמעלעך, פאַמעלעך, מיגעליטאָ טייערער — וואָרנט חנא מיט געטרייער זאָרג אין זיין פנים — אייל זיך נישט און עס נישט אַזוי שנעל. מיר האָבן אַ סך צייט און מיר וועלן מאַכן אַ שיינעם שפּאַ־ציר.

— ביסט גערעכט, סעניאָר חנא — האָט מיגעליטאָ זיך פאַסמאַ־קעוועט.

אויף אַ ווײַלע איז דער גרויסער חנא און דער קליינער מיגעליטאָ אַנטשוויגן געוואָרן. אַלע צוויי אָדער דריי מינוט האָבן זיך אָפּגעשטעלט און צוריק אָוועקגעפאָרן די אונטערערדישע צוגן. אינעם טונעל איז גע־ווען מחיהדיק קיל. אונטערערדישע ווינטלעך האָבן געווייעט און אונטער־ערדישע דונערן פון די ווייט־לויפנדיקע צוגן האָבן געהילכט און זיך גע־קאָלערט דורכן טונעל. די אויטאָמאַטישע טרעפּ האָבן אומאויפהערלעך גערוישט אין זייער אומדערמידלעכן אַראָפּ־און־אַרויף געדריי און דורך די פּנעוומאַטישע אויפגעריקטע און צוגעריקטע טירן פון די שטיין־גע־בליבענע צוגן, האָט דער פּאַסאַזשירן־שטראָם אַלע פּאָר מינוט זיך אויפ־געזאַמלט און אַלע פּאָר מינוט זיך אָפּגעליידיקט; מיגעליטאָ האָט אַוועק־געוואָרפן דאָס פּאַפּירן־טעפּעלע אַן אויסגעליידיקטס; חנא האָט אָפּגע־ווישט מיטן פּאַפּירן־סערוועטקעלע מיגעליטאָס ליפּעלעך, אָפּגעווישט דאָס קינדישע פּנימל און זיי זענען אַריינגעשטיגן אינעם ערשטן וואַגאָן פון אַן אָנגעלאָפענעם צוג; מיגעליטאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער אין דער זייט פונעם קאָנדוקטאָרס קאַבינע און געקוקט פאַר זיך מיט חי־דוש און נייגעריקייט, ווי דער צוג האָט זיך געיאָגט און ממש געפלויגן אין דער שמאָל־קיילעכדיקער, אייביק־פינצטערער וועלט אַריין — אין דעם פינצטערן און טיפן טונעל; רויטע און גרינע פייערלעך האָבן זיך געצונדן און געלאָשן ווי רויטע און גרינע שטערן, די עלעקטרישע קאַב־לען האָבן געבליצט און געפלעמלט מיט בלויע און וויאָלעטע פייערן און געבלענדט און פאַרבלענדט די אויגן. סטאַנציעס קליינינקע מיט נאָך קלע־נערע מענטשעלעך האָבן זיך גאָר שנעל דערנענטערט, גרויס געוואָרן, האָבן זיך אַנטקעגנגערוקט און געלאָפן, דורכגעשווינדלט מיט רוחישער שנעלקייט, אָנגעלאָפן ווי ריזיקע חיות מיט ווילד געוואָרענע, מיט אָנגע־צונדענע גרויסע אויגן ווי ריזיקע לאַמטערנעס — האָבן די רעפלעקטאָרן

אויפגעגעסן אויף אַ סעקונדע בלויז די טונעל־פינצטערניש, האָבן די צוגן קעגנזייטיק פאַרבייגעשווינדלט און פון די פּאַסאַזשירן פון אַלע מענטשן, האָבן זיך פאַרמעקט די פּנימער און אַלע געשטאַלטן האָבן זיך פאַרמלאָז אויסגעדעמפּטע אַריינגעקאַרבירט אין חושך אַריין. מיגעליטאַ האָט גע־קוקט פאַר זיך אין חושך אַריין. ער האָט אפילו נישט אויסגעדרייט דאָס קעפּל צו חנאן, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ געטרייער שומר הינטער זיין פּלייצעלע, האָט ער גערעדט מיט זיין קלינגענדיק קולכל, אַז אַלע פּאַסאַ־זשירן האָבן געהערט יעדעס וואָרט:

— דאָ, סעניאָר, איז אייביק פינצטער, אייביק איז דאָ נאַכט און דאָ קען קיינמאָל נישט רעגענען... נישט אמת?

— אוודאי, אמת! — האָט אים חנא אַ גלעט געטאָן איבערן קאַר־קעלע.

— און עס דאַרף זיין זייער און זייער טרויעריק אייביק צו וווינען אין אַזאַ אָרט... — האָט דאָס קינד אים אַ שלעפּ געטאָן ביי אַ פּאָלע פון־געם רעקל — נישט אמת?

— ניין, קינד — האָט חנא געענטפערט און אַ צי־געטאָן מיט די אַקסלען — דאָ אין דעם טונעל וווינען נישט קיין מענטשן.

— ביסטו זיכער? — האָט מיגעליטאַ אויסגעדרייט דאָס קעפּל און אָנגעקוקט חנאן מיט אומגלויבן — ביסטו טאַקע זיכער, אַז דאָ וווינען נישט קיין מענטשן.

— ניין, מיגעליטאַ — האָט חנא געזאָגט מיט איבערצייגונג — דאָ וווינען נישט קיין מענטשן.

— קען זיין. איך גלויב דיר... — האָט מיגעליטאַ געענטפערט און חנאַ האָט געפילט, אַז דאָס קינד גלויבט אים פונדעסטוועגן נישט.

דאָס קינד איז אַנטשוויגן געוואָרן אַ פאַרטראַכטער. חנא האָט פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען. אוי, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען ווען איך האָב אַזאַ קינד, אַזאַ אוצרל... — האָט אין חנא זיך צעוויינט דאָס אומזיסט־און־אומנישט צעטרענצלטע און דורכגעפּאַלענע לעבן — מיט אַ קינד, מיט אַזאַ קינד, וואָלט זיך נישט געטראַכט, אַז מען וועט אַמאָל שטאַרבן... געלט פאַרהיט נישט פונעם טויט, אָבער אַ קינד פאַר־טרייבט דעם טויט... אפילו, אַז מען שטאַרבט און מען האָט אַ קינד, בלייבט מען לעבן אינעם קינד... אָט דאָס קינד, דער מיגעליטאַ, וועט אַמאָל אויפוואַקסן אַ גרויסער מענטש — וועט ער זיכער נישט זיין אַזאַ

תכשיט ווי זיין טאַטע — האָט חנא לייכט אָנגערירט מיגעליטאַן — און אפשר, אפשר איז דניאל אויך אַמאָל געווען אַזאַ קלוג יינגעלע און דאָס לעבן האָט פון אים געמאַכט אַ שוואַרצן תל?... — האָט חנא אַ צי־געטאָן מיגעליטאַן צו זיך און אים אַריינגערעדט אין אויערל אַריין:

— קום, מיגעליטאָ, אויף דער סטאַנציע דאַרפן מיר אָפּשטייגן. קום, קינד, איך וועל דיך נעמען צו מיר אין מיין צימער אַריין, וועל איך דיר דאָרטן געבן אַ שיינע זאַך. קום! — האָט אים חנא אָנגענומען ביי אַ הענטל.

— וואָס, וואָס וועסטו מיר געבן? — האָט אים דאָס קינד געקוקט מיט נייגיר אין די אויגן אַריין און שעלמיש געשמייכלט. — זאָג מיר שוין: וואָס? — האָט ער אים אַ גלעט געטאָן אין דער האַנט.

— ניין, ניין, — האָט זיך חנא געעקשנט און עס איז אים אויפגעגאַנגען אַ וואַרעמקייט אין האַרצן פונעם קינדערשן גלעט — אַזאַ מאַנספּאַרשוין ווי דו ביסט שוין, דאַרף האָבן אַביסל געדולד. קום וועסטו קריגן.

— לאָמיר לויפן, שנעלער! — האָט מיגעליטאָ געבעטן אַן אומגעדולדיקער.

— ניין, — האָט חנא איינגעהאַלטן דעם גאַנג — איך האָב נישט קיין כוח צו לויפן. איך בין שוין אַן אַלטער מאַן... — האָט חנא פאַרגלאָצט די אויגן און זיך אַביסל איינגעהויקערט טאַקע ווי אַן אַלטער מאַן.

— ניין, — האָט מיגעליטאָ זיך שטיפעריש צעלאַכט — ביסט נישט אַלט. האָסט כוח צו גיין שנעל. ביסט אַ שטאַרקער, האָסט אַ סך כוח! דו געפעלסט מיר... — האָט מיגעליטאָ דערפילט חנאס גבורה.

— ס'איז אמת! האָסט געטראָפן! — איז חנא אַריינגעפאַלן אין התפעלות — ווילסט איך זאָל דיך נעמען אויף די הענט און דיך אַהיימטראָגן ביז צו מיין שטוב? וועלן מיר דאָרטן זיין איינס־און־צוויי... ווילסט? — האָט אים חנא פלינק און לייכט אַ כאַפּ־אַרויף געטאָן אויף די הענט.

— איך שעם זיך אָבער... — האָט זיך מיגעליטאָ פאַררויטלט און איינגעגראָבן, איינגעטוליעט זיין קעפּל אין חנאס ברוסט אַריין — איך וויל... איך וויל... — האָט דאָס קינד אָנגעקוואָלן פון פרייד און גליק.

חנא האָט צוגעדריקט נאָך פעסטער מיגעליטאָן צו דער ברוסט און אים געגעבן אַ צאַרטן קוש אין קעפּל אַריין:

— אָרעם שעפּעלע מיינס... מיד שעפּעלע מיינס... — האָט ער גע־טראָגן מיגעליטאַן, ווי אַמאָל יענער פאַסטעך, משה, וואָס האָט אַהיימ־געטראָגן זיין מיד־פאַרבלאָנדזשעט שעפּעלע — מיין גאַנץ לעבן וואָלט איך געטראָגן אַזאַ ייִנגעלע... האַרצעלע... — זענען אים די אויגן פייכט געוואָרן פון פרייד און גליק — אַזאַ גליק, וואָס ער האָט שוין צענד־ליקער יאָרן נישט געפילט, פון דעמאָלט אָן, ווען ער האָט געטראָגן זיינע שוועסטערלעך — אוי, האַרצעלע מיינס — האָט ער אים באַשמעקט און זיך נישט פאַרגונען צו געבן דעם קינד נאָך אַ קוש...

הייבט זיך חנא אַרויף אויף די טרעפּ פון דער אונטערגרונט־סטאַנ־ציע און שפּאַנט מיט מיגעליטאַן אויף די הענט, ווי אַ פּעדערל לייכט, האַלט ער דאָס ייִנגעלע, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַלע אוצרות פון דער וועלט — שפּאַנט ער מיט אַזאַ לייכטקייט, גייט ער מיט אַזעלכע לייכטע טריט, ווי ער האָט שוין לאַנג־לאַנג, אָדער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ביז איצט נישט געשפּאַנט. און מיגעליטאָ? — ווי ער וואָלט איצט נאָך קלענער געוואָרן, פילט ער, אַז אַזעלכע פעסטע און גוטע הענט האָבן אים נאָך קיינמאָל נישט געהאַלטן; קוקט ער אויף דער וועלט מיט אויס־טערלישן חידוש: איצט ביי דעם גוטן מענטשן, ביי דעם גוטן סעניאָר אויף די הענט האָט די וועלט אינגאַנצן אַן אַנדערן אויסזען: ער, מיגע־ליטאָ, איז איצט העכער פון אַלע מענטשן אויף דער גאַס... ער קען איצט זייער דייטלעך זען וואָס עס טוט זיך ביי די מענטשן אויף די קעפּ. אָ, ווי גוט, ווי גוט! — טוליעט זיך מיגעליטאָ אַלץ פעסטער און שטאַר־קער צו דעם גוטן חנא.

חנא איז דורכגעלאָפן מיט מיגעליטאָן די פּאָר בלאָק־קוואַדרעס, ביז צום טויער פון זיין וווינונג. באַלד האָט ער אַראָפּגעשטעלט מיגעליטאָן נעבן דער ווינדע און ביידע זענען אַריינגעשטיגן אין דעם מעטאַלענעם קאַסטן, ווי אין אַן אייזערנער שטייג אַריין.

— אָ, — האָט מיגעליטאָ אויסגערופן מיט קינדערשער באַוווּנדע־רונג — די ווינדע איז אַ שענערע ווי אונדזערע און אַ גרעסערע. — האָט ער צענומען די הענטלעך — אָ, דאָ קען מען אַלץ זען. ס'איז ווי מען וואָלט געפאָרן אין אַן עראָפּלאַן...

— טאַקע אַזוי? די ווינדע געפעלט דיר? בין איך טאַקע צופרידן — האָט זיך חנא געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט פאַר פרייד — אַבי עס געפעלט דיר, מיגעליטאָ...

די ווינדע איז אַרויפגעפאָרן אין דער הויך. חנא האָט אויפגעשלאָסן די טיר פונעם דעפּאַרטאַמענט און אַריינגעפירט מיגעליטאָן אין פינצ־טערלעכן האָל אַריין. מיגעליטאָ האָט פאַרזשמורעט די אייגעלעך און זיך אַרומגעקוקט. באַלד האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענטלעך אַן אַנט־ציקטער:

— עס געפעלט מיר דיין שטוב — האָט ער געוויזן אויפן גאַנצן אַרום — דאָ וועט מיר זיין באַקוועם אַרומצופאָרן מיט מיין ביציקלעט.

— איז שוין נישט פאַראַן קיין שענערע ערטער אַרומצופאָרן מיט אַ ביציקלעט? — האָט חנא אויף אים אויסגעשטעלט זיינע נאַיווע, קינ־דיש־געוואָרענע אויגן.

— אָבער, אַז עס רעגנט, אַז עס איז קאַלט, אַז עס איז אַ שטאַר־קער ווינט — קען מען אויף דער גאַס נישט אַרומפאָרן. דעמאָלט איז גליטשיק און מען קען אומפאַלן... אום־אום! — האָט אים מיגעליטאָ אַרויסגעשטעלט אַ שפּיץ צינגעלע, דערפאַר וואָס ער האָט באַלד נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין.

— ביסטו דאָך טאַקע גערעכט, מיגעליטאָ! ביסט כשר גערעכט!

— האָט חנא פאַרלייגט אַ דלאָניע צו אַ דלאָניע, ווי אַ קריסט צום גע־בעט, האָט ער געבעטן פאַרצייאונג; פּערדאָן, מיגעליטאָ, זיי מיר מוחל! איך האָב אַ נאַרישן קאָפּ!

— ניין, ביסט אַ קלוגער! אַלזאָ, וואָס וועסטו מיר שענקען? — האָט מיגעליטאָ געפּיבערט פון נייגעריקייט.

— שוין, אָט גיב איך דאָס דיר, נייגעריקער וואָס דו ביסט! — האָט חנא אים אַרויפגעפירט דורך די געדרייטע טרעפּלעך צו זיך אין צימערל אַריין — אָט גיב איך דיר! — האָט חנא אויפגעפּראַלט די טיר פון זיין צימערל און מיגעליטאָ האָט אַזש איינגעהאַלטן זיין אָטעם פון נייגיר.

חנא האָט אויפגעמאַכט זיין שאַפע. ער האָט אָנגעהויבן זוכן און באַלד האָט ער אַרויסגענומען פון אַ שוואַרץ קאַרטאָן־פּוטליאַרל אַ לאַנגע מויל־האַרמאָניקע מיט ניקלנע דעקלעך און מיט צוויי גלעקעלעך, ווי פלאַ־כע קרוינדלעך איבערן אויבערשטן דעקל. די האַרמאָניקע האָט ער, אַמאָל מיט יאָרן צוריק, גענומען אַלס מוסטער ביי אַ דייטשן ייד, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט פון שפּילצייג; חנא האָט באַצאָלט פאַרן מוס־טער און איז אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג זוכן קונים און נישט געמאַכט קיין איין באַשטעלונג. די האַרמאָניקע איז געבליבן ליגן ביי חנאן אין

דער שאַפּקע יאָרן גאַנצע... ערשט מיט אַ שעה צוריק, ווען ער האָט מיגע־ליטאָן, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען אינעם קאַפּע־הויז, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם חפץ און גלייך באַשלאָסן אָוועקצוגעבן די האַרמאָניקע מיגעליטאָן אַ מתנה... חנא האָט אָפּגעשטויבט די האַרמאָ־ניקע, אָפּגעבלאָזן פון איר דעם שטויב און זי דערלאַנגט מיגעליטאָן אין די הענטלעך אַריין:

— נאַ, נעם דאָס איז פאַר דיר! ס׳געפעלט דיר? — האָט חנא גע־פרעגט דעם פאַרווירטן קינד.

— אָ, ווי שיין! ווי פּרעכטיק! — געטלעך! — האָט מיגעליטאָ אויסגערופן און גיריק צוגעדריקט די האַרמאָניקע צום קליינעם בריסטל, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש — מוטשאַס גראַסיאַס, מוטשאַס גראַסיאַס — האָט זיך מיגעליטאָ דרך־ארצדיק און מיט וויל־דערצויגנקייט פאַרנייגט — שיינעם דאַנק! — האָט דאָס קינד פאַרענ־דיקט דאָס דאַנקען מיט די צוויי יידישע ווערטער, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים אויסגעלערנט זאָגן ביי אַזעלכע געלעגנהייטן.

חנא האָט זיך אויסגעטאָן דאָס רעקל און מיגעליטאָ האָט אַ בלאָז־געטאָן אין דער האַרמאָניקע און אַרויסגעבלאָזן אַ שלל מיט טענער. מיגע־ליטאָ האָט אָנגעהויבן צימבלען און קלינגען מיטביידע גלעקעלעך און נאָך צוגעטופּעט מיט די פיסלעך. חנא האָט זיך פאַרשטאָפּט מיט די הענט די אויערן און זיך געבעטן:

— אוי, דער קאָפּ ווערט מיר צעזעצט! באַליידיק זיך נישט, קינד, וועסט שפּילן אויף דער גאַס... ביסטו צופרידן? — האָט חנא אָנגע־שטעלט אויף מיגעליטאָן אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן.

— שוין, סעניאָר, איך וועל מער נישט שפּילן — האָט מיגעליטאָ פאַלגזאַם אַריינגעלייגט צוריק די האַרמאָניקע אין פוטליאַר אַריין און אָנגעשטעלט אַ פּאָר גליקלעכע און דאַנקבאַרע אייגלעך אויף חנאן — אָ, סעניאָר, איך בין אַזוי מיד... — האָט זיך מיגעליטאָ אָנגעשפּאַרט אין חנאס אייזערן בעטל.

— רו זיך אָפּ, קינד. — האָט אים חנא אָוועקגעזעצט אויפן בעטל און אים אַראָפּגעצויגן פון די פיסלעך די שיכלעך מיט די זעקעלעך. באַל־האָט ער אַ כאַפּ־געטאָן זיין פלעשל מיטן ביסל קעלניש וואַסער, וואָס ער נוצט נאָכן ראַזירן און איינגעריבן מיגעליטאָן די פיסלעך. חנא האָט איינ־געטינקט אַ ווייס טיכל מיטן קעלנישן וואַסער און אָפּגעווישט דעם קינדס

הענטלעך, אָפּגעווישט דאָס פּנימל, איינגעריבן די קניעלעך. דערנאָך האָט ער גענומען פּאַכען מיטן טיכל איבער מיגעליטאַס פּנימל ווי מיט אַ פאָן, אָנגעווייעט אויפן פּנימל אַביסל ווינט און געפרעגט:

— נו, מיגעליטאַ, שיין פּנימל מיינס, אוצרל, פּריינטעלע... ווי פילסטו זיך איצט, האַ? — האָט ער אים שוין געקושט זאַנפט און צאַרט אין די אָפּגעפרישטע פּיסלעך און הענטלעך — האַ, ביסט נאָך מיד?

— שוין, שוין, איך בין שוין נישט מיד — האָט מיגעליטאַ נאָך גע־האַלטן פאַרמאַכט די אייגעלעך און נישט אַרויסלאָזנדיק די האַרמאָניקע פון די הענט האָט ער איינגעצויגן אין זיך דעם שמעקנדיקן ריח — גייען מיר שוין? — האָט זיך מיגעליטאַ פּלוצים האַסטיק אויפגעזעצט.

— איין מאָמענט, קינד, באַלד וועלן מיר גיין. לאָמיר זיך נאָר אָפּ־רוען אַביסל — האָט ערשט חנא דאָס זעלביקע פייכטע טיכל, מיט וועלכן ער האָט אַרומגעווישט מיגעליטאָן זיך אַליין צוגעלייגט צום שטערן — לאָז מיך אָפּרוען אַביסל... — האָט זיך חנא געבעטן.

— גוט, בוענאַ... — האָט מיגעליטאַ צוריק פאַרמאַכט די אייגע־לעך — איך וועל אָפּוואַרטן אַביסל.

חנא איז געבליבן זיצן אַ מידער און אַ דערשעפּטער. ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם האַלדז און געטראַכט, אַז מען דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן, אַ מערדער, זיין אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער נפש, אַז מען זאָל אַזאַ קינד אָפּהאַלטן אין אַזאַ פאַרפּעסטעטן מקום עטלעכע שעה צייט אין אַזאַ חמימה, אָדער לאָזן אַזאַ קינד אַרומבלאָנקען אויפן אָנגעגליטן טראָ־טואַר... אוודאי, ווען דער נאַרישער טאַטע, דער דניאל, וואָלט ער גע־ווען אַ מענטש ווי עס געהער צו זיין — וואָלט דאָך צום גאַנצן אומגליק נישט געקומען... און אפשר זענען די זאַכן אומפאַרמיידלעך?... ווי לאַנג איז איצט איינגאַנצן, ווען דער מין מענטש איז נאָך געווען אַ חיה־רעה? אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט טפשות און מיט רשעות! און איך אַליין בין אויך אַ גרויסער אויסוואורף!... — האָט זיך חנא צעזיפצט — אוי, אוי...

— טוט דיר עפּעס וויי, סעניאָר? — האָט זיך מיגעליטאַ אויפגע־זעצט אויפן בעטל און אָנגעקוקט דעם גרויסן זיפצנדיקן מענטשן מיט גרויס רחמנות. האָט אים דאָס קינד געקוקט אין די אויגן אַריין, אַריינ־געקוקט אים טיף אין דער נשמה אַריין.

— ניין, האַרצעלע מיינס. ניין, קרוינעלע מיינס, ניין! עס טוט מיר

גאָרנישט ווײ. מאַך זיך פון מיר נישט קײן שום זאָרג. — האָט חנא אַ גלעט געטאָן מיגעליטאָן אין די קניעלעך אַרײַן.

— איך וויל שוין גײן, סעניאָר. טו מיר צוריק אָן די שיך מיט די זאָקן — האָט זיך מיגעליטאָ געבעטן.

— שוין, שוין, — האָט זיך חנא אַראָפּגעשטעלט אויף די קניען און גענומען דעם קינד אָנטאָן די זעקעלעך און די שיכעלעך. ער איז שנעל פאַרטיק געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע זײַן קעמעלע און מיגעליטאָן מיט געניטקייט פאַרקעמט די האָר מיט אַ שרונטל. מיגעליטאָ האָט אים מיט צוטרוי אַרײַנגעקוקט אין די שוואַרצאַפּלען און געשמייכלט. באַלד האָט זיך חנא צוריק אָנגעטאָן דאָס רעקל און שוין געוואָלט אַרויסגײן פונעם צימערל. נאָר דעמאָלט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל, האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט: ער האָט פּלוצים אַ הייב־אויף־געטאָן מיגעליטאָן, אים אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון זײַן טישל און זיך אַוועקגעזעצט אויפן אײנציקן בענקל נעבן קינד. האָט אים אָנגעהויבן קושן אין די קניעלעך אַרײַן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט ער צוגעטוליעט דעם שטערן צום קינדס קניעלעך און אַ זאָג געטאָן צום קינד:

— זאָג מיר, ײנגעלע, ווען האָסטו ליבער? — דעם טאַטן צי דער מאַמען? — האָט ער אים אַרײַנגעקוקט אין די קלאָרע אײגעלעך אַרײַן.

— בײדע גלײַך! — האָט דאָס קינד גלײַך געענטפערט און אָנגעהויבן אויסמײַדן זײַן בליק — בײדע גלײַך... — האָט מיגעליטאָס קול זיך געבראָכן מיט שטאַמלונג און אויף זײַן הויכן שטערנדל האָט זיך פאַרצויגן אַ קינדישע פאַרזאָרגטקייט.

— און איצט — וויל איך דיך בעטן אַ טובה, קינד — האָט זיך חנאס פּנים מיט די קינבאַקן פאַרשאַרפט און פאַרקאַנטיקט — גיב מיר צוויי פעסטע און שטאַרקע פּעטש אין פּנים אַרײַן... אַזוי־אָ! שטאַרק און מיטן גאַנצן כוח! — האָט חנא צוגעלײגט זײַן רעכטע האַנט צו דער לינקער באַק און די לינקע האַנט צו דער רעכטער באַק, האָט ער מיט די זשעסטיקולאַציעס געלערנט און געוויזן מיגעליטאָן, ווי אַזוי ער זאָל אים, חנאן, דערלאַנגען די געבעטענע פּעטש.

דאָס קינד האָט דערשטוינט צעעפנט זײַנע גרויסע און שײנע אויגן און געשאָקלט דעציזדירט און נעגאַטיוו מיטן קעפּל אַהין און צוריק:

— נײן, סעניאָר חנא. איך קען אַזאַ זאַך נישט טאָן! — נײן! נײן!

ניין! — האָט מיגעליטאָ באַטאָנט זיינע ווערטער מיט אַ ניגון, ווי אַ געזאַנג.

— דו קענסט יאָ, מיגעליטאָ, — האָט אים חנא אָנגעהויבן צו קושן די הענטלעך —טו עס, ווייל איך בין אַ שלעכטער מענטש! — האָט זיך חנא געבעטן אַ בלאָס־געוואָרענער.

— ניין, ביסט אַ גוטער, אַ גוטער! — האָט זיך מיגעליטאָ צעשמייכלט מיט זיין קינדערשן זיסן שמייכל און חן־גריבלעך האָבן אים אויפגעבליט אויף די בעקלעך און אויף דער גאָמבע.

— ניין, קינד! ניין, מיגעליטאָ! איך בין אַ שלעכטער מענטש... טו אַזוי ווי איך הייס דיר! — באַפעלט חנא אי שטרענג אי מיט געבעט.

— שוין, גוט, בוענאָ... — גיט מיגעליטאָ אַ לייג־צו לייכט און צאַרט דאָס רעכטע הענטל צו חנאס רעכטער באַק און דאָס לינקע הענטל צו דער לינקער באַק און מיט די ליפעלעך בייגט ער זיך צו צו חנאס שפּיץ נאָז און גיט אים אַ וואַרעמען קוש — שוין! — צעגעמט מיגעליטאָ די הענטלעך — שוין, איך האָב שוין געטאָן ווי דו האָסט געוואָלט — גיט מיגעליטאָ אַ פּאַטש מיט די הענטלעך — שוין!

חנא איז נישט באַפרידיקט: ער שאָקלט פאַרעקשנט מיטן קאָפּ און בעט זיך מיטן גאַנצן לייב און לעבן, צאַפּלט ער זיך:

— ניין, מיגעליטאָ... איך וועל פאַרמאַכן די אויגן און דו, מיגעליטאָ, ליכטיק פּנים, גיב מיר צוויי גוטע פּעטש! ניין — מיט די פויסטעלעך דערלאַנג מיר, אַז אַלע מיינע ציין זאָלן מיר אַרויספאַלן — שטופּט ער צו זיין פּנים צום קינד, בלאָזט אָן די באַקן און פאַרמאַכט די אויגן — דערלאַנג אַזוי אַז די ציין זאָלן זיך מיר נעמען שאָקלען! אַז דער קאָפּ זאָל מיר אַראָפּפאַלן! איך בין אַ קאַנאַליע!... אַן אויסוואורף... אַן אינטריגאַנט... — קלאַפּט זיך חנא ווי אַ משוגענער מיט דער פויסט אין דער ברוסט אַריין און מאַכט די אויגן נישט אויף.

— נאָ סעניאָר, נישט אמת! — ווערט מיגעליטאָ פאַרצאַפּלט פון שרעק און ברילױאַנטענע טרערן בלייבן אים שטיין אין די אייגעלעך — ניין, ביסט אַ גוטער און איך וועל דיך נישט שלאָגן! קום שוין, איך וויל גיין צו מיין פּאַפּאַ. — צעיאָמערט זיך מיגעליטאָ און פאַרלייגט זיין קעפּל אויף חנאס אַקסל.

אין איין רגע איז חנא געקומען צו זיך: ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיגעליטאָן אויף די הענט, זיך אויפגעשטעלט, צוגעדריקט דאָס קינד צו

זיין אַנגעווייטיקט האַרץ, צוגעטוליעט אים צו זיין געפּייניקטן און ער־לעבן געוויסן, האָט ער מיט היץ געקושט מיגעליטאָן אין קעפּל אַריין, אין פּנימל אַריין און זיך געבעטן מיט טויט־שרעק און צאַפּלעניש:

— שוין, שוין, וויין נישט מיגעליטאָ... מיר זאָל זיין פאַר דיר, קינד מיינס... מיר זאָל זיין פאַר דיין יעדער טרערעלע... גאָלדן פייגעלע מיינס... איך בין ווערט מען זאָל מיך צעשניידן אויף שטיקער! גאָלדן יינגעלע מיינס... — האָט ער מיגעליטאָן אַנגעהויבן וויגן און זיך דרייען מיט אים אין אַ קאַראַהאָד — גאָלדן פייגעלע מיינס... — איז ער מיט אים אַרויס פון צימערל און אָפן געלאָזן די טיר — מיגעליטאָ... — האָט שוין חנא געהעשעט און אַראָפּגעשלונגען געזאַלצענע טרערן און די אויגן זענען ביי אים רויט געוואָרן, ווי פאַרלאָפן מיט בלוט.

מיגעליטאָ האָט זיך באַרויקט און ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון חנאס צימער און מיט די אייגעלעך עפּעס געזוכט און נישט געוואָגט צו זאָגן וואָס אַזוינס ער זוכט. חנא איז אויף איין רגע אַריין צוריק אינעם צימערל, צוריקגעקומען מיט דער האַרמאָניע, האָט ער דאָס אַריינגעשטופּט צו מיגעליטאָן אין די הענטלעך אַריין. מיגעליטאָ האָט צוגעדריקט די האַרמאָניקע צו זיין ברוסטל און חנא האָט אים געזאָגט מיט אַ שטיל קול און אויסגעמיטן פאַר חרפּה צו קוקן דעם קינד אין די אייגעלעך אַריין:

— איצט, מיגעליטאָ, שפּיל עפּעס. שפּיל וויפל דו ווילסט... אָט גייען מיר שוין, זעסט? — האָט חנא צוגעפירט דאָס קינד צו דער וויג־דע און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר פונעם דעפּאַרטאַמענט מיט אַ טראַמאַסק.

מיגעליטאָ האָט זיך צעשמייכלט מיט די נאָך נישט אינגאַנצן אויס־געטריקנטע טרערעלעך אין די אויגן. דאָס קינד האָט אָנגעהויבן אַריינ־בלאָזן אין דער האַרמאָניקע אַריין און צוגעקלינגען און צוגעצימבלט מיט די גלעקעלעך, ווי עס וואָלט ווער צוגעשפּילט אויף אַ האַרפע; עס איז געווען ווי אַ מחנה גאָלדענע פייגעלעך וואָלטן דורכגעפלאַטערט מיט אַ געשווישטשעריי און טרילעריי.ביידע זענען אַריינגעשטיגן אין דער וויג־דע. חנא האָט ווי אויף שטום־לשון אַ ווייז־געטאָן מיט אַ פינגער מי־געליטאָן, אַז ער זאָל אַ דריק־טאָן אויף אַ שוואַרצן קנאַפּיק און האָט פאַר־רוקט די מעטאַלענע שטאַכעטן־טירן. די ווינדע האָט לאַנגזאַם און מיט אַ שלאַנגיש שאַרכעריי זיך גענומען אַראָפּלאָזן אין אָפּגרונט אַריין, אונטן

אַראָפּ, צו דער גאַס. און מיגעליטאָ האָט מיט זיין גאַנצן קינדערשן כּוח
אַריינגעבלאָזן אין דער האַרמאָניקע אַריין, און אַזוי מיטן צושפּיל פון דער
קינדערשער מוזיק — צעשאָטענע חמרים־כוואַליעס מיט טענער און
קלאַנגען, האָט זיך חנא מיט מיגעליטאָן — „דאָס גאָלדענע פייגעלע" צו־
זאַמען מיט די אַנדערע נישט־געזעענע גאָלדענע פייגעלעך, אַראָפּגעני־
דערט און אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן באָדן פון דער פאַרנאַכטיקער, רשעות־
דיקער און נאַרישער, שוין מיט שוואַרצע און פינצטערע שאָטנס ווימ־
לענדיקער וועלט...

פון זעלבן מחבר:

ליבשאַפט — — — — — — — — — — — — 1952

מאַרגנווינט — — — — — — — — — — — 1934

די אייביקע וואָך — — — — — — — — — — 1938

בלוט און ווײַן — — — — — — — — — — — 1944

דאָס בלויע שיפעלע — — — — — — — — — — 1948

(האָפער־לייב פרעמיע 1953)

Este libro se terminó de imprimir el día 29 de Junio de 1955, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, S. R. L. - Avda. Corrientes 1976. Buenos Aires. República Argentina.

149832